אין ספר שארית ישראל שטייט געשריבען אז דם וואס אינוועדי חכמים ריפען אן זקני עם הארץ. איז נישט אזוי וויא דער עולם מיינט אז איין עם הארץ הייסט אזוי איינער וואס האט נישט קיין שום חכמה אין חכמת דתורה נאר אפילו ער האט אין זיך חכמה און חכמת התורה. ער איז אגרויסער למדן אין ש״ס אוך אין פוסקים. נאר ער איז איינגעהילט אין תאוות עולם הזה הייסט דאס זקני עם הארץ. און זקני תורה מיינט מען אז ער האלט זיך אין דער תורה וויא עס בעדארף צו זיין אפילו ער קען נישט לערנין נאר ער קען זאגין שירות ותשבחות פון ספר תהלים און ער איז אערליכער מענש הייסט דאס זקני תורה:

(א) אין ספר יוסף אומץ שטייט ווען אפילו מען הייבט נישט אן צו טאן קיין איינציגע

זאך

(כו) טעם. אז מען רעדט דברים בטלים וועט נישט שווער אויף דעם גוף
ווייל אז מען רעדט דברים בטלים קומט נישט צו דעם גוף
אותיות פון זיא. ווייל אין זיא אליין איז נישט דא קיין חיות. אבער אז מען לערינט תורה קומט פון דעם אותיות חיות צו דעם גוף. וועט דער גוף פון דעם שווער. אזוי ווי א סם וועט בייא דעם מענטש דער גוף שווער נאך דעם סם ווייל עס קומט צו דעם גוף אותיות פון דעם סם. ליקוטי יקרים:

(כט) טעם, וואס מען טאר נישט גיין מיט דעם קאפ אין דער הייך אויף
גישפעלט. כדי מען זאל זעהן אויף דער ערד אז ער וועט
שטארבען וועט ער דורך דעם נישט זינדיגען: של"ה:

(ל) טעם. אז מען בעהט אויף ארפואה בעהט מען אז השי"ת זאל שיקען
ארפואה שלימה מן השמים. פאר וואס זאגט מען נישט
אזוי ווען מען בעהט אין אנדערי בקשה. ווייל דער מענטש איז בעשאפען גיווארין פון פיהר יסודות. ערד. ווינט. פייער. וואסער. אין דאס וואס איינער וועט חו"ו קראנק איז ווייל דיא פיהר יסודות וועגין נישט גלייך. איינם מיהט זיך שטארקען איבער דעם אנדערין. אין עס איז נישט שלום צווישען זיא. והנה אין פסוק ויקרא אלקים לרקיע שמים. נאך האט גריפען צו דעם פערשפרייטינג הימעל. זאגט רש"י. שמים. אש ומים. אפילו פייער אין וואסער וועגין איינם דעם אנדערין אקעגין. ווייל וואסער לעשט דאס פייער. האט גאט גימאכט שלום צווישען זיא. אין האט פון זיא בעשאפין דעם הימעל. אין אזוי אויך בעטין מיר ארפואה שלימה ב). היינו ער זאל מאכען שלום צווישען דיא יסודות. אזוי ווי ער
האט

---

זאך ביום ב' וביום ד'. אבער אזא זאך וואס איז קודש. היינו אדבר מצוה אדער תורה הייבט מען אן ביום ב' וביום ד' דער סימן איז ב"ד קודש. היינו ביום ב' וביום ד' קען מען אן הייבין אדבר של קדושה:

א) עס שטייט אין (אבות פ"א) כל המרבה דברים מביא חטא ווער עס מיהט זיך רעדין ברענגט אויף זיך זינד. דער עבודת ישראל שרייבט אז דורך דברים בטלים איז ער גורם מיהל שלעכטיץ אז ווען דער מענטש זאל אויף שרייבין אויף אפאפיר די אלע זאכין וואס ער מיט רעדין אגאנצע טאג וועט ער דער נאך זעהן אז ער וועט זיך פאר זיך אליין שעמין. אין באמת דער חטא פון דברים בטלים איז אזוי גרוים ווייל ער קלערט קיין מאל נישט
אויב ער דארף דערייבער תשובה טאן:

ב) ובשם הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר פנחס מקאריעץ זצוקל"ל אז אין דער תורה זענין מרומז אלע מיני רפואות וואס זענין בנמצא אין דער וועלט. אזוי ווי עס האט
זיך

האט גימאכט שלום אין הימעל . דורך דעם זאגט מען . מן השמים בוצינא דנהורא :

(לא) טעם. אז מען וויל אז מען זאל דעם קינד נישט געבן איין עין הרע זאל מען ארויף קוקען . ווייל איין עין הרע קומט אז מען ווערט אשיינע זאך . אדער אז איינער האט פיהל געלד אדער קינדער. אדער אין שטארקייט. אדער איין אנדערי מעלה . און ער טהוט זיך אויף דעם פערווינדערין . ווען אפילו ער פערווינדערט זיך מיט ליבשאפט איז ער פארט נודם שלעכן . וואריין מיט דעם וואס ער פערווינדערט זיך טוהט ער אפשיידען דיא זאך פון זיין שורש . וואריין דער וואס ער ווערט זאל זיין אחכם און בעהעפט אין השי"ת וואלט ער זיך נישט פערווינדערט . וואריין עס געשיקט זיך נישט צו פערווינדערין אויף דיא מדה פון השי"ת . דורך דעם זאל מען ארויף הייבען זיינע אויגען און מיט דעם טיהט ער דיא זאך צו קניפען צו זיין שורש . ודע קודש:

(לב) טעם. וואס דער מנהג איז אז נשים מאכין צו דעם חזן וואס איז מתפלל כל נדרי אטלית אדער איין אנדערי זאך . ווייל די גמרא זאגט אז אין דער זינד פון נדרים שטארבט דאס ווייב פון דעם מענטש . דריבער ווייל דער חזן איז מתיר דיא נדרים מאכין זייא אידם איין זאך פיר אתנה:

(לג) טעם. וואס מען טאר נישט נעבין אועלבע זאכין וואס מען עסט אדער מען טרינקט אונטער דעם בעט ווען מען שלאפט. ווייל דער זיך אמעשה גיטראפין בייא איין מענטש וואס עס האט זיך אידם גילאזט דאס בלוט פון דער נאז אן אשיעור . אין די קרענק האט זיך אזוי נישטארקט רח"ל אז די דאקטורים האבין שון נישט גיהאט קיין שום רפואה אין האבין אידם מיאש גיוועזין . און דער חולה האט שון גימאכט אצוואה פאר דעם טויט . אין זיין בני בית האבין גיוויינט . האט זיך גיטראפין אמעשה אין האט גיזעהן דיא גרויסע צרה אז דער קראנקער איז באלד טויט . איז ער גילאפין אין האט גיברענגט איין מאס ניסען אין שטארקען וויין . און האט גיהייסען דעם קראנקען דעם וויין טרינקען מיט איין מאל נישט אפ צו רוהען . אין אזוי ווייא ער האט דעם וויין גיטרונקען איז ער גיהיילט גיווארין אין דאס בלוט האט אוף גיהערט צו גיין אין דיא אלע דאקטורים האבין זיך פערווינדערט . און האבין גילובט השי"ת וואס ער האט געשאפין אוף דער וועלט עלות אין רפואות. און ווייא מען האט דאס דער ציילט צו הרב הצדיק מוהר"ר פנחס מקארעץ זצוק"ל האט ער זיי גיוויזען אז די רפואה איז מרומז אין די תורה . ודם ענבים סוהה . סותה איז דאס לשון רפואה . היינו אז עס גייט פון איינים בלוט איז דיא רפואה וויין צו טרינקען:

דער שלאף איז אזעלכעס טייל פון דעם טויט. ווייל עס גייט פון איהם אוועק די נשמה. און דורך דעם רוהט אויף דעם מענש ווען ער שלאפט ארוח הטומאה. און דאס איז אויך דער טעם וואס מען ניצט זיך אפ אין דער פריה די הענד. און אז די מאכלים אדער די משקאות זענען אונטער דעם בעט. איז גלייך ווי זיי ליגען אין איין אוהל המת. רוהט אויף זיי ארוח טומאה. א) תו"ח:

(כד) טעם. וואס מען קען נישט טהור ווערין פון א טומאה נאר אין וואסער ווארין דער רוח. דאס הייסט דער רוח הטומאה. קען נישט אריין קומען אין דעם וואסער. און אזוי ווי מען קומט אריין אין וואסער ווערט פון אדם איינציגוויים אויסגיצוגין די טומאה. דריבער האבען אונזערע חכמים ז"ל געוואגט אז עס בעדארף דיין דער גאנצער קערפער אין וואסער. און אזוי באלד עס בלייבט איבער אפילו נאר דער שפיץ פון איין האהר וואס איז נישט אין וואסער קען ער שוין נישט טהור ווערין פון דער טומאה. ווארין אויף דעם ארט האלט זיך די טומאה און זי גייט צוריק אויף דעם גוף. ב) חסד לאברהם:

(כה) טעם. וואס עס איז א סגולה צו לאכען ווען איינער פאלט. ווייל עס איז בודאי אויף איהם גיוועזען איין דין און דורך דעם לאכען ווערט דער דין נמתק. אויף דעם זאגט דער פסוק בנפול אויבך אל תשמח וגו'. דער פסוק איז מזהיר אז דער פיינד פאלט זאל מען זיך נישט פרייען. נאר מען זאל האפען צו נאט און מען זאל אין דער פריה און ביי דער נאכט

ניין

---

א) ובשם הגאון מוה"ה אר"י זי"ע (?) ז"ל אז אזעלכע מאכלים וואס זיי זענען נישט ניקאכט היינו רעטיך אדער ערד עפיל ופדומה טאר מען אוך דארט נישט לייגען. אין ווען עס האט זיך גיטראפען דס מען האט גילייגט. זאל מען זיי אוועק ווארפען אויף איין ארט וואס מענש זאל זיי נים נעמען. אין דער שבות יעקב שרייבט דאס אז מען האט שוין גילייגט איז קיין חשש איסור נאר מען בעדארף נזהר צו זיין נישט צו לייגען מאכלים אדער משקאות אונטער דעם בעט:

ב) הגאון הקדוש בעל תו"ח האט געהייסן אכטונג געבין צו די נשים וואס זענען גיוועזען בייא דער מקוה. אז אזוי באלד עס וועט זיך קיסען טובל זיין איין אשה וואס זיא גייט אין די האר זאל זיא זיך אן טיהן אויף איהר קאפ איין נעצהויב. אין די נעצהויב איז תמיד גילעגען אין אורט פון דער טבילה. אין מען האט נישט גילאזט טובל זיין איין אשה וואס זיא גייט אין די האר נאר אז זיא זאל זיך אן טיהן די נעצהויב. כדי עס זאל אפ היטען פון איין איסור ערוה וויא ווייט מעגליך איז: די טבילה בעדארף צו זיין דריא מאל. ווייל טאמער וועט זיא זיך נישט דאס ערשטע מאל נים טובל זיין. הסנהג (?):

זיין אין בית המדרש אריין צו דינען גאט וועלין זיא אליין האבען אמפלה. ווען אבער מען פרייט זיך אויף זיין מפלה. אדער מען טוהט איהם שפים נאך יאגען. טוהט מען איהם נאך דער מיט אטובה. בשם הבעש״ט ז״ע:

(לו) טעם. אז די וואס האבען אדין תורה זייען ארויס פון דעם בית דין נאך דעם וואס זיי האבין גיזאגט די טענות. כדי דער בעל דין זאל נישט וויסען ווער עס האט איהם מחייב גיוועזען. כדי די דיינים זאלען זיין בעליעבט ביי דיא מענטשין. א) רמב״ם:

(לז) טעם. וואס מען רופט צו אפרים. פישיל. ווייל יעקב האט גיבענטשט די קינדער פון יוסף וידגו לרוב. זיי זאלען זיך מעהרין אזוי ווי פיש מעהרין זיך און ביי אפרים שטייט מעהר ארויס די ברכה עס שטייט דארט כי הפרני אלהים. בשם הרב הצדיק הקדוש מוהר״ר פינחס מקאריץ זצוק״ל:

(לח) טעם וואס דער מנהג איז צו זאגין לחיים אז מען טרינקט משקה. ווייל דער וויין האט גיברענגט אקללה אויף דער וועלט. ווען נח האט פון איהם גיטרינקען און ער האט גישעלט צו זיין זוהן כנען. דריבער זאגט מען לחיים אז די משקה זאל אונז נישט שאדין נאר עס זאל זיין לחיים. ליקוטי הפרדס:

(לט) טעם. וואס מען שלאגט אהן די מזוזה באלכסון (שיהף). ווייל עס איז דא אדיעה אז מען בדארף דיא מזוזה שטייענדיג אהן שלאגין. און אמייל זאגין אז זי בדארף ליגען על כן זענין מיר יוצא כל הדיעות און מען שלאגט זיא אהן באלכסון. רמ״א סי׳ רפ״ט:

(מ) טעם. וואס דער רב פון דער שטאט זאגט ביי דער ק״ש מיט אהויך קול די פרשה פון ציצית וואס דארט שטייט דאס ענין פון יציאת מצרים. ווייל יציאת מצרים איז מען מחויב צו זאגין מן התורה און נישט איעדער מענטש איז מכוין בשעת דעם זאגען. דריבער זאגט דער רב מיט אהויך קול די פרשה פון ציצית מעורר צו זיין די כוונה. כרם שלמה:

טעם

א) מען האט גיפרעגט צו הגאון מהר״י מפראג זצ״ל פאר וואס אז מען קומט פרעגין אשאלה אויף איין טריפה ווען אפילו דר שאדין איז פון דר טריפה פינפציג גולדין רעד ער נאר נישט אין גייט אוועק. און אז צוויא מענטשין קומען זיך לאדין איבער מיער ר״ג אזוי באלד זין איז איינים מחייב מיהט ער שרייען און וויל גישט האלטין דעם דין תורה. האט הגאון מפראג גענפערט דורך דעם מיהט ער שרייען ווייל זיין צער איז נישט פאר וואס ער האט שאדין. נאר ווייל זיין חבר איז מרויח ווען אפילו נאר אביסיל:

(מא) טעם. אַז בְּשַׁעַת מֶען אִיז מְסַיֵּים אַ סֵפֶר אִין דֶער תּוֹרָה זָאגְט דֶער קוֹרֵא מִיט דֶעם קָהָל מִיט אַהוֹיךְ קוֹל חזק חזק ונתחזק. וַוייל דִּיא גְּמָרָא זָאגְט אִין מס׳ בְּרָכוֹת אַז פִיעֶר זַאכֶען בֶּעדַארְפִין חִיזּוּק. תורה, און מעשים טובים וכו׳ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק רַק חזק. דוּ זָאלְסְט דִיךְ שְׁטַארְקִין. מֵיינְט מֶען אִין דֶער תורה. ואמץ. אִין מַעֲשִׂים טוֹבִים. פרי חדש:

(מב) טעם. וָואס אַבְּלִינְדֶער אִיז חַיָּיב מְקַדֵּשׁ צוּ זַיין דִּי לְבָנָה. אוּן בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת בֶּעדַארְף עֶר אִיבֶּער דֶעם לֶעכְט נִישְׁט אַבְּרָכָה מַאכִין. וַוייל בַּיי דֶער לֶעכְט פוּן דֶער לְבָנָה אִיז נִישְׁט דִּי כַּוָּונָה דָאס דֶער וָואס מַאכְט דִּי בְּרָכָה זָאל הֲנָאָה הָאבֶּען. נָאר אוֹיף דֶער טוֹבָה פוּן דֶער וֶועלְט וָואס אַנְדֶערִי מֶענְטְשִׁין הָאבִּין הֲנָאָה פוּן דֶעם. אָבֶּער בַּיי דֶעם לֶעכְט וָואס מֶען צִינְד אָהְן בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת קֶען עֶר נִישְׁט אַבְּרָכָה מַאכִין נָאר אַז עֶר אַלֵיין אִיז נֶהֱנֶה פוּן דֶער לֶעכְט. מחצית השקל:

(מג) טעם. וָואס מֶען הֵייבְּט אוֹיף דִּי קערה בְּשַׁעַת מֶען זָאגְט הא לחמא עניא. מְרַמֵּז צוּ זַיין דָאס השי״ת וֶועט אוּנְז אוֹיף הֵייבִּין. מטה אהרן:

(מד) טעם. וָואס מֶען זָאגְט נִישְׁט דִּי י״ג מדות און רבונו של עולם. בְּשַׁעַת אַז מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דִּי סִפְרֵי תּוֹרוֹת אַז יו״ט גִּיפַאלְט אִין שַׁבָּת. וַוייל שַׁבָּת אִיז אָסוּר צוּ בֶּעטִין בַּקָּשׁוֹת. א) מ״א:

(מה) טעם. וָואס מְ׳זָאגְט אשרי פַאר סְלִיחוֹת. וַוייל דָאס אִיז אַגְרוֹיסֶער שֶׁבַח צוּ השי״ת. לבוש:

(מו) טעם. דָאס דֶער וָואס אִיז מִתְפַּלֵּל סְלִיחוֹת אִיז אוֹיךְ מִתְפַּלֵּל דִּיא תְּפִלָּה פוּן יוצר אור וכו׳. און דִּי תְּפִלָּה פוּן מנחה אִין דֶעם טָאג. וַוייל דֶער וָואס אִיז מַתְחִיל דִּי מִצְוָה זָאגְט מֶען אִיהְם דָאס עֶר זָאל דִּי מִצְוָה גוֹמֵר זַיין. שָׁם:

(מז) טעם. וָואס מֶען זָאגְט נִישְׁט צִדְקָתְךָ אֲפִילוּ יוֹם כִּפּוּר גִּיפַאלְט אִין שַׁבָּת. וַוייל עֶס שְׁטֵייט דָארְט מִשְׁפָּטֶיךָ תְּהוֹם רַבָּה. אַז דַיין מִשְׁפָּט אִיז זַייעֶר גְּרוֹיס. און מִיר בֶּעטִין רַחֲמִים אִין יו״כ. לבוש:

(מח) טעם. וָואס דֶער מִנְהָג אִיז אִין הושענא רבה אוֹיף צוּ זַיין דִּיא

נאַנצע

---

א) אָבֶּער אַז יום כִּיפּוּר גִּיפַאלְט אִין שַׁבָּת זָאגְט מֶען י״ג מִדּוֹת. אִין אַטֵייל גֶעגִין זִיךְ. נוֹהֵג אַז ראש הַשָּׁנָה גִּיפַאלְט אִים שַׁבָּת זָאגְט מֶען אוֹיךְ י״ג מִדּוֹת אִין רבש״ע. מטה אפרים:

גאנצי נאכט . און מען זאגט אלע ספרי תהלים . ווייל עס איז די אושפיזא פון דוד המלך און דוד איז תמיד אויף געוועזן און געזאגט שירות ותשבחות דריבער וועגין מיר מעורר זיין מרה. מחזה אברהם:

(מט) טעם. דאס דיא פיוטים וואס מען זאגט ווערין אהן גירופען יוצר. ווייל מען האט עס מקרב געוועזן צו זאגען ביי יוצר אור ובורא חושך. עוד טעם. ווייל עס איז אשבח ליוצר כל . צו השי״ת וואס ער האט אלע זאכין בעשאפען:

(נ) טעם. דאס דער מנהג איז אז מען גיט צו דעם אנדערין שלום זאגט מען שלום עליכם און דער אנדערער זאגט צוריק עליכם שלום. ווייל אונזערע חכמים האבין גיזאגט גזילת העני בבתיכם. היינו אז מען גיט צו איינעם שלום און ער זאגט איהם נישט צוריק שלום הייסט דער אגזלן. כהיום אז די תשובה וועט זיין אזוי ווי די שאלה קען מען חושד זיין אז דער וואס ער זאגט צוריק שלום. דאס דער זאגט צו ערשט שלום און דער אנדערער ענפערט איהם נישט. אזוי וועט מען איהם בחנם חושד זיין. דרום האט מען גימאכט דעם סימן כדי מיזאל וויסען ווער עס גיט צו ערשט שלום און ווער עס ענפערט:

(נא) טעם. וואס דיא חכמים ווערען אהן גערופען תלמידי חכמים. ווייל כל זמן ער האלט זיך פאר אתלמיד דאס ער בעדארף נאך לערנען ווייל די תורה האט קיין סוף. הייסט ער אחכם. אבער אז ער האלט זיך פאר אחכם דאס ער בעדארף שוין נישט מעהר צו לערנען. הייסט ער נישט אחכם און נישט אתלמיד. ישמח משה:

(נב) טעם. וואס מען מאכט קארבען צו אצייכען אויף די מילעכדיקע כלים נישט אויף דיא כלים פון פלייש . ווייל עס שטייט ובחריצי החלב. א) לבוש:

דיא

---

א) דער מנהג פון ישראל איז אתורה . דורך דעם בעדארף מען נישט משנה זיין קיין איינציגען מנהג . מען זאל זיך אראיה נעמין פון משה רבינו . און פון די מלאכים. משה רבינו איז געוועזין אין הימעל פערציג טאג און פערציג נעכט און האט נישט גיגעסין . און די מלאכים ווען יוועזין ביי אברהם אבינו און האבין גיגעסין: וכמו עס האט זיך אמעשה גיטראפין אין דער צייט ווען מען האט אויף יודען אויס גיטראכט אז זייא בעדארפען בלוט. אז איין ערל האט גענימען אמעסער ער זאל קוילין איין שווין ער זאל מאכען איין שקר בלבול אויף יודען . דאס ער גימאכט אין מעסער קארבען כדי צו ווייזען אז יודען האבין עס געטהין . ווייל אזוי איז דער מנהג פון יודען אז זייא

מאכין

דיא מדה פון דרך ארץ איז זייער חשוב פאר השי"ת ווייל דער ישוב פון דער וועלט קען נישט זיין נאר בדרך ארץ. און דריבער קויפט זיך דער מענטש עוה"ז און עוה"ב. הגאון יעב"ץ:

דער מענש זאל נישט עסין ווען ער שטייט. אזוי אויך זאל ער נישט טרינקען ווען ער שטייט. ער זאל נישט ריידען אין דער צייט ווען ער עסט. ער זאל נישט אוים ווישען דיא שיסעל ביז צום לעצט ביא דעם עסין. ער זאל נישט אפלעקין דיא פינגער. ער זאל עסין מיט דער רעכטי האנד נישט מיט דער לינקער. ער זאל נישט עסין אזאך און זאל עס אפרייסען מיט ויינע ציין און צוריק לייגען אין דער שיסעל: א)

ווען דער מענש קומט אויף איין ארט זאל ער נישט מתכבד זיין ער זאל זיצען בראש. נאר אויף אזוי איין ארט וויא עס טרעפט זיך איהם ווען

מאכען קארבען אין זייערע מילעכדיקע כלים. נאר ווייל ער האט נישט געוויסט וויפיהל קארבען צו מאכען האט ער גימאכט מער וויא דרייא קארבען. נאר מען האט אוים געוויזען אז דער מנהג איז צו מאכען נאר דרייא קארבען. און דורך דעם האט זיך דער ישראל מציל גיוועזין. אויך האבין איניגע חכמים גיזאגט אז אמנהג ברעכט איין דין. דאס איז דער סימן פון אגה"ב אפיקורסת אין מינות ווער עס איז משנה אמנהג פון ישראל. און ער בעדארף האבין בדיקה: התו"ס

דיא גמרא זאגט אין סנהדרין אז איין זאך פון פרהסיא אפילו ביא איין גרינגע מצוה זאל ער זיך לאזין הרגענין און זאל נישט עובר זיין. אפילו נאר איבער צו ענדערין איין שעכיר פון אשוך. אז דער מנהג איז פון גוים צו מאכען די רעמדליך פון די שיך רויט. און דער מנהג פון יודען איז צו מאכען די רעמידליך פון די שיך שווארץ. וואס אין דעם איז נישט דא קיין מצוה נאר אמנהג. זאל ער מקדש השם זיין. אז ווען איין גוי זאגט צו איין יוד בפרהסיא מאך דיינע רעמידליך פון די שיך רויט. און ווען נישט וועלין מיר דיך הרגענין זאל ער זיך לאזין הרגינין און נישט עובר זיין צו גיין וויא זייא זייען:

א) ר' עקיבא האט גימאכט אסעודה צו זיינע תלמידים האט ער פאר זייא גיבראכט צוויי עפלייי גיקעכין. איין עסין איז גוועהין אין גאנצין גיקאכט. און דאס אנדערי עסין איז נישט גיוועהין אין גאנצין גיקאכט. דער קלינער וואס איז גוועזען צווישען זייא האט גענומען אשטיק פלייש אין זיין האנד אז ער זאל עס איבער רייסען און ער האט נישט גיקענט. האט ער זיך דער פון צוריק גיצויגען. און האט דאס ברויט אזוי גינעסין. און דער גער פון צווישען זייא האט גינומען דאס שטיק פלייש אין זיין האנד און האט עס גירייסען מיט זיינע ציין. אזוי האט ר' עקיבא צו איהם גיזאגט נישט אזוי מיין זוהן. נאר שטעל אריין דיין פיס אין דיים עס איבער. נאך דעם האט ר' עקיבא פאר זייא גיברענגט נישע מאכלים האבין זייא גיגעסין און גיטרינקען. נאך דער סעודה האט ר' עקיבא צו זייא גיזאגט. מיינע קינדער איך האב דאס אזוי גיטאן כדי איך צו פריווען אויב עס איז דא ביא אייך דרך ארץ אויב נים:

ווען אפילו ער איז איין אדם גדול. ווארין דאס ארט איז ניט מכבד דעם מענש וואס ער זיצט אויף דעם ארט. נאר דער מענש איז מכבד דם ארט: ווען ער איז אויף אסעודה זאל ער זיך ניט וועצין העכער פון אזא מענש וואס ער איז גרעסער פון איהם מיט יאהרען. ווייל עס איז קיין דרך ארץ. אויך ווייל ער איז גרעסער פון איהם מיט יאהרען האט ער בוודאי אנגעסעסין זכות פון איהם. און בפרט אז ער איז פון איהם גרעסער מיט חכמה: א)

ער זאל ניט טרינקען זיין כוס אויף איין מאהל. ער זאל ניט געבין פון דעם כוס וואס ער טרינקט צו זיין חבר ווייל עס איז אסכנה. ווען איינער עסט זאל מען איהם ניט וועהען אין זיין פנים. אזוי אויך ניט אין זיין טייל כדי ער זאל ניט פערשעהמט ווערין. ווען זיין חבר שוהט ריידען זאל ער ניט אריין קומען אין זיינע רייד. נאר ער זאל איהם לאזען אויס ריידען. אויך זאל ער ניט אפווענדין די רייד פון זיין חבר:

דיא זאלסט אפ היטען דיין מויל פון צו ריידען לשון הרע און רכילות. דו זאלסט ניט גיין אין דעם הויז פון דיין חבר ביז דו זאלסט איהם צו ערשט בעקאנט מאכען. ב) דער מענש זאל נזהר זיין אז עס זאל איהם ניט גיין איין ריח פון זיין מויל. אויך דיא נאז זאל איהם זיין ריין. כדי ער זאל ניט זיין פערמיהדט ביא מענשין. מען זאל נזהר זיין אז זיינע קליידער זאלען איהם זיין ריין:

זאלסט רעכענין איבער דיינע רייד פאר זייער ארויס גיין פון דיין מויל ווארין נאך דעם ווען דיא רייד גייען ארויס פון דיין מויל אזוי האסטו די רייד ניט קענין צוריק קעהרין אזוי ווי דער וואס טוהט שיסען קען ניט דיא קאנעל צו זיך צוריק ציהען:

עס זאל ניט אויף גיין אויף דיין דעה אז דו זאלסט מנצח זיין דעם חכם ווייל דו האסט ניט מעהרין אויף דיין קלוגהייט חכמה. זאלסט ניט

---

א) אויך באדארף מען נזהר זיין זיך ניט צו מאכען פאר אשטאלצען עניו. דהיינו ער זאל זיך ניט אויס וועהלין אזוי איין ארט וואס דאס ארט איז זייער נידעריג. ווארין ווען איינער מאכט זיך צו שטארק פאר איין עניו איז עס אויך גאוה. נאר אזוי איין ארט וואס איז ניט צו הויך און ניט צו טיהל נידעריג:

ב) יעדער מענש זאל זיך אפ לערנין דרך ארץ פון השי"ת ער איז געשטאנין אויף דער טיהר פון דעם גן עדן און האט געריפען צו אדם און האט איהם געפרעגט וויא ער איז. כדי ער זאל ניט מביוש ווערין ווייל ער האט געגעסין פון דעם עץ הדעת:

נישט זיין ביי איבער אקליינע זאך אקעגן יעדען מענש. ווייל מאמער ווערסטו צו דיר נעהמען שונאים בחנם:

**דיא** זאלסט נישט וועלין וויסען דיא פערבארגענע זאכען וואס עס ווענין צווישען אמענש מיט זיין חבר. און אזוי אויך זאלסטו נישט וועלין וויסען אזא זאך וואס דיא זאך איז פארדעקט פון דיר:

**דיא** זאלסט נישט רעכענין פאר אזינד צו אזוי איינעם וואס ער קומט זיך פאר דיר פאר ענפערין ווען עס איז אמת אין ווען אויך עס איז שקר. כלומר ווען ער טוהט זיך נאר פאר דיר פארענפערין זאלסטו שוין דעם תירוץ אהן־נעהמין:

**דער** דרך ארץ איז אז מען זעהט איינעם טוהן אמלאכה זאל מען איהם גליק וינשען ווען אפילו איין עכו״ם:

**דער** בעל הבית זאל צו ערשט ארין גיין אין דער שטוב דער נאך דער אורח. אין ביא דעם אוועק גיין זאל צו ערשט גיין דער אורח און דער נאך דער בעל הבית:

**ווען** איינער קומט צו דיר אין שטוב און דו ווילסט איהם מכבד זיין. זאלסטו איהם נישט פרעגין אויב ער וויל עפיס עסין אדער טרינקען. וואריין אויף דער שאלה איז דיא תשובה אז ער וויל נישט עסין און נישט טרינקען. נאר זאלסט פאר איהם געבין וואס דיא ווילסט אהן אשאלה:

אז דער מענטש האט מיט זיין חבר טענות ביי זייער מסחר זאל ער נישט זיין איילינ מיט איהם צו קומען אין משפטים. ווייל עס איז נישט שיין פאר אתלמיד חכם ער זאל זיך מבזה זיין פאר דיא דיינים. א) על כן איז

בעסער

---

א) דיא גמרא זאגט אין בבא מציעא. רבה בר בר חנה האט גידינגין פועלים דיא זאלין איהם טראגען פעסער פון איין אורט צו דעם אנדערין אורט. איז איין פאס ביא זיא צו בראכין געווארען האט רבה בר בר חנה ביא זיא אפשכון גענומען ווייל דיא זענין נושאי שכר. ער האט זייא ניצאלט מיר זייער ארבייט. זענין דיא פועלים מיט איהם גיגאנגין ארין תורה האבין צו רב. דער רבי פון רבה. האט רב גיזאגט צו רבה. גיב זייא אפ דאס משכון. האט רבה גיזאגט צו רב. איז דען אזוי דער דין. האט רב צו איהם גיזאגט. דער דין איז אז זייא בעדארפין דיר צו צאלין פאר דעם פאס. נאר זאלסט מיט זייא טאן לפנים משורת הדין. למען תלך בדרך טובים. כדי זאלסט גיין אין דעם וועג וואס אלע גוטע מענשין גייען. האבין דיא פועלים צו איהם גיזאגט. מיר זענין ארימע לייט אין מיר האבין דעם גאנצין טאג גיארבייט. און מיר האבין נישט קיין פרנסה האט רב גיזאגט צו רבה. גיב זייא זייער שכר. האט רבה גיזאגט צו רב איז דען דער דין אזוי. נישט גענוג אז זייא האבין מיר דאס פאס צו בראכען און זייא צאלין מיר נישט. זאל איך

נאך

בעסער או ער זאל עפים מותר זיין. נאר או עם איז נישט דא קיין שום אופן זאל ער מיט איהם גיין לדין. קיצור שו"ה:

אז מען האט אחשבון מיט זיין חבר זאל מען מיט איהם נישט מדקדק זיין וועגין אדבר קטן. קיין אלטען חשבון זאל מען נישט אוועק ווארפען. וייל ער קען פיהל מאהל צו ניטץ קומען. או דו וועסט צו איינעם אפ געבין אחוב זאלסטו וועהן דאס ער זאל דעם חוב תיכף אפ שרייבען:

דער מענש זאל זיך זייער מרחק זיין פון שבועות. אויך נישט צו שווערין אשבועה. איך לעבין. וייל דאס איז אשבועה גמורה. ווארין דאס נפש איז אחלק פון השי"ת. אויך זאל מען נזהר זיין ער זאל נישט אהן נעמין מיט דער האנד ביא דער בארד אין שווערין. ווייל דאס איז אויך אשבועה חמורה. אויך זאל ער נישט שווערין ביא עולם הבא או עם איז וויא ער זאגט:

אויך זאל ער נישט שווערין וויא איך בין איין יהודי. ווייל דאס איז אשבועה חמורה. מען זאל נישט שווערין מקיים צו זיין די מצות. ווייל דער שטן וועט מקטרג זיין וועט ער זיין שבועה נישט מקיים זיין:

אויף אלע זאכען וואס דו האסט אין זין צו טוהן זאלסטו זאגען 'בלי נדר. או דו וועסט קויפען סחורה אין וועסט מרויח זיין. זאלסטו זאגען איך האב מרויח גיוועזען בעזר השי"ת:

## ליקוטים יקרים ונחמרים ממאמרי השי"ם פון מוסר און מדות:

אין אדם נוגע. דער מענש רירט נישט אהן אין דעם וואס עם איז אהן־גענרייט צו זיין חבר. היינו ער זאל נישט זארגען אין זאגען דם דער וועט מיר שאדען מיין פרנסה. ווארין דאס וואס איז צו דיר אוים גיזעצט וועט צו דיר מוזען קומען. יומא דף ל"ח:

אכול בצל. דו זאלסט עסין אזעליכע מאכלים און קרייטעכצער וואס זיי זענין נישט טייער אין זאלסט קענין זיצען אין דיין הויז אהן דאגה. און דו זאלסט נישט עסין טייערי מאכלים אין נאך יאגען נאך אנדערי תאוות וואס דורך דעם וועסטו בעדארפען צו פערקויפען דיין הויז אין דו וועסט נישט האבען וויא צו זיטצען. פסחים דף קי"ד:

אל

נאך זייא געבין זייער שכר. האט רב צו איהם גיזאגט זאלסט זייא געבין ווייל עם שטייט ואורחות צדיקים תשמור. דאס דעם וועג פון צדיקים זאלסטו היטען:

**אל יספר**. דער מענטש זאל נישט ריידען מיט איין אשה. אויף דער גאס. ווען אפילו דיא איז זיין ווייב. אפילו דיא איז זיין טאכטער. אפילו דיא איז זיין שוועסטער. ווייל נישט איטעדער טוהט ווייא קענין. אזוי וועט מען איהם חושד זיין. ברכות דף מ"ג:

**בירא דשתית מניה מיא**. אין דער בריגע וואס דו האסט פון איהר געטרינקען וואסער. זאלסטו נישט אריין ווארפען אשטיין. היינו אמענש וואס דו האסט פון איהם אמאל מקבל טובה געוועזען. זאלסטו איהם קיין מאל נישט שלעכטעס טוהן. ב"ק דף צ"ב:

**דזקיף ליה זקיפא**: צו אמענש וואס ער האט אנגעהאנגעם אין דער משפחה זאל מען צו איהם נישט זאגען הענג מיר אויף דיא זאך. ווייל ער וועט מיינען אז דו זאגסט עס איהם כדי דו זאלסט איהם מבייש זיין. ב"מ דף נ"ט:

**זכת קבוק**. אסחורה וואס דיא איז בזול זאלסטו פיהל איין זאמלען און קויפען. ווייל אצינד איז נישט דא אקונה. וועסטו זייער ביליג קויפען אין דער נאך אז דיא סחורה וועט טייער ווערין וועסטו פיהל פארדינען. ברכות דף ס"ג:

**זבין ותתחרט**. דו זאלסט פארקויפען אין האבען חרטה. אבער וויין אז דו וועסט פארקויפען זאלסטו נישט האבען חרטה. פירוש אז דו וועסט פארקויפען דיין סחורה און דו וועסט זעהן אז דו האסט געקענט מעהר נעמען האטשי דו האסט באדארפט צו האבען חרטה ווייל דו האסט אזוי נעך פארקויפט. אבער וויין אז דו וועסט פארקויפען זאלסטו קיין חרטה האבען. ווייל וויין קען זייער און קאלי ווערין. פסחים דף קי"ג:

**אדהכא אבריעך**. אז דו וועסט קומען פון דעם וועג אין דו וועסט ברענגין סחורה ווען דער שטויב וועט נאך זיין אויף דיינע פיס פון דעם וועג. זאלסטו תיכף דיין סחורה פארקויפען. כדי דו זאלסט תיכף צוריק קערין אין קויפען אנדערי סחורה צו פארקויפען. שם:

**שרי כיסיך**. ווען וועסט פארקויפען סחורה זאלסטו צו ערשט נעהמין געלד אין געבין אין דיין בייטעל. דער נאך זאלסטו עפינין דעם זאק אין זאלסט געבין דיא סחורה. שם:

**קבא מארעא**. עס איז בעסער צו גיין צו איין ארט וואס איז נאהנט אין ווייניג צו פארדינען וויא צו גיין צו איין ארט וואס איז ווייט אין פיהל צו פארדינען. שם:

**חמותה** סניא לכלתה. על פי רוב איז אשוויגער אשונא דער שנור. און דיא שנור איז אשונא דר שוויגער. אין אזוי אויך אשטיף מוטער איז אשונא דער שטיף טאכטער. און דיא שטיף טאכטער איז אשונא דער שטיף מוטער. א) יבמות דף קי״ז:

**טוביה** דשמע ואדיש. עס איז בעסער צו הערין אז מען איז איהם מבזה אין צו שווייגען. אין נישט אפ צו ענטפערין. ווייל ער ברענגט זיך מיט דעם איין הונדערט בושות. וואדין אז ער וועט אפ ענטפערין אין מעהרין אין מחלוקת וועט מען איהם פיהל מעהר מבזה זיין. דריבער איז בעסער אז ער זאל תיכף ביא דעם ערשטין מאהל שווייגען. סנהדרין דף ז׳:

**טובה** לשתא. עס איז אגוטער סימן אז עס וועט זיין אגוט יאהר אז דער חודש טבת איז איין אלמנה. כלומר אז עס גייט נישט רעגין אין חודש טבת. דאס איז אבער נאר אז עס איז געוואנגין רעגין אין חודש חשון. דעמאלט איז גוט אז אין חודש טבת גייט נישט רעגין. תענית דף ו׳:

**יום** של עצרת ברור. אז דער טאג פון שבועות איז שיין און לויטער און נישט וואלקענדיג איז אגוטער סימן צו דעם גאנצען יאהר. ב״ב דף קמ״ז:

**כל** פינות שאתה פונה. אז די ווילסט גיין פון איין ארט צו דעם אנדערין ארט. אין עס איז דא איין וועג צו גיין רעכטס און איין וועג צו גיין לינקס. זאלסטו אפילו ביידע וועגין זענין גלייך זאלסטו תמיד גיין רעכטס. יומא דף מ״ה:

**כד** משלים שערא מכדא. אז עס לאזט זיך אוים ברויט פון דער שטיב קריגט זיך דיין ווייב מיט איהם אפילו איבער אקליינינקייט. און זאגט צו איהם זעה וויא אנדערי מאנען ברענגין זייערי ווייבער פרנסה. ב״מ דף נ״ט:

**כולהו** שקינא. אז דער מענש וויל אהנהייבען צו טרינקען דיא משקה פון רפואות. זאל ער אהנהייבען צו טרינקען און עוסק זיין אין רפואות אין דיא טעג פון פסח ביז שבועות. דאס זענין דיא טעג וואס דער אויר פון זייא איז גוט עס זאל העלפין צו דער רפואה. שבת דף קמ״ז:

**כי** מינצי תרי בהדדי. אז צוויא מענשין קריגען זיך. און איינער איז דעם

אנדערין

---

א) אין ספר תוספת אליהו ווערט געברענגט אמשל פון הז״ל אז ווען אמיקאלי׳ וועט קענין צו זאמען זיין מיט אשינער דעמאלט וועט קענין צו זאמען וואוינין אשנור מיט אשוויגער און מחלוקת:

אַנְדֶערִין מְבַזֶה. וָועלְכֶער עֶר שְׁוַויינְט פְּרִידַר אִיז אַגְרֶעסֶערֶער מְיוּחָס:
קידושין דף ע״א:

כִּי סַלְּקִית לְזִינְרָא. אֲפִילוּ אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַנְאָהְגִּטֶען וֶועג אַזוֹי וִויא פוּן
דַיין שְׁטוּב צוּ דֶעם בּוֹידֶעם. זָאלְסְטוּ דִיר מִיט גֶעהְמִין עָסִין. וָואַרִין
אֶפְשָׁר וֶועט צוּ דִיר זַיין עֶנְג דִיא צַייט פוּן צוּ קוֹיפֶען. אַזוֹי אוֹיךְ אֲפִילוּ
דָאס עֶסִין־וַואַרְג אִיז בִּזוֹל זָאלְסְטוּ דִיר תָּמִיד מִיט נֶעמִין. פסחים דף קי״ג:

כִּים וְאַרְנְקִי. אֵיין בֵּייטֶעל וָואס מֶען לֵיינְט אִין אִיהְם גֶעלְד. לַייאֶן נִישְׁט
מֶענְשִׁין אֵיינָער דֶעם אַנְדֶערִין. וַוייל זַייא זָאנֶען עֶר וֶועט צוּ נֶעהְמִין
זַיין מַזָל. יבמות דף קי״ב:

כא תִּשְׁתֶּה סַמָּא. זָאלְסְט דִיךְ נִישְׁט גֶעוַויינֶען צוּ טְרִינְקֶען טַייעֶרִי מַשְׁקוֹת
וַוייל דַיין הַארְץ וֶועט עֶס תָּמִיד פַּארְלַאנְגֶען וֶועסְטוּ דְרִיבֶּער שָׁאדֶען
מַאכֶען דַיין גֶעלְד. פסחים דף קי״ג:

כא לֵימָא. דֶער מֶענְשׁ זָאל נִישְׁט זָאנֶען צוּ דֶעם קִינְד אִיךְ וֶועל דִיר עֶפִּים
גֶעבִּין אוּן דֶער נָאךְ וֶועט עֶר אִיהְם נִישְׁט גֶעבִּין. וַוייל אַז דָאס קִינְד
וֶועט זֶעהְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט מְקַיֵּים וָוס עֶר הָאט אִיהְם צוּ גֶעזָאגְט. וֶועט עֶר
זָאנֶען אַז מֶען מֶעג זָאנֶען שֶׁקֶר. סוכה מ״ו:

קַרְיַית לְחַבְרָךְ. אַז דוּ רוּפְסְט דַיין חַבֵר אִין עֶר עֶנְטְפֶערְט דִיר נִישְׁט.
זָאלְסְטוּ אוֹיף אִיהְם דִיא וַואנְט אַרוֹיף וַוארְפֶען. כְּלוֹמַר אַז דוּ
רוּפְסְט דַיין חַבֵר צוּ שְׁמָרָאפֶען. אוּן עֶר וִויל דִיךְ נִישְׁט צוּ הֶערִין זָאלְסְטוּ
אִיהְם לָאזֶען פַאלֶען. אוּן פוּן דִיר מִיט בֵּיידֶע הֶענְד אַוֶועק שְׁטוֹיסֶען:
ב״ק דף צ״ב:

שַׁאנִי מִינְגָא מְמֵיכָם. עֶס אִיז גְרִינְגֶער דֶעם מֶענְשׁ עֶר זָאל שְׁפֶּעט בַּייא
נַאכְט גַיין שְׁלָאפֶען וִויא אִין דֶר פְּרִיה אוֹיף צוּ שְׁטֵיין פַר זַיין צַייט.
יומא דף כ״ב:

שִׁיתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא. וָואס דָאס קִינְד רֶעד אוֹיף דֶער גַאס. אִיז דִיא
רֵייד פוּן זַיין פָאטֶער אוּן מוּטֶער. וָוארִין מִן הַסְתָּם הָט עֶר גִיהֶערְט
פוּן זַיין פָאטֶער אָדֶער פוּן זַיין מוּטֶער אַז זַייא זָאנֶען אַזוֹי. הָאט עֶר פוּן זֵייא
אָפּ גִילֶערִינְט אוֹיךְ אַזוֹי צוּ זָאנֶען. סוכה דף נ״ו:

תַּלְמִיד הַנִּפְטַר מֵרַבּוֹ. אַז דֶר תַּלְמִיד נֶעמְט רְשׁוּת פוּן זַיין רֶבִּין אוּן גֵייט.
אַזוֹי אוֹיךְ אַז דֶער קְלֶענֶערֶער נֶעמְט רְשׁוּת פוּן דֶעם גְרֶעסֶערִין
וָואס עֶר אִיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען אִין חֶדֶר. זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט תֵּיכֶּף אִיבֶּער
קערין

קָעדְרִין מִיט דֶעם פָּנִים אִין גֵיין צוּ דֶער מִיטָה. נָאר עֶר זָאל פוּן אִיהְם אֵיינְוֵוייטִיג אַוֶועק גֵיין. יומא דף נ״ז:

**הַאי כַּאן דְמוֹקִים אַזוּזֵי.** דֶר וָואס אִיז מַקְפִּיד צוּ נֶעהְמֶען בַּייא זַיין חָבֵר גֶעלְד וַוייל עֶר גֶעפִינְט אִין זֵיי אַפְּגַם. דֶער הֵייסְט אַנֶפֶשׁ רַע. דָס אִיז אָבֶּער נָאר אַז עֶר קֶען דָאס גֶעלְד בְּדוֹחַק אָהְן שָׁאדֶען אַוֶועק גֶעבִּין. ב״מ דף נ״ב:

**הַמְרָא לְמָרֵיהּ.** דֶער וַויין גִיהֶער צוּ דֶעם בַּעַל הַבַּיִת. אִין דִיא וָואס זַייא טְרִינְקֶען דֶעם וַויין זֶענִין מַחֲזִיק טוֹבָה צוּ דֶעם שַׂר הַמַשְׁקִים. הַיְינוּ צוּ דֶעם וָואס עֶר טֵיילְט דִיא מַשְׁקֶה. ב״ק דף צ״ב:

**אִי דַלִית.** אַז דוּ וֶועסְט מִיט מִיר טְרָאגִין דִי מַשָׂא וֶועל אִיךְ אוֹיךְ טְרָאגִין א) אוּן אַז נִישְׁט וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט טְרָאגִין. דָאס אִיז אַמָשָׁל דֶר מֶענְשׁ ווִיל נִישְׁט אַיין גֵיין אִין אֵיין עֵסֶק וַוייל עֶר הָאט פַּחַד אַז עֶר וֶועט הָאבֶּען הֶיזֵק פוּן גֶעלְד. נָאר בְּאוֹפֶן אַז זַיין חָבֵר גֵייט מִיט אִיהְם אַיין בְּשׁוּתָּפוּת. שם:

**בְּמִתָאֵי שְׂמָאִי.** אוֹיף מַיין אָרְט ווִי אִיךְ בִּין. בֶּעשֵׁיינְט מִיךְ מַיין נָאמֶען. אִין אוֹיף אַפְרֶעמְד אָרְט בֶּעשֵׁיינֶען מִיךְ מַיינֶע קְלֵיידֶר. שבת מ״ה:

**אַדְלָא אַכִידְנָא כְּהִדְשָׁנָא.** דֶער אַמֶטֶער וָואס עֶר גֵייט תָּמִיד אַיין־גֶעבּוֹגִין גְלַייךְ עֶר זוּכְט עֶפּ״ס. זָאגְט. אִיךְ הָאבּ נָאר נִישְׁט פַארְלוֹירֶען אִין גֵיי אִים זוּכֶען. שבת קנ״ב:

**אַסְיָא דְמַגֵן מָגֵן שַׁוְיָא.** אַרוֹפֵא וָואס הֵיילְט בְּחִנָם. אִיז זַיין רְפוּאָה אוֹיךְ בְּחִנָם אוּן אִיז נָאר נִישְׁט וֶוערְט ב״ק פ״ד:

אפילו

---

א) אִין סֵפֶר הַמָאוֹר הַגָדוֹל וֶועט גִיבְּרֶענְגְט דָאס עֶס אִיז אַיינֶער גִיקוּמֶען צוּ הָרַב הַצַדִיק הַקָדוֹשׁ מוהר״ר מאיר מפרימישלאן זצוק״ל זי״ע אוּן הָאט צוּ אִיהְם גִיזָאגְט רֶבִּי אִיךְ בֶּעט פוּן אַייךְ אַז אִיהְר זָאלְט מִיךְ אוּן מַיין נְשָׁמָה אוֹיף הֵייבִּין אִין דֶער הֵייךְ צוּ אִיהְר שׁוֹרֶשׁ. הָאט הָרַב הַצַדִיק הַקָדוֹשׁ צוּ אִיהְם גִיזָאגְט גִידֶענְקְסְט וֶוען דִי בִּיזְט גִוֶועזֶן אַקְלַיין קִינְד אוּן גִילֶערְנְט אִין חֶדֶר אוּן הָאסְט דִיךְ גִישְׁפִּילְט מִיט דִי אַנְדֶערִי קִינְדֶער. אַז אַיינֶער זָאל דֶעם אַנְדֶערִין אוֹיף הֵייבֶּען. הָאסְטוּ דַיין חָבֵר אוֹיף גֶעהוֹיבִּין. אוּן דֶער נָאךְ הָאט דַיין חָבֵר דִיךְ גִיוָואלְט אוֹיף הֵייבִּין אִין הָאט נִישְׁט גִיקָאנְט. הָאסְטוּ צוּ אִיהְם גִיזָאגְט וֶועהְסְט אִיךְ הָאבּ דִיךְ גִיקָאנְט אוֹיף הֵייבֶּען אִין דִי קֶענְסְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיף הֵייבֶּען. הָאט דַיין חָבֵר צוּ דִיר גִזָאגְט. וַוייל דִיא מַאכְסְט דִיךְ שְׁוֶוער דוּרְךְ דֶעם קֶען אִיךְ דִיךְ נִישְׁט אוֹיף הֵייבֶּען מַאךְ דִיךְ גְרִינְג וֶועל אִיךְ דִיךְ קֶענִין אוֹיף הֵייבֶּען. אַזוֹי אוֹךְ דִי קִימְסְט צוּ מִיר אַז אִיךְ זָאל דִיךְ אוֹיף הֵייבֶּען. אוּן דִי מַאכְסְט דִיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז אִיךְ זָאל דִיךְ קֶענִין אוֹיף הֵייבִּין. מַאךְ דִיךְ גְרִינְג פוּן דַיינֶע זִינְד וָואס זֵיי זֶענֶען אִיבֶּער דִיר וִויא אַיין שְׁוֶוערֶע מַשָׂא אַזוֹי וֶועל אִיךְ דִיךְ קֶענִין אוֹיף הֵייבִּין:

**אֲפִילוּ** רֵישׁ גַּרְגּוּתָא מִן שְׁמַיָּא מוּקְמָא. פֵּירוּשׁ אַלֶע זַאכֶען וֶוערִין מִן הַשָּׁמַיִם מִיט דִיא הַשְׁגָּחָה פוּן הַשֵּׁי״. אֲפִילוּ דִי קְלֶענְסְטִי מֶמְשָׁלָה הַיְינוּ וֶוער עֶס זָאל פְּרִיהֶר אָן שֶׁעפִּין וַואסֶער. אוּן וֶוער עֶס זָאל שְׁפֶּעטֶער אָהְן שֶׁעפִּין וַואסֶער אִיז אוֹיךְ מִיט דֶער הַשְׁגָּחָה פוּן הַשֵּׁי״ת. ברכות ס״ג:

**תְּהֵא** פִּסְתְּקָא דִילָךְ טָבָא. דַיין רֶעדִין מִיט מֶענְשִׁין זָאל זַיין גוּט. דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדִין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ. וֶועסְטוּ דִיךְ פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ נִישְׁט שְׁרֶעקִין. א) מדרש תלפיות:

**גַּמְרָא** אָזִיל לְמִבְעֵי קַרְנָא. עֶס אִיז אַמָשָׁל. דָאס קַאמֶעהְל הָאט נִישְׁט קֵיין הֶערְנֶער. אִיז דָאס קַאמֶעהְל גִינַאנְגִין אוֹיף אַיין אַנְדֶער אוֹרְט עֶר זָאל דָארְט קְרִיגֶען הֶערְנֶער. אִין נִישְׁט גֶענִיג עֶר הָאט דָארְט נִישְׁט גִיטְרָאפִין הֶערְנֶער. הָאט מֶען אִיהְם זַיינֶע אוֹירֶען אוֹיךְ אָפּ גִישְׁנִיטִין. דָאס מָשָׁל אִיז אוֹיף בִּלְעָם עֶר אִיז גִינַאנְגִין קַיין מִדְיָן עֶר זָאל נֶעמִין שָׂכָר וַוייל דוּרְךְ זַיין עֵצָה אִיז גִיפַאלִין פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְד פוּן דִי יוּדֶען. אוּן לֹא דַי וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גִינִימֶען שָׂכָר. הָאט מֶען אִיהְם דָארְט גִיהַרְגִית. סנהדרין ק״ו:

**אַהֲבָה** מְבַטְּלַת הַשּׁוּרָה. דָאס לִיעבְּשַׁאפְט אִיז מְבַטֵּל דָאס גְרַייכְקַייט. כְּלוֹמַר אַז אַמֶענְשׁ הָאט לִיעבּ אַזַאךְ אִיז עֶר זִיךְ מְבַזֶּה אֲפִילוּ עֶס אִיז אַקֶעגִין זַיין כָּבוֹד. אַזוֹי אוֹיךְ דוּרְךְ דֶער שִׂנְאָה אִיז עֶר מְבַטֵּל דָאס גְרַייכְקַייט אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְבַזֶּה: ב) סנהדרין ק״ה:

**אִי** תַּגְרִית לֵיהּ פּוּק עֲמַרָא. אַז דוּ בִּיסְט צוּ אַמֶענְשׁ פֶערְרִינְגֶען אַז דוּ זָאלְסְט אִיהְם טוּהְן אַמְלָאכָה. אֲפִילוּ עֶר הֵייסְט דִיר טוּהְן דִי גֶעמֵיינְסְטִי מְלָאכָה בַּאדַארְפְסְט דוּ אִיהְם אוֹיךְ צוּ טוּהְן. יומא כ׳:

בתר

א) דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ גוֹהֵג זַיין מִיט זַיין חָבֵר נִישְׁט צוּ שְׁפַּאסִין נִישְׁט מִיט דֶער הַאנְד אוֹיךְ נִישְׁט מִיט אַיין וָוארְט. עֶר זָאל נִישְׁט זָאגִין עֶר אִיז מַיין חָבֵר קֶען אִיךְ אִיהְם זָאגִין וָואס אִיךְ וִויל. עֶר וֶועט נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין. וַוייל פוּן אַזֶעלִיכֶע זַאכֶען קֶען אַרוֹיס קוּמֶען פוּן דֶער לִיבְּשַׁאפְט אַשִׂנְאָה. אַז דֶער חָבֵר אִיז אַהְבָם וֶועט עֶר אוֹיף דִי וֶוערְטֶער מַקְפִּיד זַיין אִין הֶעם דִי שִׂנְאָה טְרָאגִין אִין זַיין הַארְץ. אִין אַז זַיין חָבֵר אִיז אַנַאר וֶועט עֶר זִיךְ מִיט אִיהְם תֵּיכֶף קְרִיגִין אוּן וֶועט אִיהְם זָאגִין וָואס עֶר וֵוייסְט. וָוארִין אַנַאר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיין הַאלְטֶען וֶועט עֶר תֵּיכֶף מְגַלֶּה זַיין זַיינֶע סָעהְלֶער:

ב) בַּייא אַבְרָהָם שְׁטֵייט וַיַּשְׁכֵּם אברהם בַּבּוֹקֶר. אַבְרָהָם אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אִין דֶער פְרִיה אוּן הָאט אַייְנְגִיצוֹימְט זַיין אֵייזִיל. עֶר הָאט דֶען נִישְׁט גִיהַאט קֵיין מְשָׁרְתִים נָאר מֵחֲמַת אַהֲבָה צוּ הַשֵּׁי״ת הָאט עֶר עֶס אַלֵיין גִיטָאן. אוּן בִּלְעָם הָאט אוֹיךְ אַלֵיין אַיין גִיצוֹימְט זַיין אֵייזִיל וַוייל עֶר הָאט גִיהַאט שִׂנְאָה צוּ דִי יִשְׂרָאֵל:

בָּתַר מָרֵי נִכְסֵי . נָאךְ דֶעם עוֹשֶׁר וָואס עֶר הֵייסְט מָרֵי נִכְסֵי . וָאלְסְטוּ נָאךְ גֵיין וִויא עֶר גֵייט . און זָאלְסְט דִיךְ פוּן אִיהְם נִישְׁט אָפּ לָאזְען, וַוייל עֶר אִיז אַבַּר מַזָל . וֶועסְטוּ דוּרְךְ אִיהְם אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין . ב״ק צ״ג :

דְאָכִיל אַלְיָתָא מַשָּׁא בְּעַלִיתָא . דֶער וָואס עֶסְט פֶעטִי זַאכִין וָואס זֶענִין טַייעֶר . אִין פֶערְשְׁפַּרֵייט זַיין גֶעלְד. לְסוֹף מִיז עֶר נֶעמִין אוֹיף בָּארְג און הָאט נִישְׁט צוּ צָאלִין . דוּרְךְ דֶעם אַז מֶען קִימְט אִיהְם מָאנִין בֶּעהַאלְט עֶר זִיךְ אוֹיף דֶעם בּוֹידִים . פסחים קי״ד :

דְאָכִיל קִקוּלֵי . דֶער וָואס עֶסְט מִינֵי יְרָקוֹת וָואס זֶענִין בִּזוֹל . דֶער קֶען שְׁלָאפִין אִין שְׁטָאט וִויא אַלֶע מֶענְטְשִׁין וִיצָּען . וַוייל עֶר אִיז קֵיינִים נִיט שׁוּלְדִיג דְרוּם בֶּעדַארְף עֶר זִיךְ נִישְׁט בֶּעהַאלְטִין . שם :

דוּק בְּכִבִּי וְתִשְׁכַּח בְּגַנְרֵי . זָאלְסְט פִיהְל עֶסִין מִיט דַיינִי צֵיין וֶועסְטוּ גִיפִינִין דָאס עֶסִין אִין דַיינִי טְרִיט . דִי וֶועסְט הָאבִּין כֹּחַ צוּ גֵיין . שבת קנ״ב :

חָבַל עַל דְלֵית לֵיהּ דַרְתָּא . וַויי אִיז צוּ דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס לֶערְנִין אִין דֶער תּוֹרָה און הָאבִּין נִישְׁט יִרְאַת שָׁמַיִם דָאס אִיז גְלַייךְ צוּ אֵיינִים וָואס עֶר הָאט קֵיין דִירָה אִין מַאכְט זִיךְ אַטִיהְר צוּ דֶער דִירָה אַזוֹי אוֹיךְ דִי תּוֹרָה אִיז אַטִיהְר צוּ דִי יִרְאָה . אַז עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט יִרְאָה . הָאט בַּייא אִיהְם דִיא תּוֹרָה קֵיין קִיוּם א) . יומא ע״ב :

לְמָתָא יַרְקָא יַרְקָא שְׁקִיל . אִין אַשְׁטָאט וָואס דָארְט וַואקְסִין יְרָקוֹת זָאלְסְטוּ דַיינֶע יְרָקוֹת אוֹיךְ דָארְט בְּרֶענְגִין צוּ פֶערְקוֹיפִין . וַוייל דָארְט קִימֶען פִיהְל מֶענְטְשִׁין קוֹיפִין יְרָקוֹת וֶועסְטוּ דַיינֶע יְרָקוֹת אוֹיךְ קֶענִין פֶערְקוֹיפִין . אָבֶּער אִין אֵיין אַנְדֶער אוֹרְט קִימֶען נִישְׁט מֶענְטְשִׁין קוֹיפֶען : מַאן דְלֵיהּ דָא לֵיהּ . וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טִיהְט . טִיהְט עֶר זִיךְ דֶער מִיט אַלֵיין . שבת פ׳ :

נַרְשָׁאִי נַשְׁקָךְ מַנֵי כַּכִּיךְ . הַיְינוּ זָאלְסְט זִיךְ אָפּ הִיטֶען פוּן שְׁלֶעכְטִי מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענִין גַּנָבִים אַזוֹי וִויא עֶס גִיפִינֶען זִיךְ אִין נַרְשָׁא . וֶוען אֲפִילוּ עֶר קִישְׁט דִיךְ אִין פָּנִים . זָאלְסְטוּ אִיבֶּער צֵיילִין דַיינֶע צֵיין צוּ עֶר הָאט נִישְׁט פוּן זֵייא אַרוֹיס גִינַנְבִית . חולין קכ״ו :

פְּחוֹת מְמֵיכָלְךָ וּמִמִשְׁתִּיךְ . דִי זָאלְסְט מִינֶערִין פוּן דַיין עֶסִין און טְרִינְקִין און זָאלְסְט מוֹסִיף זַיין אוֹיף דַיין דִירָה אַז דַיין דִירָה זָאל דַיין שֵׁיין :

פוק

א) אוּנְזֶערִי חֲכָמִים זָאגֶען דֶער מֶענְשׁ וָואס אִין אִיהְם אִיז תּוֹרָה . און נִישְׁט יִרְאַת שָׁמַיִם . אִיז גְלַייךְ צוּ אַגַבַּאי פוּן צְדָקָה וָואס מֶען הָאט אִיהְם אִיבֶּער גִיגֶעבִּין דִיא שְׁלִיסֶעל פוּן אִינֶערְוַוייניג און נִישְׁט פוּן אוֹיסֶענְוַוייניג . קֶען עֶר גִישְׁט אַרַיין גֵיין :

פוק חזי מה עמא דבר . אזא זאך וואס איז איין ספק וויא אזו דיא זאך צו טאן . זאלסטו זעהן וויא אזוי דער ערליכער עולם איז נוהג צו טאן אזוי זאלסטו אויך טאן . פסחים קי"ג :

תן חיים לנערותך . דער מענטש זאל נישט גיוויינן זייגע קינדער מיט פלייש און וויין . נאר ער זאל זייא לערנן אז זייא זאלין זיך בעגיניגען מיט אזעליכע מזונות וואס זייא זעגין בזול . חולין פ"ד :

קפוץ זבין ארעא . אז די ווילסט קויפען אפעלד . זאלסטו איילען דער צו . כדי די זאלסט דער וויל דיין געלד ניט אוים געבין . און אז די ווילסט נעמין איין אשה זאלסטו דיך ניט איילען נאר צו ערשט גיט נאך פרעגין אויף איהרע מעשים . יבמות דף ס"ג :

## ליקוטים פון די רייד וואס ר' אליעזר הגדול האט גיזאגט צו זיין זיהן הורקנוס פאר זיין שטארבין .

ווען ר' אליעזר הגדול ז"ל איז קראנק גוועזן און איז גוועזן קרוב למיתה האט ער גערופען צו זיין זיהן הורקנוס און האט איהם גענימען צו זיין רעכטע זייט . און ר' אליעזר האט אן גהויבין צו וויינען און האט גיזאגט :

בני . מיין זיהן . ביז אצינד האב איך מיט דיר געפירט אין רוגז און האב דיר ניט געוויזען אפרייליך פנים כדי דיא זאלסט מורא האבין פאר השי"ת א) . און אצינד מיין זיהן טו איך גייען אין זיסיקייט פון השי"ת . אזוי וועל איך דיך לערנין דעם וועג פון לעבין .

בני

א) ובשם הבעש"ט אז דער וואס האט מורא פאר השי"ת אין לערינט תורה לשמה האט אדיבור קדוש . היינו השי"ת איז מקיים וואס ער זאגט . אזוי וויא אין ספר שלשלת הקבלה וועט ניכרענגט אסיפור . אין צרפת איז גיוועזין אשר זיין נאמען איז גיוועזין גוטופרידו ער איז גיוועזין אגבור און איין איש מלחמה ער איז גיוועזין אגרויסער אכזר . אין דער צייט האט מען גיהערט דיא חכמה פון רש"י צווישען אלע פעלקער . אלע פלעגין פון איהם פרעגין איין עצה . האט דער שר געשיקט צו רש"י אז ער זאל צו איהם קומען . האט רש"י צו איהם נישט געוואלט גיין ווארין רש"י האט גוט געקאנט דעם מענש . איז דער שר געווארען אין צארען . און איז גערימען מיט זיין גאנץ חיל צו דעם הויז פון רש"י און איז גינאנגין ביז צו זיין בית המדרש . דער שר האט געטראפען אלע טירען אויף געמאכט אין אויך דיא ספרים זענין גיוועזין אויף געמאכט . און האט נישט גיזעהן קיין שום מענש . האט דער שר גערופען מיט אגרויס קול . שלמה . שלמה . האט רש"י גרופען ביז דו . האט רש"י גענטפערט איך בין דא . אזוי האט ער געטאן פיהל מאהל : גענטפערט וואס פערלאנגט מיין הער . האט דער שר געזאגט וויא ביזט דו . האט רש"י

האט

בני . זאלסט ניט גליבין אין דיר ווען דיא וועסט אז עס איז שלום אין דיין
גוף אויף דער וועלט . וויפיהל מענטשין האבין זיך גילייגט אויף
זייער בעט און זענין ניט מעהר אויף גישטאנין . וויפיהל מענטשין האבין זיך
גילייגט אויף זייער בעט געזינד און זענין אויף גישטאנין מיט גרויסע יסורים :
בני . זאלסט גיהר זיין אז דו זאלסט שטעלין אכלי מיט וואסער נעבין דיין
בעט . און אז דו וועסט אויף שטיין אין דער פריה זאלסטו גישט אהן
קלידין קיין שום זאך פאר דיינע הענד אפ גיסען . ווייל א רוח הטומאה

טוהט

האט זיך דער שר זייער פארוואונדערט און איז ארויס געגאנגען פון דעם בית המדרש און
הט גיפרעגט אויב דא געפינט זיך איין יהודי . איז פאר דעם שר געקומען איינער פון
זיינע תלמידים . האט דער שר צו איהם געזאגט . זאג צו דיין רבי אז ער זאל צו מיר קומען
און איך שווער ביי מיין קאפ אז איך וועל איהם גאר גישט שאדען . הט רש"י גענידערט
צו דעם שר און הט זיך פאר איהם געבוקט . הט דער שר צו איהם געזאגט אצונד האב איך
גיזעהן דיין חכמה . און איך פערלאנג אז דו זאלסט מיר איין עצה געבין וואס איך זאל
טוהן . היינו איך האב אהן געברייט הונדערט טויזענד רייטער און צוויי הונדערט גרויסע
שיפען און מיין רצון איז צו בעצווינגען דיא שטאט ירושלים אויך אין דער שטאט עקרון
האב איך זיבען טויזענד אנדערע רייטער און איך בין פערזיכערט אין גאט אז איך וועל
מנצח זיין דיא ישמעאלים וואס זייא זיצען דארט . ווייל זייא זענין גישט בקי אין חכמת
המלחמה . על כן זאלסט דו מיר זאגען דיין דיעה אין זאלסט דיך גאר גישט שרעקין :
האט איהם רש"י גיענטפערט מיט ווייניג רייד . דו וועסט זיין אין וועסט בעצווינגען דיא
שטאדט ירושלים אין וועסט איבער איהר קיניגען דריי טאג . אין דעם פערדין טאג
וועלין דיך דיא ישמעאלים פון דארט ארויס טרייבען און דו וועסט פון דארט אנטלויפען
און דו וועסט אין דער שטאדט צוריק קערין מיט דריי פערד . הט דער שר זייער געזיפצט
און האט געזאגט עס קען זיין אז דיינע רייד וועלין זיין אמת . נאר אבער אז איך וועל
צוריק קומען מיט פיער פערד וועל איך געבין דיין פלייש פאר דיא הונד . און וועל אויס
הארגענין אלע יהודים וואס זענין אין צרפת . הט זיך איהם געטראפען אזוי וויא רש"י האט
איהם געזאגט און איז צוריק געקומען מיט דריי פערד אחוץ דיין פערד נאך פיהל מלחמות
וואס ער האט געהאט . דיא מלחמה האט געדויערט פיער יאהר . הט ער גידענקט דיא רייד
פון רש"י . אין עס איז גיוועזין אין זיין דיעה ער זאל איהם שלעכטעץ טוהן . ווייל ער איז
פאהרט צוריק געקומען מיט פיער פערד . נאר השי"ת האט פערשטערט זיין עצה . ווייל
בשעת ער איז אריין געגאנגען אין טויער פון דער שטאט איז פון דער טויער ארויס
געפאלען א שטיין אין הט געהארגית איינעם פון זיינע חבירים מיט דעם פערד וואס ער הט
דריוף געריטען . איז דער שר געבליבען דערשראקען אין האט מורא גיוועזען אז עס איז
אמת וואס רש"י האט געזאגט . און איז געגאנגען צו רש"י ער זאל זיך פאר רש"י בוקען
פאר זיין אהיים גיין הט ער געטראפען דאס רש"י איז נפטר געווארען . הט ער אויף איהם
זייער געטרויערט :

טוהט רוהען אויף דיא הענד א) . און זאָלְסְט נִישְׁט גֶעבִּין דַיינֶע הֶענד אויף דִיא אויגֶען . ווייל עֶס קֶענִין מֶענְטְשִׁין גֶעשְׁטְרוֹיכֶעלְט וֶוערִין מִיט דֶעם זֶעהְן פוּן דַיינֶע אויגֶען . וָוארִין עֶס קֶען נִישְׁט שוֹרֶה זַיין ד א בְּרָכָה אויף אַזֶעלִיכֶע אויגֶען וָואס הַאבֶּען מְקַבֵּל טוּמְאָה גִיוֶועזֶען :

בְּנִי . זָאלְסְט זַיין גֶעוָוארִינְט אַז זָאלְסְט גֵיין מְבַקֵּר זַיין וֶוען אֵיינֶר אִיז קְרַאנְק . און זָאלְסְט זֶעהְן מִיט אִיהְם צוּ רֶעדִין אַז עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּהְן . און זָאלְסְט אויף אִיהְם מִתְפַּלֵּל זַיין . און זָאלְסְט נִישְׁט בַּיי אִיהְם לַאנְג זִיטְצֶען . ווייל עֶס אִיז פַאר אִיהְם גֶענוּג אַז עֶר אִיז קְרַאנְק . און אַז דוּ וֶועסְט צוּ אִיהְם אַרַיין גֵיין זָאלְסְטוּ אַרַיין קוּמֶען מִיט שִׂמְחָה . און זָאלְסְט מִיט אִיהְם רֶעדִין מִיט שִׂמְחָה :

בְּנִי . זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען פְּלֶעצְלִיךְ אִין דַיין הויז . מִכָּל שֶׁכֵּן אִין הויז פוּן דַיין חַבֵר . און זָאלְסְט נִישְׁט וַוארְפֶען אַנִידֶערְפֶע פָארְכְט אִין דַיין הויז . ווייל דִיא פָארְכְט אִיז גוֹרֵם פִיהְל שְׁלֶעכְטְס :

בְּנִי . זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיס זָאגֶען דַיין סוֹד צוּ דַיין וַוייבּ . זָאלְסְט צוּ הַאלְטֶען דַיין וָוארְט בַּייא אַנְדֶערֶען מֶענְטְשׁ . און זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיס זָאגֶען דַיין סוֹד וֶוען דוּ וֶועסְט דִיךְ מִיט אִיהְם קְרִיגֶען . מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען דוּ בִּיזְט מִיט אִיהְם שָׁלוֹם :

בְּנִי . זָאלְסְט דִיךְ נִישְׁט שֶׁעהְמִין פוּן נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען וַואסֶער וָואס עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער אִין דֶער כֵּלִי וָואס דַיין חַבֵר הָאט גֶעטְרִינְקֶען . ווייל עֶס קֶען זַיין אַז עֶר הַאט אִין זִיךְ עֶפִּיס אַחוּלַאת וָואס עֶס קֶען חַיו שַׁאדֶען :



א) וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט נִזְהָר אִין נְטִילַת יָדַיִם קוּמְט מֶען צוּ זִינְד בִּיז מֶען קֶען עוֹבֵר זַיין אויף דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה ח״ו . עֶס אִיז גְלַייךְ צוּ אֵיין הויז וֶוען דֶער גְרוּנְד פוּן דֶעם הויז אִיז פֶעסְט גֶעמוֹיעֶרְט אִיז דָס גַאנְצֶע הויז שְׁטַארְק און וֶוען נִישְׁט פַאלְט דָאס הויז בַּאלְד אַיין . אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז נִזְהָר אִין נְטִילַת יָדַיִם וֶוען מֶען שְׁטַייט אויף אִין דֶער פְרִי פוּן זַיין בֶּעט אִיז מֶען אוֹיךְ נִזְהָר אִין אַנְדֶערִי מִצְוֹת . אִין וֶוען נִישְׁט . וֶועט מֶען פוּן אַנְדֶערִי מִצְוֹת אוֹיךְ אָפּ גֶעלָאזְט . עֶר פֶעהְלְט נָאר אַמָאהְל מִנְחָה אָדֶער מַעֲרִיב מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין . דֶער נָאךְ פֶעהְלְט עֶר שוֹין אַמָאהְל תְּפִילִין צוּ לֵייגֶען . עֶר וַואשְׁט זִיךְ שוֹין נִישְׁט צוּ דֶעם עֶסִין . און וֶוען מֶען וַואשְׁט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי טוּהְט עֶר שוֹין נִישְׁט בֶּענְטְשִׁין . עֶר אִיז שוֹין מְחַלֵּל שַׁבָּת וּכְדוֹמֶה . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין סִיפּוּרֵי הַבעש״ט ז״ע אַז עֶר הָט גֶעפוּנֶען אֵיין פְרוֹישׁ וָוס אִין דֶער צְפַרְדֵעַ אִיז גִיוֶועזֶען אַגִלְגוּל פוּן אַתַּלְמִיד חָכָם וָוס עֶר אִיז שוֹין טוֹיט גִיוֶועזֶען פִינְעף הוּנְדֶערְט יָאהְר ווייל עֶר הָאט אֵיין מָאהְל מְזַלְזֵל גִיוֶועזֶען אִין נְטִילַת יָדַיִם אִין אֵיין עֲבֵירָה טוּהְט מִיט צִיהֶען אֵיין אַנְדֶערִי עֲבֵירָה בִּיז עֶר הָט עוֹבֵר גִיוֶועזֶען אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה :

בני. זאלסט נזהר זיין אז דו זאלסט נישט זיפצען אין שאטען פון דער זין אין דיא טעג פון תמוז און אב. מכל שכן דו זאלסט דארט נישט שלאפען. און זאלסט נישט שלאפען ביי דער לעכט פון די לבנה. השי"ת זאל דיך אפ היטען פון אלעם שלעכטען מעתה ועד עולם:

## ליקוטים מספר שבט מוסר וואס איעדער מענש בעדארף אין זיא נזהר זיין:

בני. זאלסט נזהר זיין ווען דו וועסט עסין בייא דעם טיש פון דיין חבר זאלסטו נישט שענדין קיין איינציגען מענש. ווייל טאמער וועט ער זאגען אז מארגען וועסטו בייא איין אנדערין טיש אויף איהם רעדין:

בני. זאלסט נזהר זיין ווען דו וועסט זעהן אנייע מלבוש אויף דיין חבר זאלסטו דיך נישט דאריבער פארוואונדערין און עם לויבען פאר איהם. ווארין טאמער וועט אויף דעם מלבוש ארויף פאלען איין פלעק אדער עס וועט צעריסען ווערין. וועט מען זאגען אז דו האסט גינעבין איין עין הרע וועט מען זיך פון דיר תמיד מרחק זיין:

בני. זאלסט זיין געווארינט אז ביי אמענש וואס האסט חן אין דיינע אויגן. זאלסטו נישט פיהל זיצען בייא איהם. מכל שכן זאלסט איהם נישט פרעגין פיהל שאלות. ווייל טאמער וועט ער זיך מיט דיר אהן זעטין און וועט דיך פיינד האבען. וכל שכן מיט אמענש וואס מען האט נישט חן אין דיינע אויגען:

בני. זאלסט זיין געווארינט אז מיט איין אדם הכבד וואס האט ליעב פיהל ביי דעם אנדערין צו זיפצען. און האט ליעב פיהל צו רעדין. זאלסטו מיט איהם נישט רעדין נאר שלום אליין. ווייל עס וועט דיר שווער זיין אז דו זאלסט דיך פון איהם אפ טשעפין:

בני. זאלסט נזהר זיין אז דו זאלסט נישט ווייזען פאר הונגעריגע אז דו ביזט זאט. זאלסט נזהר זיין אז זאלסט נישט שענדין קיין שום מענש פאר מענטשין. ווייל טאמער שטייט צווישען זייא זיין טאטער אדער זיין ברידער אדער זיין קרוב. און דו וועסט נישט וויסען. און אז דו וועסט גשואהר ווערין וועט דיך צו דעקין אבושה און וועסט נישט קענין פארעכטין. ווייל דו האסט שוין געזאגט קענסט דו שוין נישט צוריק ציהען:

בני

בני. זאלסט נזהר זיין או דו וועסט רעדין מיט אמענש וואס ער איז נישט שיין. אדער ער האט אפעדהעלער אין איין אבר פון זיין גוף. זאלסטו איהם נישט קוקען אין זיין פנים אדער אין דעם אבר וום ער האט אמום:

בני. זאלסט נזהר זיין או דו וועסט קומען צווישען מענשין זאלסטו דיך נישט זעמצין אויף איין ארט וואס איז צו הויך. און אויך נישט אויף איין ארט וואס איז שטארק נידריג. ווייל דיא ביידע עקין וויזען אויף גאוה:

בני. זאלסט זיין געווארינט ווען דיין חבר האט דיך געפלוכט. און ער הט דיך מבזה גיוועזען. זאלסטו איהם נישט פיינד האבען ביי דיר אין הארץ. אדרבא זאלסט מיט איהם טוהן חסד וויא ווייט דו וועסט נאר קענין. ווייל דורך דעם וום דו האסט מקבל גיוועזן וואס ער הט דיך מבזה גיוועזין און הט דיך געפלוכט הט מען דיר מוחל גיוועזין דיינע עבירות. א) :

בני. זאלסט נזהר זיין או דו זאלסט נישט גיין אין הויז פון דיין חבר אין דער צייט פון זיין עסין. ווייל מאמער וועסטו שווער זיין אין זיינע אויגען:

בני. זאלסט נזהר זיין או דו זאלסט זאגען ביי איעדער זאך וום דו טוהסט. לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה ב) וועט שורה זיין דיא ברכה אין אלע מעשים פון דיינע הענד:

בני

---

א) אויך האריז״ל הקדוש פלעגט תמיד זאגען או דאס בעסטי פון אלע תשובות און דער וועלט איז. דס עס זאל אלע זינד דיין מאכען. או מען זאל ליידען ווען איינער איז איהם מבזה און איז איהם מבייש. דס איז פיהל מעהר ווי או ער זאל זיך לאזען שלאגען מלקות און ווי ער זאל זיך פייניגען מיט תעניתים. ווייל ווען דער מענש טוהט פאסטען און זיך פייניגען. מאכט ער שלאף זיין גוף און עס איז איהם מבטל פון תלמוד תורה. און ווען ער טוהט נישט פאסטען הייסט ער אחוטא. און אזוי אויך ווען ער לאזט זיך שלאגען מלקות. אבער מיט דער מדה או ער טוהט ליידען ווען מען איז איהם מבזה. קען ער עסין און טרינקען און דינען השי״ת און זיינע עונות ווערין פארגעבין:

ב) בספר תפלה למשה ווערט גיברענגט דאס ער האט גיהערט פון הרב הצדיק הקדוש מוהר״ר יעקב יצחק מלובלין דס ער הט גיזאגט או ווען אמענש פארגעסט נאר איין רגע פון זיך צו באהעפטען צו השי״ת. וואלט פאר איהם גענוג גיוועזען דס ער זאל בלייבען אויף איהן אנקשפה און העדט איהן גערופען מת. און אפילו דער מענש איז תמיד באהעפט צו השי״ת און טוהט אין איהם קיין מאהל נישט פארגעסין. זאל ער זיך אויך נישט מיט דעם שטאלץ האלטן. נאר אזוי ווי אוועדימיל וום איז אויך אגאשעפיניש און טוהט דעם רצון הבורא. ווייל דו ביזט פון דעסט וועגין באשאפען געווארען:

בְּנִי. זָאלְסְט נִזְהָר זַיין אַז דוּ זָאלְסְט תָּמִיד גֵידֶענְקֶען דֶעם יוֹם הַמִּיתָה אוּן דֶעם יוֹם הַדִין. דָאס אִיז דֶעם מֶענְשׁ שְׁטַארְק מוֹנֵעַ אַז עֶר זָאל נִישְׁט זִינְדִיגֶען א) :

בְּנִי. זָאלְסְט נִזְהָר זַיין צוּ גֵיין מְנַחֵם אָבֵל זַיין אוּן אִיהְם טְרֵייסְטֶען מִיט אַזֶעלְכֶע רֵייד וָואס זֵיי זָאלֶען אִיהְם אִין הַארְץ אַרַיין. אַז דֶער מֶענְשׁ אִיז נָאר מְחוּיָב מְקַיֵים צוּ זַיין דִיא מִצְוָה פוּן הַשֵׁי"ת אוּן וֶוען עֶס שְׁטַארְבְּט חוּ בַּייא אֵיינֶעם אַקִינְד וֶוערְט עֶס נִישְׁט פַארְלוֹירֶען עֶס אִיז נָאר גְלַייךְ וִויא עֶר אִיז אִין אֵיין אַנְדֶערֵי שְׁטָאדְט. אַזוֹי וִוי דֶער אוֹר הַחַיִים זָאגְט דָאס פֵּירוּשׁ פוּן דֶעם פָּסוּק אִין (רְאֵה) בנים אתם לה׳ אלקיכם. אַז תָּמִיד וֶוערִין זֵייא אַהִין גֶערוּפֶען זַיינֶע קִינְדֶער. אוּן לְסוֹף וֶועט עֶר זִיךְ מִיט זֵייא צוּזַאמֶען קוּמֶען :

בְּנִי. זָאלְסְט נִזְהָר זַיין אַז דוּ זָאלְסְט אַבְּרָכָה מַאכֶען אוֹיף דִיא פֵּירוֹת אִין חמשה עשר בשבט. וָוארִין דָאס אִיז אַמִנְהָג פוּן וָתִיקִין :

בְּנִי. זָאלְסְט זַיין גֶעוָוארִינְט אַז דוּ זָאלְסְט מְקָרֵב זַיין דַיינֶע אָרִימֶע קְרוֹבִים אוּן זָאלְסְט דִיךְ מִיט זֵייא מִשְׁתַּתֵּף זַיין אוּן זֵייעֶר שִׂמְחָה. אִין אוֹיךְ אִין זֵייעֶר אֲבֵילוּת ח"ו. אוּן בַּייא אַיֶעדֶער שִׂמְחָה זָאלֶען זֵייא זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע פוּן דִי גֶערוּפֶענֶע :

בְּנִי. זָאלְסְט זַיין גֶעוָוארִינְט אַז וֶוען דוּ וֶועסְט גֵיין אוֹיף אַסְעוּדָה זָאלְסְטוּ נִישְׁט לַאנְג דָארְט זִיטְצֶען. זָאלְסְט זַיין גֶעוָוארִינְט פוּן שְׁפַּאצִירֶען צוּ גֵיין אִין אוֹיךְ פוּן צוּ גֵיין אוֹיף סְעוּדוֹת וַוייל דָאס וֶועט שְׁטֶערִיק דִיךְ צוּ שְׁלֶעפִּין אִין גֵיהִנָם ב) :

א) דֶער שלי"ה שְׁרַייבְּט אַז דֶער מֶענְשׁ זָאל טְרַאכְטֶען וֶוען עֶס קוּמְט אִיהְם צוּ הַאנְדְלֶען אֵיין עֲבֵירָה אָדֶער אַמִצְוָה. זָאל עֶר טְרַאכְטֶען אַז אֶפְשָׁר טוּהְט מִיךְ אַצוּנְד הַשֵׁי"ת פְּרִיוֶוען. אוֹיבּ אִיךְ וֶועל עוֹבֵר זַיין אָדֶער מְקַיֵים זַיין. אַזוֹי וִויא עֶר הָאט גֶעטוּהְן פְּרִיוֶוען צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ. אוּן וֶוען דֶער מֶענְשׁ זָאל זִיכֶער וִויסֶען אַז הַשֵׁי"ת טוּהְט אִיהְם אַצוּנְד פְּרִיוֶוען אַזוֹי וָואלְט עֶר זֵייעֶר נִזְהָר גִיוֶועזֶען. דְרִיבֶּער זָאל דֶער מֶענְשׁ אַזוֹי תָּמִיד טְרַאכְטֶען וֶוען עֶס קוּמְט אִיהְם אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען. וָוארִין אַזוֹי אִיז דִיא מִדָה פוּן הַשֵׁי"ת אַז עֶר שִׁיקְט אַזַאךְ דֶעם מֶענְשׁ צוּ פְּרִיוֶוען. אִין גְלַיְיכְלִיךְ אִיז דֶער מֶענְשׁ וָוס הַשֵׁי"ת אִיז תָּמִיד אִין זַיינֶע גִידַאנְקֶען :

ב) דֶער מֶענְטְשׁ בַּארַארְף נִזְהָר זַיין דָאס עֶר זָאל גֵיין אַלֶע טָאג מִתְפַּלֵל זַיין בְּבֵית הַכְּנֶסֶת אוּן זָאל הֶערִין קְדוּשָׁה אוּן בָּרְכוּ אוּן זָאגֶען אָמֵן נָאךְ דִיא בְּרָכוֹת. אֲפִילוּ וֶוער אִיז מִתְפַּלֵל בְּיָחִיד זָאל עֶר אוֹיךְ גֵייעֶן לְבֵית הַכְּנֶסֶת מִתְפַּלֵל זַיין. אוּן זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַיֶעדִין

טאג

בני . זאלסט נודר זיין אז דו זאלסט פערמיידען דיינע פיס פון איין עושר וואס דו האסט נאר נישט פון איהם. ווייל מיט דיין אריין גיין צו איהם קען עס דיר שאדין אין דער צייט ווען עס וועט דיר פעלין . ובפרט אין דער צייט ווען די וועסט חיו דיין קראנק . עס וועט זיך איבערעדער פון דיר פערמיידין אז מען זאל דיך אינמער שטיצען מען וועט זאגין אז דער עושר גיט דיר שוין וואס דיא בדארפסט :

בני . עס זאל נישט זיין אין דיינע אויגין איין שונא אפילו דיא האסט טויזענד ליבהאבער . ווייל דער איינער שונא קען איבער קערין אלע טויזענד ליבהאבער פאר שונאים . און דיא טויזנד ליבהאבער קענין נישט איבער קערין דעם איינים שונא פאר אליבהאבער :

בני . שטאט דעם וואס דו זאלסט איבער לאזין דיין געלד כדי אז דוא זאלסט מקשר זיין דאס נפש פון דיין ווייב מיט דעם נפש פון דעם מאן וואס ער וועט זיא נעמין נאך דיין טויט . זאלסטו ליבער צו שפייטען ביא דיין לעבין דאס געלד צו צדקה כדי דיא זאלסט צו קניפען דיין נפש מיט דער שכינה :

זכר

מאנ אזמן צו לערנין תורה אפילו דער וואס ער קען גיט לערנין זאל ער לייגען ספרי מוסר אויף עברי טייטש נישט אפ צו פירן זיינע טעג מיט הבלים :

מיר געפינען ביי אברהם אבינו שטייט ואברהם זקן בא בימים . דהיינו ער איז געקומען מיט אלע טעג. עס איז נישט גיוועזן איין טאג וואס ער זאל אין איהם נישט טוהן דעם רצון הבורא . ווייל בעוה״ב דער קענט מען ווער עס איז אלט און ווער נישט . מען הט אמאל גירעכנט צו אזקן פון זיבעציג יאהר ווי אלט ער איז הט ער גיזאגט דאס ער איז אלט זיבציג יאהר . האט מען נאך געזעהן אין זיין פינקס האט מען איהם גיזאגט דאס ער איז נאר אלט דרייא יאהר . הט מען אויך גירעכנט צו איינעם וואס ער איז אלט דרייסיג יאהר ווי אלט ער איז . האט ער גיזאגט דם ער איז אלט דרייסיג יאהר . הט מען איהם געזאגט אז דאס איז אמת . ווי דער זקן הט דם גיהערט איז ער געווארען אין כעס און האט גיזאגט דא איז דער עולם האמת . איך בין דאך גיוועזן זיין סנדק און ווי אזוי קען מען זאגען דאס ער איז עלטער פון מיר . הט מען צו איהם גיזאגט די שוטה . דיא טעג וואס דער מענטש טוהט אין זיי נוטין דם זענין זיינע טעג . אבער די טעג ווס מען איז עוסק אין הבלים ווערין נישט גירעכינט פאר טעג . דיא אין אלע דיינע יאהרען געפינט מען מעהר נישט נאר דריי יאהר. ווייל דו ביזט קיין מאהל נישט געגאנגען מתפלל זיין אין דאס נאר עוסק גיוועזן אין הבלים וועגן דם נישט גירעכינט פר טעג . אבער דער ווס גייט לבית הכנסת מתפלל זיין און לערינט תורה און איז עוסק במצות דער קומט מיט אלע זיינע טעג פאר השי״ת :

## ליקוטים נחמדים ויקרים פון ספר חסידים הקדוש וואס האט מחבר געוועזן רבינו יהודא החסיד זצוק"ל איינער פון דיא בעלי התוספת:

זכר צדיק לברכה. איעדעס מאהל וואס מען טיהט גידענקען דעם נאמען פון גאט זאל מען זאגין בלשון הקודש השם יתברך שמו:

דער עיקר פון חסידות איז אז ער זאל זיך אין דעם חסידות האלטען פון תחלה ביז אין סוף אפילו ער וועט אז מען שפעט אויס איהם זאל ער נישט נאך לאזען זיין חסידות:

איעדי זאך פון חסידות איז זיך אפ צו היטען. פון רכילות. פון צו ריידין דברים בטלים. נישט צו ריידין שקר. נישט צו זעהן אויף נשים. נישט צו ריידין חדושים פון וועלט זאכען. נישט צו גיין שפאצירען. ווייל אויף די אלע זאכין איז דא איצר. א) און איעדי זאך וואס דער מענטש געוויינט זיך ווען ער איז קליין. ווען ער וועט גרויס זיין און וועט זיך וועלין אפ לאזען דער פון. וועט עס אויף איהם שווער זיין וויא דער טויט:

---

ווען

א) דער מענטש באדארף צו זעהן אז אמצוה ווס דער יצר הרע שטארקט זיך אין איהם אז ער זאל איהם פון דער מצוה מבטל זיין. זאל ער זיך דוקא שטארקען אז ער זאל דיא מצוה מקיים זיין. וואריין ער איז בוודאי דורך דער מצוה געקומען אויף דעם עולם. ער איז דורך דער מצוה מגולגל געווארען. און כדי ער זאל נישט משלים זיין ווס ער באדארף מתקן צו זיין. טוהט איהם דער יצר הרע אהן רעדין אז ער זאל דיא מצוה מבטל זיין. און ער זאל פון דער וועלט אוועק גיין מיט ליידיגע הענד. וועט ער דריבער באדארפען נאך אמאהל מגולגל ווערין. אזוי וויא מיר געפונען ביא דיא חכמי התלמוד אז זיא האבען געוואוסט מיט זייער חכמה דורך וועלכע מצוה ער איז מגולגל געווארען. הט ער זיך אין דער מצוה מעהר געהאלטען וויא אין אנדערי מצות. אזוי וויא דיא גמרא זאגט אין שבת אז איין תנא האט ניפרענט דעם אנדערין. אין וועלכע מצוה איז דיין פאטער מעהר נזהר געוועזין. הט ער איהם גיענטפערט אין דער מצוה פון ציצית. און אטייל זענין נזהר געוועזען אין אנדערי מצות. און דאס איז געוועזען ווייל זייא האבען געוואוסט מיט זייער חכמה אויף וועלכע זאך זיי זענין געקומען משלים צו זיין. שבט מוסר:

אזוי אויך אז דער מענש וויל וויסען דורך וועלכע עבירה ער איז מגולגל געווארען. זאל ער זעהן מיט זיין שכל צו וועלכע עבירה ער טוהט מעהר גליסטען וויא צו אנדערי עבירות. זאל ער וויסען אז ער איז שוין אמאל געוועזען אויף דעם עולם. און ער האט חטא געוועזען מיט דעם חטא. דריבער איז ער נאך אמאל מגולגל געווארען אז ער זאל דעם חטא מתקן זיין. און דער כח הטומאה טוהט זיך אין איהם האלטען. אז ער זאל דעם חטא ווייטער טוהן. און ער האט נישט מנוחה פון דעם יצר הרע. על כן באדארף ער זיך שטארקען אקעגין זיין יצר הרע און זאל די עבירה נישט טוהן. יסוד התשובה:

וועז מען איז מצער אמענטש אז אזוי גלייך וויא מען האט מצער געווען דיא גאנצע וועלט . אפילו ער ברענגט פון זיך ארויס ריחה. אודער ער מיהט אוים שפייען פאר זיין חבר און עס איז זיין חבר נמאס . אזוי קומט ער דאפיר לדין . ווייל ער איז גורם מיאוס צו זיין חבר :

דער מענטש זאל זיך נוהג זיין אראפ צו האלטין דיא דעק פון זייגע אויגין אז ער זאל נישט זעהן ווער עס קומט איהם אקעגין : א)

עס איז גלייך אז עס זאל ביי איהם זיין אן גיגרייט אין אבדי קלייען אז ווען ער וועט אן רירען אין חלב אדער אין בליט אדער אין איין אנדרען איסור זאל ער זיך תיכף מיט די קלייען די הענד אפ רייבען :

אז דער מענטש איז אליין אין אחדר זאל ער טראכטען אויף אזעלכי זאכען וואס די זענין נישט שיין . אז ווען עס זאל זיין פאר מענשין וואלט ער עס נישט געטוהן פאר בושה. אזוי זאל ער עס אצונד אויך נישט טוהן :

אז דו וועסט ריידען ביי דער נאכט זאלסטו נידעריג האלטען דיין קול . און אז דו וועסט ריידען ביי טאג זאלסטו זעהן ארום דיר. און דו זאלסט זיין געווארינט מיט דיינע רייד פון דער וואנט וואס איז אינטער דיר . ווייל דר מענש טוהט שטארבען מיט דעם וואס ער וועט געשטרוכעלט מיט זיין צונג :

זאלסט ליעב האבען דעם שמא (שאמער) . און זאלסט פיינד האבען דעם מה בכך (וואס איז דען). פירוש . זאלסט ליעב האבען צו זאגען שאמער אז איך וועל זאגען די זאך. אדער אז איך וועל טוהן די זאך . אדער אז איך וועל גיין שפאצירען. וועט גורם זיין אז איך וועל נאך זינדיגען . און זאלסט פיינד האבען צו זאגען . וואס איז דען אז מען הערט נארישע זאכען און צו רעדין וועלט זאכען און צו ריידען דברים בטלים ב). איך וועל גיין אין דעם רצון פון מיין הארץ . און איך וועל נישט קומען צו זינד :

ווען

א) דער ראשית חכמה שרייבט אז דער וואס היט אפ זייגע אויגען פון זעהן איז מיט איהם די שכינה. און עס האט איהם עדות געזאגט אבעל תורה אז ער האט גזעהן אחסיד אין ארצות המערב אז ער הייבט קיין מאהל נישט ארויף זייגע אויגען נאר ער האלט זייא תמיד אראפ פאר גרוים חסידות . און ווער עס דער צערינט איהם איז נישט מוצא שנתו און נאך פיהל ניסים פון איהם :

ב) ובשם הבעש"ט ז"ע אז פון דיא רייד הט דער מענש רעד פערשטייען דיא צדיקים פון דיא רייד וואס פאר אחטא ער הט גיטאן . און ספר אור המאיר שטייט גיברענגט אז אמאל הט הבעש"ט ז"ע גיהערט אמשע שפילען אויף אפידעל האט

ער

ווען דו וועסט וועלין פרעגין אויף אמענש וואס דו וועסט דיך וועלין מיט איהם באהעפטן. זאלסטו פרעגין ווער זיין חבר איז. ווייל דר מענש טוהט גלייך וויא זיין חבר:

זאלסט נישט זיין אייליג תיכף צו זיין אין כעס א). זאלסט לאזען דיין כעס איין נאכט איבער נעכטיגען. און דו זאלסט איין האלטען דיין צארען אז דו זאלסט גאר נישט רידען אין דר צייט ווען דו ביזט אין כעס:

זאלסט נישט אויס זאגען צו דיין ליעבהאבער אזא זאך וואס דו טוהסט פארבארגין פון דיין שונא ווען דו האסט איהם נישט פיהל מאהל געפריבט אז ער איז דיר איין איהב נאמן. ווייל טאמער וועט ער איבער גיקערט ווערין צו דיר פאר אשונא אזוי וועט ער אויס זאגען דיין סוד. אויך אסור פון איין אנדערין זאלסטו נישט אויס זאגען צו קיין שום מענש נאר ווען ער גיט דיר רשות:

דער כלל פון דער חכמה איז. צו שווייגען. איין וואָרט איז ווערט איין גולדען. שווייגען איז ווערט צוויי גולדען. אז איך טוה ריידען אזוי האב איך חרטה. און ווען איך רייד נישט האב איך קיין חרטה. ווען איך האב נאך נישט געטוהן ריידען אזוי טוה איך גיוועלטיגען און רעגירען אויף מיינע

---

ער פערשטאנען פון דעם שפילען אז . יבירות וואס ער האט געטאן פון דעם טאג אהן וואס ער איז געבוירען געוואָרען. אצונד בעדארף דער מענש פערשטיין אז מיט דעם פירעל טוהט ער אוים רעבענין זיינע חטאים מכל שכן פון זיינע רייד מיט דעם מויל טוהן דיא צדיקים בוודאי פערשטיין וואס פר אחטא ער האט געטאן:

א) הרב הצדיק הקדוש מלובלין זצוק"ל האט איינמאל געוואלט גאנץ פריה אויף שטיין ווייל ער האט געדארפט ארבר גדול מתקן זיין. האט ער גיהייסען אז מען זאל איהם ביא נאכט פריהער זיין עסין געבין ווי אין איין אנדערין טאג. און לסוף נישט געווען וואס מען האט איהם נישט זיין עסין פריער גיגעבין נאר מען האט נאך איהם שפעטער גיגעבין און עס איז נסתר געוואָרען זיין גאנצער בנין. האט הרב הצדיק גיזאגט. איך וואלט בעדארפט צו זיין אין כעס אויף מיין בני בית. נאר וואס איז דען גיוועזין מיין כוונה מיט דעם וואס איך האב געוואלט פריער אויף שטיין. אז איך זאל טוהן דעם רצון פון מיין באשעפער. און דס איז אויך דער רצון פון מיין באשעפער אז איך זאל נישט זיין אין כעס:

והרב הצדיק הקדוש מראודאל זצוק"ל פלעגט תמיד זאגען ווען איך וויל ברוגז זיין ליינ איך עס אפ אויף שפעטער איך וועל שפעטער אויך דען משא ומתן נישט פערלירען:

ובשם הרב הצדיק מרימינאב זצוק"ל אז ווען דער מענש קומט פון דעם וועג זאל ער נישט אהיים קומען הונגעריג כדי ער זאל נישט זיין אין כעס אויף זיין בני בית:

מַיינֶע רַייד. וֶוען אָבֶּער דָאס וָוארְט אִיז שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מַיין מוֹיל. טוּהְט שׁוֹין דָאס וָוארְט אִיבֶּער מִיר גִיוָועלְטִיגֶען:

וֶוען אֵיינֶער זָאגְט צוּ זַיין חָבֵר אַז עֶר זָאל אִיהְם דֶערְלַאנְגֶען אַסֵפֶר. זָאל עֶר עֶס נֶעמֶען מִיט דֶער רֶעכְטֶער הַאנְד נִישְׁט מִיט דֶער לִינְקֶע:

וֶוען דוּ וֶועסְט וֶועלִין טוּהְן אֵיין זַאךְ. זָאלְסְט דוּ רֶעכִינִין אַז וֶוען אֵיין אַנְדֶערֶער מֶענְשׁ זָאל וֶועלִין דִיא זַאךְ טוּהְן אוּן זָאל דִיךְ פְרֶעגִין אֵיין עֵצָה. וָואס פַאר אֵיין עֵצָה דִיא וָואלְסְט אִיהְם גִיגֶעבִּין. אַזוֹי זָאלְסְטוּ דִיךְ נוֹהֵג זַיין אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט דִי זַאךְ טוּהְן אוֹיבּ נִישְׁט:

וֶוען לְמָשָׁל רְאוּבֵן הָאט אַזִיהְן וָואס אִיז נוֹטֶה צוּ שְׁטַארְבֶּען. אַזוֹי זָאל קוּמֶען שִׁמְעוֹן אוּן זָאל זָאגֶען צוּ זַיין פָאטֶער אוּן מוּטֶער. פְּלוֹנִי. וּפְלוֹנִי. אִיךְ גִיבּ צוּ אַייךְ אַשֶׁקֶל. אִיךְ גִיבּ צוּ אַייךְ אַבְּרוֹט אוּן פְלֵייש אוּן וַויין אוּן אִיךְ לֵייז אוֹיס אַייעֶר זוּהְן אַז עֶר זָאל זַיין מַיין זוּהְן. אוֹיךְ זָאל מֶען אַזוֹי טוּהְן צוּ אַזוֹי אֵיינֶעם וָואס עֶס הַאלְטֶען זִיךְ נִישְׁט בַּייא אִיהְם קֵיין קִינְדֶער ר״ל:

אַיְהוּדִי אִיז שׁוּלְדִיג גִיוֶועזֶען אַשְׁבוּעָה צוּ אַגוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן וֶוען אִיךְ וֶועל אֱמֶת שְׁוֶועהְרִין וֶועל אִיךְ מַיין גֶעלְד פוּן אִיהְם אַרוֹיס נֶעהְמֶען מִיט דֶער שְׁבוּעָה פוּן אֱמֶת. אוּן וֶועל גֶעבִּין דִי הֶעלְפְט צוּ צְדָקָה. הָאט צוּ אִיהְם אַחָכָם גֶעזָאגְט אֲפִילוּ וֶוען דוּ וֶועסְט דָאס גַאנְצֶע גֶעלְד גֶעבִּין צוּ צְדָקָה אִיז אָסוּר. וַוייל עֶס אִיז בֶּעסֶער אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט גֶעבִּין צוּ צְדָקָה אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט שְׁוֶועהְרִין אֲפִילוּ עֶס אִיז אֱמֶת. וַוייל פִיהְל שְׁטֶעהְט וֶוענִין חָרוּב גֶעוָוארֶען דוּרְךְ שְׁבוּעָה פוּן אֱמֶת:

אַיְהוּדִי וָואס זִיצְט בַּייא אַשְׁרַאנְקֶען וּכְּדוֹמֶה וָוס אִיז אוֹיס נִיזֶעצְט אַזוֹי פִיהְל צוּ נֶעהְמֶען. אוּן עֶר נֶעמְט מֶעהְר פוּן אַגוֹי. וֶועט עֶר לְסוֹף אָרֶעם וֶוערִין. וַוייל עֶס טוּהְן אִיהְם פִיהְל שֶׁעלְטֶען:

דֶער מֶענְשׁ זָאל זִיךְ תָּמִיד גֶעוֵוינֶען צוּ זָאגֶען. יְהִי רָצוֹן שֶׁלֹּא נֶחֱטָא לָךְ וְלִבְרִיּוֹתֶיךָ וְשֶׁלֹּא יֶחֶטְאוּ לָךְ בְּרִיּוֹתֶיךָ וְשֶׁלֹּא יֶחֶטְאוּ בָּנַי וּמָחָה כָּעָב וְכֶעָנָן חַטֹּאתֵינוּ לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל:

פַאר אֵיין אַלְטֶען מַאן זָאלְסְטוּ דִיךְ אוֹיף שְׁטֶעלִין. אוּן אֲפִילוּ פַאר אֵיין אַלְטֶע. אוּן אוֹיךְ נָשִׁים זָאלֶען זִיךְ אוֹיךְ אוֹיף שְׁטֶעלִין:

דֶער מֶענְשׁ זָאל נִישְׁט זָאגֶען וֶוען אִיךְ וֶועל דִיא זַאךְ טוּהְן אַזוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט קֵיין יְהוּדִי. וַוייל מִיט דֶעם דִיבּוּר מַאכְט עֶר זִיךְ פַאר אֵיין גוֹי. וַוייל אַשְׁלֶעכְטֶע זַאךְ זָאל עֶר אֲפִילוּ אוֹיף אַתְּנַאי אוֹיךְ נִישְׁט זָאגֶען!

דיא מתים האבען הנאה או ווען זייערי ליעבהאבער קומען אויף זייערי קברית און בעטין גוטעס אויף זייער נשמה. און אויך או מען בעט פון זיי אזוי בעטין זיי אויך אויף די לעבעדיגע מענשין:

ווען אמענש ווערט ח"ו קראנק זאל ער נישט אהן העננין זיין קרענק ווייל ער האט גיגעסין אמאכל וואס האט איהם געטוהן שאדען. אדער דורך איין אנדערי זאך. ווען אפילו שרעקליכע מענשין האבען איהם געטוהן שלעכטס. נאר ער זאל זאגען מיינע זינד האבען עס גורם גיוועזין און נאס האט עס גיווערקט. אויף אייעדע זאך באדארף מען זאגען אז עס איז בהשגחת הבורא:

## ליקוטים פון ספר אור הישר ער איז גיוועזין דער חבר של המקובל ר' משה קורדווירו זצוקללה"ה:

צריך האדם. דער מענש בעדארף נזהר זיין אז ער זאל נישט אויס ציהען פון זיין מויל אזעלכע רייד וואס איז נישט פון תורה אדער יראה אדער חכמה אדער פון מוסר דרך ארץ. ווארין אז עס איז נישט דא אין די רייד איינס פון די זאכען ווערט עס פאר אשטות גירעכינט:

מען זאל נזהר זיין אויף צו שטיין פאר אתלמיד חכם. אויך פאר איין אלטען מאן וואס איז אלט זעכציג יאהר און איז איין עם הארץ בעדארף מען אויך אויף שטיין. דאס טוהט העלפין אז מען זאל האבען יראה פאר השי"ת:

פאר דיין אלט ווערין זאלסטו טוהן תשובה. ווארין ווער ווייסט וואס עס קאן דעם טאג געבוירען ווערין. ווייל דער מענש איז נישט זעכער מיט זיין לעבין אפילו איין רגע. ער קען ווערין גירופען מיט דעם באפעהל פון דעם קעניג דער וועלט און איז געצוואונגען איבער צו לאזען זיין ווייב און זיינע קינדער און זיין הויז געוואנד און אלע זיינע קרובים מיט זיינע ליעבהאבער. און טוהט צו דעם וועג זיינע טריט. אזוי איין וועג וואס ער איז נאך אין איהם קיין מאהל נישט איבער געפאהרען. און עס איז נישט דא ווער עס זאל פיהרען צו זיין נשמה. נאר תורה און מעשים טובים. ווייל זיינע ליעבהאבער און זיינע קרובים טוהן צוריק אהיים גיין צו זייער ארט. און זיינע מעשים טוהן זיך פאר איהם פאדערין:

מען באדארף זייער נזהר צו זיין נישט אפ צו לאזען זיין דיעה פון די תפילין. ווייל מען מאכט דר מיט אגרויסען פגם. דריבער ווען מען

אין

איז מתפלל ברכות און זמירות זאל מען אלע מאהל נעבין דיא האנד אויף דיא תפילין כדי ער זאל נישט אפ לאזען זיין דיעה פון זיי: א)

האריז״ל האט תמיד מתפלל גיוועזען פון אסידור. נאר די שמונה עשרה האט ער מתפלל גיוועזען מיט די אויגען צו געמאכט:

וויי צו דיא מענטשין וואס טוהן פארגעלטען שלעכטם צו זייער נפש און ריידען אין שיהל אפילו נאך דער צייט פון דער תפלה. אפילו זייא רעדין מוסר און יראת שמים: ב)

עם

א) עם האט זיך אמעשה געטראפען ביי א גרויסען תלמיד פון האריז״ל הקדוש אז ער איז נפטר געווארען: און נאך פיהל טעג האט איהם האריז״ל גיזעהן אין חלום און האט איהם גיפרעגט חיא עס גייט איהם אויף יענער וועלט האט ער איהם גיענטפערט אז עס גייט איהם זייער גוט. נאר וועגין איין זאך האט מען מיט מיר אביסעל מדקדק גיוועזען אז ווען איך בין געקומען ביי דעם סוף פון ובא לציון. ביי למען לא ניגע לריק כו׳ האב איך דארט זייער שטארק מכוין גיוועזען. ווייל דאס איז זייער אגרויסע תפלה און ווייל איך האב שטארק מכוין גיוועזען. האב איך דערמיט מסיח דעת גיוועזין פון דיא תפילין. פון דעם קען דער מענש זעהן וויא גרויס דער עונש איז אז ווען מען לאזט אפ זיין דיעה פון די תפילין דורך מחשבות זרות פון אנדערי זאכען חס ושלום. נאר אין דער צייט ווען מען איז מתפלל שמונה עשרה דערמילט בעדארף מען נאר אין זין האבען דיא שמונה עשרה. און זאל מתפלל זיין מיט כוונה און זאל נישט מורא האבען ווען ער איז מסיח דעת פון די תפילין דורך דער כוונה:

ב) אין ספר יש נוחלין שטייט אז דער מענש זאל נזהר זיין אז מען זאל אין בית הכנסת נישט ריידין קיין שיחת חולין ווען אפילו עס איז נאר נייטיג. וואריין אין אלע עבירות וואס דער מענש טוהט איז נישט דא אזוי איין עבירה וויא אז מען טוהט ריידין אין שיהל. וואריין ווען דער מענש טוהט אנדערי עבירות דהיינו גזל אדער ווען מען עסט אזעלכע זאכען וואס זיי זענין אסור וכדומה. איז ווייל דער יצר הרע טוהט זיך איבער איהם שטארקען. און דער מענש טוהט צו די זאכען גלייסטען מאכט איהם דער יצר הרע זינדיגען דער מיט. אבער מיט דעם וואס דער מענטש טוהט ריידין אין שיהל וואס פאר הנאה האט ער פון דער עבירה. און ער מאכט נאך זיין חבר אויך זינדיגען. וואריין די עבירה וועט נישט געטאן אליין. נאר נאך מיט איינעם. פאר וואס זאל זיך דער מענש נישט גערהמען אמוסר פון זיך אליין. אז ווען זיין חבר זאל צו איהם ריידען ווען ער איז טרוד אין זיינע גישעפטען אזוי וואלט ער איהם נישט געטוהן אוים הערין. אין ביי דער תפלה וואס מען שטייט פאר השי״ת נאך אייהער ער טוהט איהם רופען טוהט ער שוין ענטפערין ער שטייט נאך אין זיין תפלה טוהט ער שוין הערין:

און בפרט די מענשין וואס זיצען אין די דערפער וואס איינער פון דעם אנדערין איז ווייט. נאר אין שבת קומען זייא זיך צוזאמען אז זייא זאלין מתפלל זיין מיט מנין און זייא זענין עוסק אין נארישקייטען פון דער וועלט איינער דער ציילט זיין חבר אז ער האט געקויפט

אין

עֶס אִיז אַגְלַייכֶער מִנְהָג אַז דֶער סִידוּר זָאל זַיין פַאר אִיהְם אוֹיף גֶעמַאכְט אִין דֶער צַייט וֶוען דֶער חַזָן זָאגְט דִיא בְּרָכוֹת. אוּן דִי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה. כְּדֵי עֶר זָאל קֶענִין צוּ הֶערִין דִיא בְּרָכוֹת. אִין נָאךְ זָאגֶען אָמֵן:

עֶס אִיז אַמִצְוָה אַז מֶען זָאל תָּמִיד זֶעהְן אוֹיף דֶעם הִימֶעל עֶס טוּהְט פִיהְל הֶעלְפִין צוּ יִרְאָה:

מֶען זָאל פָארְשְׁטֶן אִין דֶעם שָׁלוֹם פוּן אַיֶעדִין מֶענְשׁ. אֲפִילוּ אִין שָׁלוֹם פוּן דֶעם שׂוֹנֵא:

מֶען זָאל נִזְהָר זַיין אַז מֶען זָאל נִישְׁט פֶערְשְׁלַייפֶען דִיא פִינְגֶער פוּן דֶער רֶעכְטִי הַאנְד מִיט דִי פִינְגֶער פוּן דֶער לִינְקֶע הַאנְד. וַוייל עֶס טוּהְט מְעוֹרֵר דִין זַיין ח"ו:

מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפֶען אַיין אַלְטֶען חֶשְׁבּוֹן פוּן זַיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת. וַוייל מֶען קֶען אַמָאל פוּן דֶעם אַלְטֶען חֶשְׁבּוֹן פִיהְל וַוּאכֶען אַרוֹיס גֶעהְמֶען. אוֹיךְ זָאל מֶען אַיֶעדִין חֶשְׁבּוֹן אוֹיף שְׁרַייבֶּען. קְלֵיין אָדֶער גְרוֹיס. כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט חוֹשֵׁד זַיין אִין כְּשֵׁרִים ח"ו:

זָאלְסְט נִזְהָר זַיין אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מְשַׁנֶה זַיין דַיין דִבּוּר אֲפִילוּ מִיט אַקְלֵיינֶע זַאךְ. וַוייל דֶער וָואס טוּהְט מְשַׁנֶה זַיין זַיין דִבּוּר אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר דִיעֶנְט דִיא עֲבוֹדָה זָרָה:

עֶס אִיז אַמִצְוָה צוּ קוֹיפֶען פִישׁ לִכְבוֹד שַׁבָּת צוּ אַלֶע דְרַיי סְעוּדוֹת בִּפְרַט בַּיי דֶער דְרִיטֶער סְעוּדָה. אָבֶער אִין מִיטֶען דֶער וָואךְ זָאל מֶען נִישְׁט עֶסִין קַיין פִישׁ. וַוייל אִין מִיטֶען דֶער וָואךְ קֶען מֶען נִישְׁט מַעֲלָה זַיין דִיא נִיצוֹצוֹת. נָאר דוּרְךְ דֶעם זְכוּת פוּן שַׁבָּת א):

מֶען זָאל נִזְהָר זַיין אָפְּ צוּ קֶעהְרִין דָאס שְׁפִּין־וֶועבּ פוּן זַיין שְׁטוּבּ כְּדֵי צוּ פֶערְטְרַייבֶּען דִיא קְלִיפָּה שְׂמָמִית בְּיָדַיִם תְּתַפֵּשׂ:

דער

אִין טֶעמֶע מֶילֶעךְ ק"א. אַזוֹי אוֹיךְ אַנְדֶערִי בְּהֵמוֹת. וָוארִין אַנַאנְצֶע וָואךְ זֶעהְט נִישְׁט אַיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין. אִין דָאס אִיז אַרְעכְטֶער אִיסוּר. עֶס וָואלְט לִיבֶּער גִיוֶועזֶען אַז זַייא זָאלֶען זִיצֶען בַּיי זִיךְ אִין דֶער הַיים וִוי צוּ זַיין מִתְחַלֵל זַיין אוּן צוּ רֵיידֶען אִין שַׁבָּת אַזֶעלְכֶע זַאכֶען. עַל כֵּן טוּהְט אוֹיף אַייעֶר הַארִין דִיא פָּארְכְט פוּן השי"ת פַאר דִיא עוֹנְשִׁים וָואס קֶענִין חַס וְשָׁלוֹם קוּמֶען. אִין טוּהְט אֵהְן כָּבוֹד צוּ השי"ת:

א) וּבְשֵׁם הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר מאיר מפרעמישלאן ז"ע. אַז דָאס בִּיז יוֹם ד' אִין דֶער וָואךְ הָאט עֶר גִינֶעמִין פִישׁ. אִין פוּן יוֹם ד' אָהְן אִין וַוייטֶער הָאט עֶר אִין דֶער וָואכֶען נִישְׁט גִינֶעמִין קַיין פִישׁ:

## ליקוטים פון ספר ארחות חיים פון רבינו הרא"ש זצ"ל

דער מענש זאל זיך פרהיטן פון גאוה ווייא וויט מעגליך זיין: אזוי אויך פון חניפות: א) אזוי אויך פון שקר: אזוי אויך פון ליצנות: אזוי אויך פון כעס: אזוי אויך פון רכילות: נישט צו ריידן לשון הרע. און אויך נישט צו הערן לשון הרע: נישט צו ריידן דברים בטלים:

זאלסט תמיד גידענקן דעם טאג פון דעם טויט און דיא זאלסט דיר אן גריימן שפייז אויף דעם וועג:

דעם סוד פון איין אנדערין זאלסטו נישט אויף דעקן. אויך דיא רייד וואס מען וועט פאר דיר ריידן נישט פאר אסור זאלסט דיא זייא בעהאלטן ביי דיר אין הארץ. אויך אז דיא וועסט זייא הערן פון איין אנדערין זאלסטו נישט זאגן איך האב שוין דאס גיהערט. און פון דיין וויב זאלסטו אפ היטן דיא רייד פון דיין טייל: כלומר זאלסט פאר איהר קיין סוד אויס זאגן:

זאלסט נישט געבן דיינע אויגן צו אזוי איינים וואס איז גיווארין איין עושר מער פון דיר. נאר צו אזוי איינים וואס איז אינטער דיר:

זאלסט נישט צערינין אויף איין קריג וואס גיהער נישט צו דיר. ווייל זייא וועלין צווישען זיך שלום מאכין. און דיא וועסט איבער בלייבין אין כעס:

זאלסט נישט נאך לאזין פון צו זיכען חבירים אין ליבהאבער. און עס זאל פאר דיר נישט ווייניג זיין איין שונא:

עם

א) זאלסט נישט געבן חניפה צו אנדערי און זאלסט נישט צו נעמען חניפה פון אנדערי. און ווער עס וויל ניצול ווערין פון חניפה זאל ער זיין געווארינט זיך צו ערהייטערין פון כבוד. ווייל דער וואס וויל נישט קיין כבוד דער בעדארף נישט חניפות. אויך זאל ער געווארינט זיין אז ער זאל פון אנדערי קיין הנאה האבען. ווייל דאס רוב מענשין וואס האבען ליעב צו חניפה. טוהן געבין חניפה צו אמענש וואס זיי מיינען אז זייא וועלין פון איהם הנאה האבין. דריבער ווער עס טוהט זיך ערהייטערין פון דיא צוויי זאכין. הנאה. און כבוד. דער וועט ניצול פון סיהל עבירות. ווייל סיהל מענשין טוהן מעשים טובים כדי מען זאל זייא כבוד אהן טוהן. און אזוי אויך ווער עס האט הנאה פון זיין חבר. ווען אפילו ער זאל איהם זעהן עובר זיין אויף אלע עבירות פון דער וועלט. קען ער איהם נישט שטראפען. ווייל ער האט מורא אז ער וועט פון איהם מעהר נישט קענין הנאה האבען. און נישט גענוג וואס ער שטראפט איהם נישט. נאר מיט דעם וואס ער נימט איהם חניפה. איז ער מחזק זיינע מעשים. ראשית חכמה:

עס זאל נישט אויף גיין אין דיין דיעה אז די זאלסט דעם חכם מנצח זיין. ווייל די וועסט נישט מערין אויף דיין קליגקייט חכמה. זאלסט נישט בייז זיין אויף אקלייניקייט אקעגין יעדין מענטש. א) ווייל טאמער וועסטו

דיר נעמין שונאים בחנם:

זאלסט נישט נאך גיין צו וויסען פערבארגינע זאכען וואס איז צווישען אמענטש מיט זיין חבר. און אזא זאך וואס איז פאר דיר פערדעקט:

זאלסט נישט געבין צו דיין הארץ אז די זאלסט מקנא זיין. ווייל דאס איז אשלעכטי קרענק וואס האט נישט ארפואה:

זאלסט דיך נישט גיוויינין בייא דיר צו שווערין אפילו עס איז אמת:

זאלסט דיך נישט גיוויינין צו עסין אויסער דיין היים מיט איין פאר זאמלינג מענטשין ווען עס איז נישט אסעודת מצוה: זאלסט נישט זיין איין עצל פין צו געבין שלום צו איעדין מענטש:

כספר

א) דער מענש בעדארף צו געבין צו זיין הארץ אז ער זאל נישט צערינען און זאל זיין אמעביר על מדותיו. דאס הייסט ווען איינער איז איהם מצער זאל ער נישט וועלען אפ געבין מדה כנגד מדה. נאר ער לאזט נאך דאס וואס מען האט איהם מצער גיוועזען און גייט אוועק. און דער וואס איז המעביר על מדותיו דעם איז מען מוחל זיינע עבירות און דער מדת הדין זוכט נישט נאך איהם. נאר ער לאזט איהם נאך און גייט פין איהם אוועק. ראשית חכמה:

אין ספר תוספת אליהו ווערט גיברענגט אמעשה אז רב הונא דער זוהן פון יהושע איז קראנק גיוועזען און איז גיוועזען אויף יענעם עולם (ער איז גילעגין אין דיא הייעגער פלעט) עטליכע טאג און עטליכע נעכט. ווען ער איז צו זיך גקומען האט מען איהם גיפרעגט. רבי. מיט וואס זענט איהר ניצל גיווארין פון דער מיתה. האט ער זייא גיענטפערט וואויל איז צו דעם וואס ער איז נישט אמעמיד על מדותיו. איך שווער אז עס זענין גיקומען כתות פון מלאכי השרת און האבין אויף מיר מלמד זכות גיוועזען. און מען האט זייא נישט אהן גינומען. ביז עס איז גיקומען אמלאך און האט גיזאגט אויף וועלכען מענטש טוהט איהר מלמד זכות זיין. אשר אויף דעם וואס איז נישט אמעמיד על מדותיו. אז ווען מען איז איהם מצער טוט ער נישט אפ מדה כנגד מדה פון תמיד אהן. אזוי האט מען מיך תיכף גיפטערט פון מיתה צו לעבען:

נאך אמעשה ווערט דארט גיברענגט פון אזוי איינעם וואס איז נישט אמעמיד על מדותיו רב נחמן דער זוהן פון יצחק האט גיהאט אבארג מיט ערד בייא זיך אין גארטען. דאס ער גידונגען פועלים אז זיי זאלען דעם בארג גראבין. האבין זייא גיגראבען אגאנצע טאג. דעם אנדערין טאג ווי זייא האבען גיגראבען. איז אמענש א"ויס נישט־גינגען פון זיין הויז (קבר) און האט זיך גיזעצט אויף דעם בא"ג און האט זיך אהן גיהויבען צו שאקלין און צו לערנין. וואס האט ער גילערינט טאמער איז גיקומען די צייט פון תחיית המתים.

מאמער

בְּסֵפֶר רַחֲמֵי הָאָב. דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעדַארְף זִיךְ מַרְגִּיל זַיין. עֶר זָאל נִישְׁט
וֶועהְן בַּייא קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ דִיא חֶסְרוֹנוֹת נָאר דִיא מַעֲלוֹת. וַוייל
עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַמֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין חִסָרוֹן: א)
מֶען זָאל אַיְעדִין מֶענְשׁ דָן זַיין לְכַף זְכוּת אֲפִילוּ עֶס ווייזְט אוֹיס אַז עֶר הָאט
גִּיטִיהְן אַגְרוֹיסֶע עֲוָלָה. וָוען דִיא וֶועסְט אִיהְם אוֹבֶּער פְרָעגִין פַאר וָואס
עֶר הָאט דָאס גֶעטִיהְן. וֶועט עֶר דִיר רוּבָּא דְרוּבָּא עֶנְפֶערִין אַתִּירוּץ מַסְפִּיק:
מֶען בֶּעדַארְף אַכְטִינְג גֶעבִּין אוֹיף דִיא קִינְדֶער אַז זֵייא זָאלִין נִישְׁט גֵיין
בְּגִילוּי רֹאשׁ. אַזוֹי וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין שַׁבָּת כַּסִּי רֵישָׁךְ כִּי
הֵיכִי דְתֶהֱוֵי עֲלָךְ אֵימְתָא דִשְׁמַיָּא. וָאלְטְ צוּ דֶעקִין דַיין קָאפּ כְּדֵי
עֶס זָאל אוֹיף דִיר זַיין דִיא פָארְכְט פוּן הַשֵּׁי"ת. ב) וּמִכָּל שֶׁכֵּן נָ"סֶע מֶענְטְשִׁין
בֶּעדַארְפִין

---

מָאמֶער אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן תחיית המתים. זֶענִין גִילָאפִין דִי פּוֹעֲלִים אוּן הָאבֶּען
מוֹדִיעַ גִיוֶועזֶען צוּ רַב נַחְמָן. אִיז רַב נַחְמָן גֶעקוּמֶען אוּן הָאט אִיהְם גִישְׁרָאפֶען. הָאט רַב
נַחְמָן צוּ אִיהְם גִיזָאגְט וֶוער בִּיסְט דוּא. הָאט עֶר צוּ אִיהְם גִיזָאגְט אִיךְ בִּין אַיין מֵת.
הָאט רַב נַחְמָן צוּ אִיהְם גִיזָאגְט וָוערְט דֶען אַמֵת נִישְׁט פֶערְפוֹילְט. הָאט דֶער מֶענְשׁ צוּ
אִיהְם גִיזָאגְט הָאט מֶען דֶען מִיט דִיר נִישְׁט גִילֶערִינְט סֵפֶר מִשְׁלֵי. אַז שְׁלֹמֹה הָאט גִיזָאגְט
וּרְקַב עֲצָמוֹת קִנְאָה. אַז וָוען מֶען אִיז מְקַנֵּא וָוערִין פֶערְפוֹילְט דִיא בֵּיינֶער. אִיךְ בִּין
קֵיין מָאהל נִישְׁט גִיוֶועזֶען אַמַעֲמִיד עַל מִדּוֹתָיו. אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גִיהַאט קִנְאָה אוֹיף
מַיין חָבֵר. אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גִירֶעדְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן נִישְׁט אִין שׁוּהל. אוּן אִיךְ הָאבּ
נִישְׁט גִינֶעבִּין מַיין הַארִין אוּן מַיינֶע אוֹיגֶען נָאר צוּ דִבְרֵי תּוֹרָה. כְּדֵי מְקַיֵּים צוּ זַיין וָואס עֶס
שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְשׁוֹמֵעַ לִי יִשְׁכָּן בֶּטַח. וָוער עֶס הֶערְט מִיךְ צוּא וֶועט זִיכֶער רִיהֶען
הָאט רַב נַחְמָן צוּ אִיהְם גִיזָאגְט אִיךְ וָועל דִיר אוֹיף מָאהְרֶען אַיין גִיצֶעלְט הָאט דֶער מֶענְשׁ
צוּ אִיהְם גִיזָאגְט זָאלְסְט מִיר נָאר נִישְׁט שִׁיהְן אוּן זָאלְסְט מִיךְ נִישְׁט אַוֶועק נֶעהְמִין פוּן
דֶעם אוֹרְט. נָאר זָאלְסְט צוּרִיק קֶעהְרִין דִי עֶרְד וָואס מֶען הָאט פוּן מִיר אַרָאפּ גִינוּמֶען
אוֹיף זַיין אוֹרְט. אִיז רַב נַחְמָן גִיוֶועזִין אִין פַּחַד אוּן אִיז גִיוֶועזִין אַנְטְצִין טָאג אִין טְרוֹיעֶר.
אוּן הָאט גִיזָאגְט וַויי אִיז צוּ מִיר אֶפְשַׁר הָאבּ אִיךְ דֶעם מֵת גִיהַרְגִ'ת. אַזוֹי הָאט אִיהְם
רַב נַחְמָן תֵּיכֶּף גִיזֶעהְן אִין חָלוֹם. וִוי דֶער מֵת אִיז גִיזֶעסִין אִין אַסוּכָּה פוּן הֲדַסִּים. הָאט רַב
נַחְמָן תֵּיכֶּף אָפּ גִינֶעבִּין אַשֶׁבַח צוּ הַשֵּׁי"ת וָואס עֶר נִיט צוּ אַיְעדִין זַיין שְׂכַר. פוּן דֶעם
לֶערִינְט מֶען אַרוֹיס וָוען אַזוֹי אַיינֶער וָואס זַיין שְׂכַר אִיז נִישְׁט גִיוֶועזֶען נָאר פַאר שְׁווייגֶען
אַלֵיין. אוּן וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט גִיוֶוען אַמַעֲמִיד עַל מִדּוֹתָיו הָאט אִיהְם הַשֵּׁי"ת גִינֶעבִּין אַזַא
שְׂכַר. מִכָּל שֶׁכֵּן אַז אַיינֶער לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן אִיז מְגַדֵּל זַיינֶע קִינְדֶער צוּ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן
דִיעֶנְט צוּ הַשֵּׁי"ת אוּן אִיז מִיט שִׁפְלוּת נִישְׁט מִיט גַאֲוָה וֶועט אִיהְם בְּוַדַּאי הַשֵּׁי"ת גֶעבִּין
זַיין שְׂכַר:

א) דֶער כְּלָל אִיז פוּן זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס צוּ קִיקִין. אוּן דֶעם אַנְדֶערִין נִישְׁט אַריין צוּ קִיקֶען:
ב) אִין סֵפֶר צֶמַח דָוִד וָוערְט גִיפְרֶעגְט דָאס פַאר פִיהל הִינְדֶערְט יָאר אִין אָנְהֵייבּ פוּן מַלְכוּת

יון

בעדארפן בודאי נזהר זיין נישט צו גיין בגילוי ראש אפילו ארגע. ווען אפילו ער גייט צו אשר קען ער געבין אויף זיין קאפ אקליין היטעל (שקורין יארמקי) ווארין דער שר איז אויף דעם נישט מקפיד. און איעדער בעל שכל מיהט פילען אז אזוי באלד מען טיהט פון זיך אוים אין גאנצין דאס היטעל. נעמט ער פון זיך אראפ דעם עול מלכות שמים:

ווען איינער איז שילדיג צו זיין חבר געלד. און עס איז גיקומען דיא צייט פון דעם אפ געבען און ער האט ניט צו צאלין. אזוי זאל ער זיין חבר בעטען מיט גיטען דאס ער זאל איהם אביסיל ווארטען. און נישט איהם מדחה צו זיין מיט שקרים פון איין טאג אויף דעם אנדערין טאג. אור הישר: דער וואס עס ווייסט צו זאגען אגיטע בשורה צו זיין חבר זאל ער איהם באלד קומען זאגען. ווייל עס איז אגרויסע מצוה. בייא אלע זאכען וואס דו וועסט וועלין טאן זאלסטו זאגען אי"ה. שם:

דער מענש זאל זיך מרגיל זיין אז ער זאל איעדער מצוה בעשיינין מיט שוינקייט. נישט וויא עס איז דא מענטשין וואס זייא האבין תפילין און רצועות וואס זענין צוריסען. און ווייס. וויא אזוי טיהן זייא זיך נישט שעמין אז זייערי שיך בעדארפין דווקא זיין שווארץ און שיין און דיא תפילין וואס אין זייא איז דא דער נאמען פון השי"ת זאלין זיין מבוזה אזוי אויך אין מצות ציצית זענין זייא נישט מדקדק אז עס זאל דווקא זיין אכט פעדים. און דיא ציצית זאלין זיין שיין. וויי צו זייא וואס זייא זענין נישט זהיר אין אזא מצוה וואס מען קען דיא מצוה מקיים זיין מיט עטליכע פרוטות:

## ליקוטים אין הנהגות ישרות פון קיצור ליקוטי מהר"ן נכד הבעש"ט ז"ע:

דורך דעם וואס מען נעמט איין עצה פון דיא חכמי הדור ווערן נמתק די דינים

---

ווען איז גיוועזן אחכם אין אשיני וואס ער האט גיהאט פאר מיהל מענטשין אז דאס פאלק זאל אפ טאן דאס היטעל פון דעם קאפ בשעת זייער עבודה (ארבייט) שטאט דעם וואס פריער האט מען זיך מכניע גיוועזן מיט דעם וואס מען האט זיך אראפ גינימען די שיך פון די פיס בשעת דער עבודה. און ווייל דער קאפ איז פיהל מער חשוב וויא די פיס דריבער איז מער הכנעה אז מען נעמט אראפ דאס היטעל פון דעם קאפ וויא אז מען זאל אראפ נעמין די שיך פון די פיס. און פון דעם איז נתפשט גיווארין דער מנהג אז דער וואס איז קלענער פון זיין חבר אדער אפילו ער איז גליך צו איהם איז ער זיך מכניע (ער מאכט זיך אינטער טעניק) מיט דעם וואס ער דעקט זיך אויף דעם קאפ. דער מנהג איז אבער נאר בייא די נוצרים עכ"ל:

דינים. אויך דורך דער עצה פון דעם צדיק וועט צו איהם קומען ישועה. עס איז פיהל גרינגער איין אנדערין צו געבין איין עצה וויא צו זיך אליין:

זאלסט אהן נעהמין די יסורים וואס זייא קומען צו דיר באהבה. ווייל דו בעדארפסט צו וויסען אז נאך דיינע מעשים פיהרט נאך השי"ת מיט דיר מיט פיהל רחמים: ווייל עס האט נאך צו דיר פיהל מעהר בעדארפט קומען נאך דיינע מעשים וואס דו טוהסט:

ראש השנה. איז דער מקור הדינים פון דעם גאנצען יאהר. דורך דעם בעדארף מען זיך דעמילט מעהר מקדש ומטהר זיין. כדי מען זאל ממתיק זיין דיא דינים. אין דורך דעם פארט מען צו צדיקים:

טבילת מקוה. טוהט העלפין בייא אלע צרות ח"ו. אין עס איז מטהר דעם מענש פון אלע טומאות און פון אלע חטאים:

בכל גדול. אין עבודת השי"ת ער זאל נישט טאן פאר זיינע אויגען נאר דעם טאג וואס ער שטייט אין איהם. הן אין עסק פרנסה. הן אין אנדערי זאכען זאל ער נישט רעכינין פון איין טאג אויף דעם אנדערין. אזוי אויך אין עבודת השי"ת זאל ער נישט טאן פאר זיינע אויגען נאר דעם טאג און דיא שעה. און אז ער וועט רעכענין אז ער האט נישט מעהר נאר דעם איינציגען טאג וועט ביי איהם קיין שום זאך נישט זיין א משא:

אז דער מענש האט אויף זיך מחלוקת זאל ער זיך נישט שטעלין אקעגין די שונאים און זאגען. אזוי ווי ער האט צו מיר גיטאן אזוי וועל איך איהם אויך טוהן. א) ווייל דאס איז גורם אז דער שונא זאל קומען צו זיין מבוקש. ער זאל בייא איהם זעהן וואס ער וויל זעהן. נאר ער זאל דעם שונא טוהן כל הטובות. און דעריבער וועט ער פארשטעהרין דיא מחשבה פון דעם שונא. און זיין שלעכטי מחשבה וועט צוריק קעהרין צו זיין קאפ:

מען טאר נישט אפ רייסען אפרי איידער זיא ווערט פארטיג. אזוי וויא מען טאר נישט אפ האקען אבוים פאר זיין צייט:



---

א) ווען צוויי מענטשין האבין זיך גיקריגט. און האבין דער נאך גימאכט שלום זאל קיין איינציגער פון זיי זאגין ווייל די האסט צו מיר דאס גיטאן דעריבער האב איך דיר אויך אזוי גיטאן. אפילו ער וויל זיך שוין ניט מעהר קריגען זאל ער אזוי ניט זאגין. ווייל זיין חבר וועט צו איהם זאגין אדרבה דו ביסט שילדיג. און דעריבער וועט זיך צוריק אן הייבין דאס מחלוקת. וועט דער וואס האט פערשילדיגט מביוש ווערין. ראשית חכמה:

דער וואס איז איין איש אֱמֶת דער קענט אין דעם אַנְדֶערִין אויב ער זאגט שֶׁקֶר צו זיין: דורך נִאוּף קומט מען צו שֶׁקֶר:

דער וואס קען נישט שלאפען. זאל ער אויף ברענגען אויף זיין מַחֲשָׁבָה דיא אֱמוּנָה פין תְּחִיַּית הַמֵּתִים:

סְגוּלָה צו הֵרָיוֹן. אז זיא זאל ביא זיך טראגען אַקְלֵיין שְׁטִיקִיל האלץ פון דעם דאך וואס איז איבער דעם קֶבֶר פון אצַדִיק. און צו געבין צְדָקָה:

סְגוּלָה אז מען ציהט זיך אין אנֵיי הויז. זאל מען אריין ברענגין אין דעם הויז איין שווערד. אדער אמעסער אדער אנדערי כֵּלֵי זַיִן: מען זאל נישט אריין ניין אין איין הויז וואס עס איז אין איהם דא צְלָמִים:

דיא קליידער פון דעם מענש זענין מְרַמֵּז אויף די מִדּוֹת פון דעם מענש. אז דער מענש גייט אַלְבוּשׁ פון זיין פאטער. איז איהם דריבער גרינג צו גיין אין די מִדּוֹת פון זיין פאטער:

אַז אויף אמענש זענען דִינִים זאל ער אלע מאהל זעהען אויף דעם הימל: אז עס קומט אויף אמענש אבושה. זאל ער האפען אויף אישועה:

ווער עס וויל אז זיינע חֲלוֹמוֹת זאלען מְקוּיָם ווערין. זאל ער זיא אויף שרייבען אין זיין בוך. דעם טאג. און די שָׁעָה. און דאס אָרְט: זאלסט דיך נישט סומך זיין אויף אנֶם. ווען דו קענסט דיך נִזּוֹר מַצִיל זיין מיט געלד אדער מיט איין אנדערי זאך:

לסעודת מצוה. זאל ער זיך אליין מַטְרִיחַ זיין אפילו מיט האלץ שפאלטען. און זאל מְכַוֵּין זיין מיט דעם שפאלטען דאס האלץ אז ער צו שפאלט און טוהט אפּ שיידען דָם שְׁלֶעכְטִי פון דעם גוטען וואס איז אין עֵץ הַדַּעַת. און דריבער וועט ער זוכה זיין צו פַּרְנָסָה:

דיא מענשין וואס זענין מְקוּרָב צום צַדִיק ביי זיין לעבין. דיא וועלין צו איהם אויך זיין מְקוּרָב ביי זייער שטארבען: דיא רייד וָוס מען הערט פון אצַדִיק. טוהט מעהר העלפין ווי אז מען זאל לערנין אין סְפָרִים: דער מענש טוהט מעהר פארשטיין אז ער זעהט דאס פָּנִים פון דעם וואס ער טוהט ריידען:

דורך דעם גיט השי"ת צו דעם צַדִיק פַּרְנָסָה דורך מענשין. כְּדֵי דער צַדִיק זאל מיט זיא האבען הִתְחַבְּרוּת. און אז השי"ת וועט נידערנקין דעם צַדִיק וועט ער זיא אויך גידענקין:

דורך דער מתנה וואס מען ברענגט צו צדיקים איז מען מכניע די שונאים און מען איז מבטל דעם רוח רעה וואס איז שורה אויף דעם מענש:

מיט דעם וואס מען טוהט זיך פארשפרייטען אויף די קברים פון צדיקים. טוהט השי"ת צו איהם טובות אפילו ער איז נישט ראוי דער צו:

אז דער מענש טוהט רעכענין אזוי און אזוי וועל איך טאן. וועט מיר אזוי און אזוי אויסקומען. וועט דאס דורך דעם נישט מקוים: ווער עס איז מגלה זיינע סודות. איז שווער אז דיא זאך זאל מקוים ווערין:

דיא עבודה וואס דער מענש דינט צו השי"ת אין דער יוגענד איז יעדער טאג פיהל טייערער פון דער עבודה פון פיהל יאהרען וואס ער טוהט אין דער צייט ווען ער איז אלט:

דיא תפלה וואס דר אנדערער איז אויף איהם מתפלל טוהט מעהר העלפען ווי אז ער זאל אויף זיך אליין מתפלל זיין. און אפילו א צדיק בעדארף אויך דאס אנדערי זאלען אויף איהם מתפלל זיין:

עס איז אסור צו דעם מענש צו פערביינען ווען עס האט איהם איינר אמאל גוטץ געטוהן עס איז קיין חילוק א ישראל אדער איין עכו"ם: אז דו וועסט הערין אז מען איז דיך מבזה און דו וועסט שווייגען. אזוי וועסטו זוכה זיין אז השי"ת וועט דיר ענטפערין דיין בעגעהר:

אפילו דער וואס הערט נישט דיא דיבורי תורה פון דעם צדיק האמת נאר דאס קול אליין איז אויך א גרויסע טובה. און אפילו מען שטייט נאר אין דער ישיבה אין דער צייט ווען דער צדיק זאגט תורה איז אויך צו איהם א גרויסע טובה:

ווען דיא וועסט בעטין אויף א זאך זאלסטו גידענקין דעם זכות פון דיא אבות. עס איז בעסער דיא מצוה מקיים צו זיין ווי עס איז נאר מעגליך ווי אז מען זאל דיא כוונה אין גאנצין נאך לאזין פון צו טוהן:

דיא וועגען וואס מען פארט אין זייא צו דעם צדיק האמת. כדי מען זאל דורך איהם מקורב ווערין צו השי"ת. ווערין זייער טייער. און פון יעדין טריט און טריט ווערט בעשאפין א מלאך. און דער צדיק האמת טוהט אליין גליקסען און טוהט ווארמין און האפען אז ער זאל זוכה זיין צו זעהן דאס לעבעדיגקייט פון די וועגען וואס מען פארט אין זיי זוכה צו זיין. דאס מען זאל צו איהם מקורב ווערין:

דיא וועגען גליקסען זייער אז מען זאל אויף זייא פארין צו דעם צדיק האמת.

און

און דער וואָס פּלעגט תּמיד צו פאַרין. און האָט דער נאָך אויף געהערט צו פאַרין אזוי זיהן דיא וועגען דריבער טרויערין:

הברכה וואָס מען טיהט זיך בענטשין ביא דיא גדולים און חשובים איז זייער טייער. עס איז ניט זיך משתדל צו זיין אז מען זאָל זיך בענטשין ביא אַלע:

אויך דיא מענטשין וואָס זייא הערין תורה פון דעם צדיק האמת. און פערשטייען נישט דיא תורה. אָבער לעתיד בעולם הבא וועלין זייא פערשטיין. וואָרין דער עיקר פון דער תורה איז צו דיא נשמות. און בעולם הבא וועלין אַלע נשמות פון דיא וואָס זייא האָבין געהערט בקי זיין און ניט פערשטיין די תורה וואָס ער האָט גילערינט און געהערט בעולם הזה:

רגל. אז מען עסט פיש איז אַרפואה צו דער לינג. אויך כוים עהל איז אַרפואה צו דער לינג: סגולה צו אַחולה אז ער זאָל זעהן אויף דיא ציצית:

כל הרפואות זענין נכלול אין שיר השירים דריבער איז ניט ווען איינער האָט חו אַחולה ביא זיך אין דער היים. אז ער זאָל זאָגין גאַנץ שיר השירים אידר עס ווערט טאָג:

עס איז ניט אז דער מענש זאָל מהדר זיין ער זאָל האָבין גוטע תפילין און טייערע. פון אַסופר וואָס איז אַצדיק באמת:

סגולה ווען מען וועצט זיך עסין זאָל מען זאָגין. איך עס נישט פאַר דער הנאה פון מיין גוף. נאָר איך זאָל זיין געזונד אז איך זאָל קענין דינען צו השי"ת. און מיט דעם דיבור בעשאַפט ער אַמלאך און טיהט אָפּ דיא סט"א:

דעם זיפץ וואָס דער מענש טיהט איבער זיינע זינד. אודער וואָס ער איז וויינג משיג צו השי"ת איז פיהל בעסער וויא אז ער זאָל זיך פיהל פאַניגען און פאַסטען:

ריקודין של מצוה. היינו אז מען טרינקט ויין בשבת ויו"ט. אודער ביא אַחתונה של מצוה. אודער ביא אַנדערע סעודת מצוה. און מען טרינקט מיט דער מאָס און זיין כוונה איז לשם שמים ער זאָל זוכה זיין צו שמחת ישראל מען זאָל זיך פרייען דאָס השי"ת האָט אינו בוחר געוועזן פון אַלע פעלקער. טיהט ער מיט דעם טאַנצין פערטרייבען דיא חיצונים און איז ממתיק און מבטל כל הדינים. און איז זוכה מקבל צו זיין כל הברכות

און

און דאס התלהבות פון דיא ריקודין איז זייער אן גענימען בייא השי"ת. א)
עס איז מסוגל אז דיא קינדער זאלין זיך בייא איהם האלטין. ער זאל זיין
פון זייא דער ווייטערט. היינו ער זאל נישט זיין צו פיהל אין זייא
באהעפט

א) אין ספר דברי דוד ווערט גיברענגט אז אחסיד איז אמאהל גיוועזין אצל הרב הצדיק הקדוש מכשארטקוב זצוק"ל וואס ער האט אויף זיך גיהאט אגרוים משפט פון דיני נפשות. איז דער חסיד גיוועזין זייער מיט גרוים עגמת נפש. און מוצאי יו"ט האבען דיא חסידים גיטאנצט מיט גרוים שמחה אין דער שטוב וואס פאר דעם היכל פון הרב הקדוש. און דער חסיד איז דעמילט גיוועזין אין דעם היכל פון הרב הקדוש. וואריו ער איז גיוועזין אמקורב. האט ער דעמילט גיוואלט אין דער צייט ווען הרב הקדוש איז אין שמחה. זאל ער אויף זיך בעטין און מעורר זיין רחמים האט הרב הקדוש צו איהם גיזאגט פאר וואס ער גייט אויך נישט טאנצין מיט דיא חסידים. און האט איהם דערציילט אמעשה וואס איז גיוועזין אצל הבעש"ט ז"ע אז איין מאהל האט מען נישט גיזעהין דיא לבנה אין מוצאי יום כפור מען זאל זיא מקדש זיין. און דער בעש"ט האט גיזעהין אז עס וועט היו פעהלין די מצוה וועט זייער נישט גוט זיין. און האט דערפון גיהאט שטארק ע"ג. און האט גיוואלט מיהן אזעלכע פעולות אז מען זאל זעהן די לבנה. און האט אלע מאהל גיפרעגט אויב מען זעהט די לבנה. אין אקעגין דעם האבין זיך נאך די הימלען אהן געקלייט מיט וואלקען. מיט אזעלכע וואלקען וואס איז שוין ק"ין שום סברא גיוועזין אז די נאכט זאל זיין אלבנה. און דיא חסידים פון דעם בעש"ט ז"ע האבען פון דעם נאר נישט גיוואוסט וויא ווייט דיא זאך גרייכט וואס מען בעדארף דעמילט האבין אלבנה. נאר ווייל זיי פלעגין זיך תמיד מאכין יום טוב אין מוצאי יו"כ ווען זיי זענין בשלום אוועק גינאנגין פון זייער עבודה און פון דער עבודה פון רבם הבעש"ט ז"ע אין יוה"כ. וואס איז ממש גיוועזין אזוי ווי די עבודה פון דעם כהן גדול. דורך דעם האבין זיי זיך ביי דעם מאל אויך זייער גיפרייט און גיטאנצט. און צו ערשט האבין זייא גיטאנצט אין דער אויסענווייניגסטער שטוב פון הבעש"ט ז"ע און דער נאך פאר גרוים התלהבות פון זייער קדושה האבען זיי זיך אריין גישטופט און אריין גינאנגין אין דעם חדר פון הבעשט ז"ע און האבען זיך דארט אויך גיפרייט און גיטאנצט פאר הבעש"ט ז"ע. און וויא עס האט זיך אויף זיי גישטארקט דאס התלהבות פון דער קדושה מיט דעם טאנצין פון שמחה אין דעם חדר פון הבעש"ט ז"ע. האבין זיי אהן גיהויבען צו בעטין אז הבעש"ט ז"ע זאל אויך מיט זיי טאנצין. האבין זיי גינומען זייער רבי אין דער מיט און הבעשט ז"ע האט מיט זייא גיטאנצט. און בשעת וויא הבעש"ט ז"ע האט מיט זייא גיטאנצט האט מען גירופען מיט אקול אז עס איז דא אשיינע לבנה און זיי זענין גילאפין מקדש זיין די לבנה אין דער נאכט. האט דעמילט הבעש"ט ז"ע גיזאגט אז דאס וואס ער האט גיוואלט פועל זיין מיט עבודה און מיט זיינע מוחין און האט נישט פועל גיוועזין. האבין דיא חסידים פועל גיוועזין נאר מיט שמחה אליין. פון דעם זעהט מען וויא אזוי דער מענש בעדארף זיך פערזיכערין אין השי"ת און זיך תמיד משמח זיין אין אשמחה פון מצוה. ווען אפילו ער איז ה"ו אין אצרה קען ער פועל זיין אישועה אז ער איז מיט שמחה:

בֶּהֶעפְטְ אִין זִיךְ מִיט זַייא אַלֶע מָאל אוּנְטֶער הַאלְטִין . נָאר עֶר זָאל אוֹיף זַייא נִיט צוּ זֶעהְן . נָאר וָואס מֶען בֶּעדַארְף זַייא מַדְרִיךְ צוּ זַיין בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁי״ת וֶוען זַייא הֵייבִּן אָן גְרֶעסֶער צוּ וֶוערִין. אוֹבֶער נִישְׁט זִיךְ תָּמִיד מִיט זֵיי צוּ פְרֵייעֶן :

מֶען בֶּעדַארְף פִיהְל מִתְפַּלֵל זַיין צוּ הַשֵּׁי״ת אַז מֶען זָאל נִיצוֹל וֶוערִין פוּן אֵיין צַיְין הָרַע פוּן זַיין חַבֵר . אוּן מֶען בֶּעדַארְף צוּ אַנְטְלוֹיפֶען פוּן אַזוֹי אֵיינִים וָואס עֶר הָאט אֵיין צַיְין הָרַע :

דֶער וָואס עֶס פֶעלְט אִיהְם מֶער דֶער פֶערְשְׁטַאנְד. דֶער אִיז מֶער מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם כָּבוֹד . דְרִיבֶּער זֶענִין דִיא נָשִׁים זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף כָּבוֹד וַוייל זֵייעֶר דֵיעָה אִיז גְרִינְג אוּן קְלֵיין :

דֶער וָואס ווִיל אַרַיין גֵיין צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁי״ת בֶּאֱמֶת. אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרַיין צוּ גֵיין . נָאר בְּאוֹפַן דָאס עֶר זָאל רֶעכִינֶען אַז אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נִישְׁט דָא נָאר עֶר אַלֵיין . אִין זָאל נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף דֶעם וָואס אַמֶענְשׁ אִיז אִיהְם מוֹנֵעַ הַיְינוּ זַיין פָאטֶער . אוֹדֶער זַיין מוּטֶער . אוֹדֶער זַיין וַוייבּ מִיט דִיא קִינְדֶער אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פוּן אַנְדֶערִי מֶענְטְשִׁין וָואס טוּהְן שְׁפֶּעטִין אִיבֶּער אִיהְם נָאר עֶר זָאל רֶעכִינִין אַז עֶר אִיז אֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט :

דוּרְךְ אֱמוּנָה וָואס מֶען הָאט אִין צַדִיקִים. הַיְינוּ מֶען גְלַייבְּט אַז אַלֶע זֵייעֶרִי רֵייד אוּן זֵייעֶרִי מַעֲשִׂים אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט . נָאר עֶס אִיז אִין זַייא דָא סוֹדוֹת דוּרְךְ דֶעם וֶוערִין נִמְתָּק דִיא דִינִים . אוֹיךְ אַז מֶען מַאכְט אַשֵׁיין מַלְבּוּשׁ צוּ דֶעם צַדִיק וֶוערִין דוּרְךְ דֶעם אַוֶועק גֶערִיקְט דִיא דִינִים :

מֶען בֶּעדַארְף זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זַיין אוּן פָארִין צוּ צַדִיקִים בֶּאֱמֶת . וַוייל וֶוען אֲפִילוּ עֶר לֶערִינְט אוּן דִיעֶנְט תָּמִיד צוּ הַשֵּׁי״ת ווֵייסְט עֶר נִישְׁט וִויא אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין אִין דֶער עֲבוֹדָה פוּן הַשֵּׁי״ת אָן דֶעם צַדִיק; דֶער שַׁבָּת וָואס מֶען הַאלְט בַּייא אַצַדִיק הָאֱמֶת וֶוערְט גִירֶעכִינְט וִויא אַתַּעֲנִית :

עֶס אִיז נִישְׁט מְשַׁעֵר צוּ זַיין דָאס גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף דוֹא נְשָׁמוֹת בָּעוֹלָם הַבָּא . עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין נְשָׁמוֹת וָואס לִיגִין גַאנְץ נַאקִיט אוּן שְׁרַייעֶן זֵייעֶר מִיט אַבִּיטֶער קוֹל . אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל זִיךְ אוֹיף זַייא מְרַחֵם זַיין . וַוייל דוֹרְט הֶעלְפְט נִישְׁט קֵיין אֵיינְצִיג רַחֲמָנוּת אָבֶּער דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה לְהִתְקָרֵב צוּ אַצַדִיק הָאֱמֶת . דֶער קֶען לוֹפֶען צוּ אִיהְם אוּן פוּן דָארְט נֶעמִין אַמַלְבּוּשׁ צוּ זַיין נְשָׁמָה :

דֶער וָואס ווִיל רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף זַיין לֶעבִּין. דֶער בֶּעדַארְף זִיךְ מַרְחִיק

זַיין פוּן דָאקְטוֹירִים אוּן רוֹפְאִים. וַוייל זֵייא וֶוענְן אִן גִיבְּרֵייט צוּ שַׁאדִין אוּן קַאלֶע צוּ מַאכֶען :

אֲפִילוּ דֶער וָואס לֶערִינְט אוּן פַּאר גֶעסְט . אִיז אוֹיךְ נִיט . וָוארִין לֶעָתִיד כָאבְּט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ גִידֶענְקִין אַלְדִינְג וָואס עֶר הָאט גִילֶערִינְט . אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט פַאר גֶעסִין. נָאר עֶס אִיז פִיהְל בֶּעסֶער דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גִידֶענְקִין דִיא תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה :

מִצְוָה גְדוֹלָה . עֶס אִיז אַגְרוֹיסֶע מִצְוָה תָּמִיד צוּ זַיין מִיט שִׂמְחָה. א) אוּן זִיךְ צוּ דֶער וַוייטֶערִין פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. נָאר תָּמִיד צוּ זַיין מִיט שִׂמְחָה דָאס אִיז אַרְפוּאָה צוּ כָל מִינֵי חוֹלַאַת . וָוארִין דָאס חוֹלַאַת קִימְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה :

דֶער מֶענְשׁ בֶּעדַארְף זִיךְ הִיטֶען עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט קִישֶׁען מִיט רְשָׁעִים וָוארִין דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר קִישְׁט זִיךְ מִיט זֵייא. וֶועט צְווִישֶׁען זֵייא אֵיין הִתְקַשְּׁרוּת אֲפִילוּ נָאךְ דֶער מִיתָה :

דִיא רְשָׁעִים וֶוענִין אוּנְז נִישְׁט מְקַבֵּל פוּן אוּנְזֶער עֲבוֹדָה מִיט דִי עֲבֵירוֹת וָואס זֵייא וֶוענִין עוֹבֵר . אַזוֹי וִויא זֵייא וֶוענִין אוּנְז מְקַבֵּל מִיט דִי מִצְוֹת וָואס זֵייא טוּהְן :

אֲפִילוּ אֵיין דִיבּוּר אַלֵיין אַז מֶען אִיז זוֹכֶה מְחַדֵּשׁ צוּ זַיין אִין דֶער תּוֹרָה אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גִיט . וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַגְרוֹיסֶער תִּיקוּן. עֶס אִיז אַטוֹבָה לְנִשְׁמַת אֲבוֹתָיו וָואס וֶוענִין שׁוֹין לַאנְג נִסְתַּלֵק גִוָוארֶען .

אִייךְ דֶעם אוֹרְט וִויא מֶען שְׁרַייבְּט תְּנָאִים . אָדֶער מֶען אִיז כּוֹרֵת בְּרִית בַּייא אֵיין אַנְדֶערֶע זַאךְ . אִיז דָארְט הַשֵׁי״ת :

## לִיקוּטִים יְקָרִים מֵהָרַב הַצַדִיק הַקָדוֹשׁ
## מוֹהר״ר פִּנְחָס מִקָארִיץ זצוק״ל :

דֶער עִיקָר פוּן בִּיעוּר חָמֵץ אִיז מְבַעֵר צוּ זַיין דִיא עֲבוֹדָה זָרָה. אוּן וֶוען אַלֶע יוּדֶען זָאלֶען פַארְבְּרֶענִין דֶעם חָמֵץ מִיט דֶער כַּוָונָה אַז דָאס אִיז דֶער בִּיעוּר פוּן דֶער עֲבוֹדָה זָרָה. וֶועט גְרִינְגֶער זַיין אִין גָלוּת :

אז

א) הָרַב הַצַדִיק הַקָדוֹשׁ מֵראפּשִׁיטְק זצוק״ל הָאט גִיזָאגְט אַז דְרַייא זַאכִין הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גִילֶערְנְט פוּן אַקְלֵיין קִינְד . אֵיין זַאךְ אִיז . עֶס אִיז תָּמִיד מִיט שִׂמְחָה . דָאס אַנְדֶערֶע אִיז . אַז עֶס פֶעהְלְט עֶס עֶפִּיס וַויינְט עֶס . אַזוֹי וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט . בַּצַר לִי אֶקְרָא ה'. אִין אֵיין עֵת צָרָה זָאל אִיךְ רוּפִין צוּ הַשֵׁי״ת . דָאס דְרִיטֶע אִיז . עֶס גֵייט נִישְׁט לֵיידִיג אֲפִילוּ אַרֶגַע :

אַז ווען דער מענש איז זיך מצער אויף השי"ת. היינו ער איז זיך מצער ווייל די שכינה איז אין צער. אזוי איז די מפלה פֿון די רשעים. אָבער נישט דער מענש זאָל זיך מצער זיין אויף זיך אַליין:

דאָס וואָס מען איז אין גלות איז ווייל מען גייט אין די האָר. היינו דאָס גלות ווענדט זיך אין אַ האָר. און אַז משיח וועט קומען וועלין אַלע מדינות וויסען אַז דאָס גלות איז דורך אַנדערינגע זאַך:

ווען מען איז מתפלל אויף אַזאַך זאָל מען מתפלל זיין צו השי"ת אַז ער זאָל טוהן ווי אזוי ער וויל און ער זאָל איהם קיין עצה געבין:

ער האָט געשענט די מלמדים וואָס זייא לערנין נישט א"ב כסדר: א)

אָמר. פֿרום האָב איך בעסער ליעב וויא קלוג. און איי פֿרום און איי קלוג האָב איך בעסער ליעב גוט. אזוי ווי דער פסוק טוט לויבען שמואל הנביא דאָס ער איז געוועזן גוט צו גאָט און צו מענטשין:

יש לידע. מען קען וויסען ווען מען רעדט פֿון אַמענש. און דער מענש קומט אַהין. קען מען וויסען פֿון די רייד וואָס מען האָט גערעדט וואָס פֿאַר איין מענש דאָס איז. ער איז איין געהילט אין דבורים:

או

---

א) אין ספר משכיל אל דל שטייט אַז מען בעדאַרף צו לערנין דאָס קינד אויף דעם דרך אזוי ווי אונזערע עלטערין האָבען מקבל געוועזן. דהיינו קמץ אַלף. איז אָ. פתח אַלף. איז אַ. סגל אַלף. איז אֶ. ווען אויך עס איז שווערער מיט דעם קינד אזוי צו לערנען. זאָל מען נישט אַוועק גיין פֿון דעם וואָס אונזערי עלטערין האָבין מקבל געוועזן גישט אזוי ווי די נייע לעהרערס וואָס עס דאַכט זיך זייא אַז זיי זענין מענטשין און אונזערי עלטערין זענען געוועזן אייזלין. און זאָגין וואָס בעדאַרף מען דאָס קינד צו בעמיהען. איך וועל איהם גרינג אויס לערנין. אַלף אָ אַ. אַלף אָ אַ. און די וואָס פֿערשטייען נישט דאָס ענין. מיינין אַז דער אַנדערער איז גירעכט. דער אמת איז אָבער אַז דער וואָס ער פֿערשטייט דעם שורש פֿון דער זאַך דער זעהט אַז די זאַך רירט אַהין אין אפּיקורסת. און דאָס מאַכט גירעדינג די תורה. וואָרין די תורה און איהרע פּרשיות. און איהרע פּסוקים. און איהרע ווערטער. און די צורה פֿון די אותיות. און די נקודות און די נגינות. איז אַלדינג גיגעבין געוואָרין פֿון דעם באַרג סיני. און דיא איז דאָ זייער גרויסע סודות. און אונזערי חכמים האָבען געזאָגט אַז די וועלט שטייט אויף דעם לערנין פֿון די קליינע קינדער בייא דעם רבין. אַצינד לאָזען מיר זעהין וויא אַזוי עס איז אַז דאָס קינד זאָל זאָגין מיט זיין מויל וואָס איז נאָך נישט סטאַ געוואָרין. דיא ווערטער אזוי ווי זיי זענין גיגעבין געוואָרין פֿון דעם באַרג סיני קמץ אלף אָ. און זיין קול און זיין דיבור מאַכט אַנדערישען רושם:

אַז דֶער מֶענְשׁ אִיז ח״ו אִין צַעַר . זָאל עֶר דֶעם צַעַר מְקַבֵּל זַיין בְּאַהֲבָה
וֶועט עֶר מְמֵילָא פָּטוּר וֶוערִין פוּן דֶעם צַעַר : א)

עֶר הָאט מַקְפִּיד גִיוֶועזִין אַז דֶער מֶענְשׁ זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט חָכְמוֹת וַוייל
חָכְמוֹת נֶעמְט אַוֶועק פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען . אֵיין מָאהְל הָט מֶען אִיהְם
גִיפְרֶעגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן . רַבִּי . וָואס הֵייסְט חָכְמוֹת . הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט
בְּזֶה הַלָּשׁוֹן . מֶען זָאגְט דָאס אוּן מֶען מֵיינְט דָאס :

צָרִיךְ הָאָדָם . דֶער מֶענְשׁ בֶּעדַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט
רֶעדִין אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען בֶּעדַארְף זֵייא נִישְׁט . אוּן וָוס דֶער
מֶענְשׁ טוּהְט וֵוייניגֶער רֵיידִין אִיז עֶר מֶעהְר מְקוּרָב צוּ דֶער קְדוּשָּׁה :

כְּשֶׁתַּגִּיעַ לָעִיר . וֶוען מֶען קוּמְט אִין אַשְׁטָאט אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס
פַאר אַמֶענְשִׁין זֵייא זֶענִין . זָאל מֶען זֶעהְן אִין דִי בֶּעדִינְגֶטֶע
פוּן דֶער שְׁטָאדְט וִויא אַזוֹי זֵייא זֶענִין . וֶוען זֵייא זֶענִין צַדִּיקִים אוּן חֲכָמִים .
אַזוֹי אוֹיךְ זֶענִין דִיא שְׁטָאדְט מֶענְשִׁין . אִין אַז נִישְׁט אִיז לְהֵיפֶךְ ח״ו :

אָמַר . דָם וָוס מֶענְשִׁין רֵיידִין אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין בְּלָשׁוֹן קַאטָאוִויש
אִיז אַהַאלְבֶּער אֱמֶת :

אָמַר . עֶס אִיז אַדָּבָר גָּדוֹל מֶען זָאל נִישְׁט צֶעגֶערִין דֶעם זְמַן פוּן דֶער חֲתוּנָּה
וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִיא תְּנָאִים . דֶען עֶס אִיז דֶער נָאךְ ח״ו שְׁוֶוער
חֲתוּנָּה צוּ מַאכֶען :

אָמַר . דֶער רֶעגִין וָואס עֶר גֵייט פוּן פֶּסַח בִּיז שָׁבוּעוֹת אִיז גִיט צוּ דֶעם
קָאפּ . אוּן פוּן שָׁבוּעוֹת אָהְן אִיז נָאר אַז מֶען בֶּעדַארְף אִיהְם אִיז עֶר
גִיט צוּ דֶעם קָאפּ :

שֶׁלֹּא לִכְנוֹס . מֶען זָאל נִישְׁט זִיךְ צִיהֶען אִין אַנַייעֶ דִירָה בְּיוֹם א׳ . ג׳ . ה׳
אִין חוֹדֶשׁ . אִין אַז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז צְוֵוייא טָאג זָאל מֶען זִיךְ
נִישְׁט צִיהֶען אִין דֶעם אַנְדֶערִין טָאג רֹאשׁ חוֹדֶשׁ : ב)

לאדם

א) בְּסֵפֶר יַד אַהֲרֹן וֶוערְט גִיבְּרֶענְגְט בְּשֵׁם הָרַב הַצַּדִּיק הַקָּדוֹשׁ מוהר״ר בָּרוּךְ ממעזיבוז
זצוק״ל אַז יֶעדֶער מֶענְשׁ פוּן זֶרַע הָאָבוֹת מוּז טוֹעֵם זַיין דֶעם טַעַם פוּן עֲנִיּוּת .
נָאר דֶער וָואס אִיז מְקַבֵּל דֶעם אוֹרֵחַ מִיט אַהֲבָה אוּן מִיט הַכְנָעָה אוּן מִיט כָּבוֹד . אַנְטְלוֹיפְט
תֵּיכֶף דֶער אוֹרֵחַ פוּן זַיין הויז . אוּן הַאלְט זִיךְ דָארְט נִישְׁט לַאנְג . וָוארִין דֶער סֵדֶר פוּן
דֶעם אוֹרֵחַ אִיז זִיךְ נָאר אוֹיף צוּ הַאלְטֶען אוֹיף אַזַא אוֹרְט וָואס מִיגֵייט מִיט אִיהְם אִין כַּעַס
אוּן מִיט תַּרְעוֹמוֹת אֶקֶעגִין השי״ת . אוּן אִיז אַבּוֹרֵחַ פוּן דֶעם כָּבוֹד :

ב) דֶער אָרְחוֹת צַדִּיקִים שְׁרַייבְּט אַז מֶען וִויל זִיךְ צִיהֶען פוּן אֵיין אוֹרְט צוּ דֶעם אַנְדֶערִין
אוֹרְט אָדֶער פוּן אֵיין דִירָה צוּ דֶער אַנְדֶערִי זֶענִין גוּט דִי טֶעג אִין חוֹדֶשׁ . ב׳
בחודש

לְאָדָם. צוּ אַמֶענְשׁ וָוס עֶס גֵייט אִיהְם בְּלִיט פוּן דֶער נָאז אִיז דִיא רְפוּאָה עֶר זָאל וַויין טְרִינְקֶען:

## ליקוטים יְקָרִים מֵהָרַב הַצַּדִּיק הַקָּדוֹשׁ מוהר"ר אורי מסטרעליסק זצוק"ל:

הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא. דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אוּנְז מְרַמֵּז גִיוֶועזֶען אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר דֶעם מֶענְשׁ אַז מֶען זָאל אִיהְם זַיינֶע אוֹיגֶען אַוֶועק נֶעהְמֶען אֵיידֶער עֶר זָאל מִיט זֵייא זֶעהְן פַאלְשֶׁע אוּן גְעמֵיינֶע זַאכֶען ר"ל א). אוּן אוֹיף דֶעם הָט עֶר תָּמִיד גִיבֶּעטִין צוּ השי"ת:

מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק. וֶוען דֶער מֶענְשׁ טוּהְט אֲפִילוּ נָאר אֵיין תְּנוּעָה פוּן שֶׁקֶר. עֶרְוַוייטֶערְט עֶר זִיךְ שׁוֹין פוּן השי"ת:

אָמַר. בְּשֵׁם מוֹרוֹ הָרַב הַצַּדִּיק הַקָּדוֹשׁ ר' שלמה מקארלין זי"ע אַז השי"ת אִיז אֵיינֶעם מְזַכֶּה צוּ אַשִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה. הַיְינוּ בְּרִית מִילָה. אָדֶער עֶר מַאכְט חֲתוּנָה זַיינֶע קִינְדֶער וּכְדוֹמֶה. וֶוערִין אִיהְם אוֹיף גִיעֶפִינְט אַלֶע הֵיכָלוֹת אוּן מֶען אִיז אִיהְם מְמַלֵּא זַיין בַּאגֶעהְר. אוּן עֶר אִיז מַשִּׂיג כָּל הַשָּׁנוֹת. אוּן דֶער מֶענְשׁ וָואס אִיז אִיהְם מְצַעֵר אוּן וֶועט דוּרְךְ דֶעם אַוֶועק בֶּעצְווינְגֶען אֲפִילוּ נָאר אֵיין רֶגַע פוּן דִיא הֵיכָלוֹת הָעֶלְיוֹנִים. הָאט פַאר דֶעם אַגְרוֹיסֶען חֵטְא:

אמר

---

בְּהוֹדֶשׁ אָדֶער ד'. אָ"עַר ט'. אָדֶער י"א. ט"ו. ט"ז. כ"א. כ"ז. כ"ט אִין חוֹדֶשׁ. אָבֶּער יוֹם א'. ג'. כ"ה אִין חוֹדֶשׁ זֶענִין נִישְׁט גוּט. אוּן דֶער וָואס הָיעט אָפּ זַיין נֶפֶשׁ זָאל זִיךְ פוּן זֵיי מְרַחֵק זַיין. אוֹיךְ אִין סֵפֶר זְכִירָה שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען אַז דֶער סִימָן פוּן א'. ג'. ה' אִין חוֹדֶשׁ. זֶענִין נִישְׁט גוּט צוּ צִיהֶען פוּן אֵיין דִירָה צוּ דֶער אַנְדֶערִי. אָדֶער צוּ גֵיין אִין וֶועג אַרֵיין:

א) אִין סֵפֶר דֶרֶךְ משה שְׁטֵייט אַז דֶער מֶענְשׁ וֶועט וֶוערִין זָאגִין וָואס בִּין אִיךְ דֶען פוּגֶם מִיט דֶעם זֶעהִין וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גִימָאן אַמַעֲשֶׂה. וֶועל אִיךְ דִיר בְּרֶענְגִין אַגְרוֹיסֶע רְאָיָה אַז מִיט דֶעם זֶעהִין מַאכְט מֶען אַרוֹשֶׁם. פוּן דֶער בַּת הַיַּעֲנָה (שְׁטְרוֹים פוֹיגֶיל) וָוארִין אַלֶע עוֹפוֹת זִיצְּעֶן אוֹיף זֵייעֶרִי אֵייעֶר אוֹיס צוּ צִיהֶען זֵייעֶרִי יוּנְגֶע. אוּן דָאס עוֹף הַיַּעֲנָה קוּקְט נָאר מִיט אִיהְרֶע אוֹיגֶען אוֹיף אִיהְרֶע אֵייעֶר בֶּעשְׁטֶענְדִיג אוּן מִיט דֶעם וַוארִימְט זִיא זֵייא אוֹיס. אוּן זִיא צִיהְט אוֹיס אִיהְרֶע יוּנְגֶע נָאר מִיט דֶעם זֶעהִין אַלֵיין. דֶער רֵאשִׁית חָכְמָה שְׁרַייבְּט אַז דוּרְךְ דֶעם הָאט השי"ת בֶּעשַׁאפֶען אַז דָאס עוֹף הַיַּעֲנָה זָאל אוֹיס צִיהֶען אִיהְרֶע יוּנְגֶע מִיט דֶם זֶעהִין אַלֵיין. כְּדֵי דֶער מֶענְשׁ זָאל זִיךְ דֶערְפוּן אָפְּלֶערְנִין אַז עֶר זָאל נִישְׁט פוֹגֵם זַיין מִיט דֶעם זֶעהִין. צוּ זֶעהִין אוֹיף נָשִׁים אוּן בְּתוּלוֹת וּכְדוֹמֶה. וָוארִין מִיט דֶעם זֶעהִין אַלֵיין אִיז מֶען אוֹיךְ פוֹגֵם:

אָמַר. דָוִד הַמֶלֶךְ ע״ה הָאט גִיקָאנְט מְחַבֵּר זַיין סֵפֶר תְּהִלִים. און אִיךְ קֶען זָאגֶען תְּהִלִים:

אָמַר. אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן יֶעדֶען לִימוּד וָואס עֶר הָאט גִילֶערִינְט בִּיז עֶר הָאט פוּן דֶעם לִימוּד אַרוֹיס גֶענוּמֶען אַיין עֲבוֹדוֹת צוּ הַשֵׁי״ת:

אָמַר. אַז דִיא כְּתִיבָה וְהַחֲתִימָה פוּן רֹאשׁ הַשָׁנָה ווּה״כ הָקָדוֹשׁ הֵייבְּט אָהְן פוּן דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג סְלִיחוֹת:

## לִיקוּטִים יְקָרִים מֵהָרַב הַצַדִיק הַקָדוֹשׁ
## מוהר״ר אברהם דוד מבוטשאטש זצוק״ל:

לֶחֶם מִשְׁנֶה אִין שַׁבָּת אִיז מִן הַתּוֹרָה. און וֶוען מֶען הָערְט פוּן אַיין אַנְדֶערִין אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַמוֹצִיא אוֹיף צְווַייא חַלוֹת אִיז אוֹיךְ גוּט. אַז עֶס וֶועלִין גֶעקוּמֶען אוֹרְחִים צוּ זַיין טִישׁ. נָאךְ דֶעם וָואס עֶר הָט גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה פוּן דֶער מוֹצִיא. הָאט עֶר צוּ זֵייא גֶעזָאגְט הָאט אִיהְר פוּן מִיר גִיהֶערְט דִיא בְּרָכָה פוּן דֶער מוֹצִיא. וָואריִן וֶוען נִישְׁט בֶּעדַארְפְט אִיהְר אַמוֹצִיא צוּ מַאכֶען אִיבֶּער צְווַייא חַלוֹת:

אָמַר. בְּשֵׁם הָרַב הַצַדִיק הַקָדוֹשׁ רַבִּי ר׳ בֶּער זי״ע דָאס פֵּירוּשׁ פוּן דֶעם פָּסוּק כָּל עָרוּם יַעֲשֶׂה בְדָעַת וּכְסִיל יִפְרוֹשׂ אִוֶלֶת. דֶער קְלִינְגֶער אֲפִילוּ וֶוען עֶר טוּהְט זִיךְ אָהְן אַתַּעֲנוּג טוּהְט עֶר אוֹיךְ מִיט שֵׂכֶל. און דֶער נַעַר. אֲפִילוּ זַיין פְרוּמְקֵייט אִיז אוֹיךְ מִיט נַארִישְׁקֵייט. הַשֵׁי״ת זָאל אוּנְז מַאכֶען זוֹכֶה זַיין אַז מִיר זָאלֶען אַלֶע מִצְוֹת מְקַיֵים זַיין פוּן זַיין גְרוֹיסֶן נָאמֶען וֶועגִין בֶּאֱמֶת:

וֶוען מֶען גִיט צְדָקָה זָאל מֶען גֶעבִּין ווַייל הַשֵׁי״ת הָט גֶעהֵייסֶען גֶעבִּין צְדָקָה. נִישְׁט עֶר זָאל גֶעבִּין ווַייל אַנְדֶערִי זָאגֶען אִיהְם עֶר זָאל גֶעבִּין צְדָקָה אֲפִילוּ עֶר גִיט לְשֵׁם שָׁמַיִם. אָדֶער אֲפִילוּ עֶר גִיט ווַייל עֶר הָאט רַחֲמָנוּת. וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ אַגְרוֹיסֶע מִצְוָה און עֶר אִיז אוֹיךְ זִיךְ מְעוֹרֵר רַחֲמִים. אִיז דָאס נִישְׁט אִין כְּלַל פוּן צְדָקָה ווַייל דָאס גֶעבִּין פוּן צְדָקָה מוּז נָאר זַיין לְשֵׁם שָׁמַיִם. הַיְינוּ עֶר זָאל גֶעבִּין צְדָקָה כְּדֵי עֶר זָאל מְקַיֵים זַיין דִיא מִצְוָה פוּן צְדָקָה:

אָמַר אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט אַז דֶער גוּר אַרִ״י הָאט גִימַאכְט אַגוֹלֶם דוּרְךְ סֵפֶר יְצִירָה הַקָדוֹשׁ. וָוארִין הארִיז״ל הָאט דֶער פִיהְלְט אַז עֶר אִיז אַגָאוֹן און אַצַדִיק הָאט עֶר צוּ אִיהְם גֶעשִׁיקְט זַיין תַּלְמִיד אַז עֶר זָאל אִיהְם לֶערנִין

לערנין די חכמה פון קבלה. א) אין איעדין ערב שבת איז געוועזן דער מנהג פון דעם נור ארי' אז ער האט פון דעם גולם ארויס גענומען דעם שם וואס איז געלעגין בייא איהם אין מויל. און דורך דעם איז דער גולם געבליבען ליגען וויא אשטיק ליים. איין מאל האט זיך געטראפען אז דער נור ארי' האט פאר געסין פון איהם דעם שם ארויס צו נעמין און מען האט און דעם גרויסע שיהל וויא דער נור ארי' האט מתפלל געוועזן שוין אפ געזאגט מזמור שיר ליום השבת. און דער דין איז אז ווען מען זאגט דעם מזמור איז מען שוין מקבל שבת. אזוי האט דער גולם אן געהויבען צו שטארימען און שאדין צו טוהן. ווארין עס האבין זיך און איהם מדבק געוועזן דיא קליפות וואס זייא זענין בעשאפין געווארען ערב שבת פאר נאכט און אז זייא געפינין אגוף אן אנשמה זענין זייא זיך אין איהם מתדבק. אזוי האט תיכף געהייסען דער נור ארי' מען זאל איהם מתיר נדר זיין. וויל דאס וואס ער האט מקבל שבת געוועזן איז געוועזן בטעות. אין גלייך וויא ער האט נאך נישט מקבל שבת געוועזן. און האט ארויס גענומען פון דעם גולם דעם שם. אין

ער

---

א) אין ספר שלשלת הקבלה ווערט געברענגט אמעשה פון הקדוש רבינו יחיאל מפרישי ז"ל ער איז געוועזן אתלמיד פון רבינו יהודא החסיד ער איז געוועזן אחכם אין קבלה מעשיות. אין זיין בית המדרש איז געוועזן אלייכטער פון בוימעהל וואס ער האט דאס איעדין ערב שבת אהן געצונדין און עס האט געברענט אגאנצע וואך אהן בוימעהל. און דאס איז געוועזן בעקאנט בייא אלע מענטשין פון דער שטאט. ביז דיא זאך איז געקומען צו דיא אויערן פון דעם מלך צרפת. אזוי האט דער מלך צו איהם געשיקט און האט איהם געפרעגט אויב דיא זאך איז אמת. האט רבינו יחיאל אין דעם גילייקינט. כדי דער מלך זאל איהם נישט האלטען פאר אמכשף. דער מלך אבער האט זיך מיעץ געוועזן מיט זיינע שרים און איז צו איהם געגאנגין. דער מנהג איז אבער געוועזן אין דער שטאט אז די פריצים האבען בייא נאכט אהן געקלאפט אין דיא הייזער פון דיא יהודים כדי זייא זאלען זיי עפים ארויס געבין. און רבינו יחיאל כדי זייא זאלען איהם נישט מספיק זיין פון זיין לערנין. האט ער גינומען איין נאגיל און האט איהם איינגישטעקט אין דער ערד. און אז די פריצים האבען אהן געקלאפט אין דער טיהר האט ער מיט אהאמער געשלאגין אין דעם נאגיל אזוי איז דער פריץ איינגיזונקען געווארען אין דער ערד:

און כעת וויא דער מלך איז געקימען און האט געקלאפט אין דעם טויער. האט רבינו יחיאל גיגעבין אקלאפ מיט דעם האמער אזוי איז דער מלך איינגעזונקען געווארין ביז צו זיינע לענדין. און וויא דער מלך האט דאס אנדערע מאל געטאן קלאפין. אין רבינו יחיאל האט דאס אנדערע מאל געשלאגין מיט דעם האמער. אזוי איז דער נאגיל אינטער

איהם

עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין שִׁיהְל אַרַיין. אוּן הָאט נָאךְ אַמָאהְל אָן גֶעהֵייבִּין צוּ זָאגִין מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת. אוּן פוּן דֶעמִילְט אָן זֶענִין דִיא נוֹהֵג צוּ זָאגִין צְוֵוייא מָאל מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת. דִיא שִׁיהְל אִין פְּרַאג אִיז זֵייעֶר אַלְט דֶער מַאֲמַר הָעוֹלָם אִיז אַז דִי בְּנֵי הַגּוֹלָה הָאבִּין דִיא שִׁיהְל אוֹיף גִימָאוֶערְט מִיט דִי שְׁטֵיינֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם אָדֶער פוּן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אוּן זֵייא הָאבֶּען אוּם גֶענִימֶען אַז וֶוען דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶועט אוֹיף גֶעבּוֹיעֶט וֶוערִין בְּקָרוֹב. וֶועלִין זֵייא דִי שְׁטֵיינֶער צוּרִיק גֶעבִּין. דוּרְךְ דֶעם רִיפְט מֶען דִיא שִׁיהְל. עַל תְּנַאי שִׁיהְל. וַוייל מֶען הָאט אוּם גֶענִימֶען אַתְּנַאי מֶען זָאל דִי שְׁטֵיינֶער צוּרִיק גֶעבִּין:

אמר

---

אִיהְם וַוייט צוּרִיק גִישְׁפְּרִינְגֶען. הָאט זִיךְ הָרַב זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקִין אוּן הָאט גִיזָאגְט דָאס אִיז נִישְׁט נָאר דֶער מֶלֶךְ. הָאט עֶר תֵּיכֶף גִיעֶסִיגְט דִיא טִיהְר אוּן הָאט זִיךְ פַאר דֶעם מֶלֶךְ גִיבִּיקְט. אוּן הָאט גִיבֶּעטִין דֶעם מֶלֶךְ אַז עֶר זָאל אִיהְם מוֹחֵל זַיין וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוְוּיסְט אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער מֶלֶךְ. אוֹיךְ דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקִין. וָוארִין אַזוֹי וִויא דֶער גָאנִיל אִיז גְרוֹיס פוּן דֶער עֶרְד אַזוֹי אִיז דֶער מֶלֶךְ גְרוֹיס פוּן דֶעם קֵבֶר. אוּן דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע שָׂרִים הָאבִּין מוֹרָא גֶעהַאט אַז דִיא עֶרְד זָאל זֵייא גִישְׁט אַיין שְׁלִינְגֶען. הָאבִּין זֵייא גִיזָאגְט צוּ הָרַב אַז עֶר זָאל זֵייא הֶעלְפִין. הָאט זֵייא הָרַב אַרַיין גֶענִימֶען אִין שְׁטִיבּ אוּן הָאט זֵייא גִיזֶעצְט גֶעבִּין דֶעם פַייעֶר. אוּן הָאט זֵייא גִיגֶעבִּין זִיסֶע זַאכֶען בִּיז זֵייא זֶענִין צוּ זִיךְ גֶעקִימֶען:

הָאט הָרַב גִיפְרֶעגְט דֶעם מֶלֶךְ וָואס עֶר פֶּערְלַאנְגְט אִין דֶער צַייט. הָט גֶעזָאגְט דֶען נִישְׁט אַז בַּייא מַיין טִיהְר אִיז דָא אַרוּחַ אַז וֶוער עֶס וִויל מִיר שָׁאדִין טִיהְט עֶר אַיין שְׁלִינְגֶען נָאר אִיךְ הָאבּ דִיךְ מַצִּיל גִיוֶועזִין. הָאט אִיהְם דֶער מֶלֶךְ גִידַאנְקְט וָואס עֶר הָאט אִיהְם מַצִּיל גִיוֶועזִין. אוּן הָאט גֶעוָואגְט אַז עֶר אִיז גִיקִימֶען וַוייל עֶר הָאט גִיהֶערְט אַז עֶר אִיז אַחָכָם אִין חָכְמַת הַכִּשּׁוּף. אַז אַלֶעכְט בְּרֶענְט בַּייא אִיהְם אָהְן בּוֹימֶעל. הָאט הָרַב גִיעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַמְכַשֵּׁף נָאר עֶר וַוייסְט אַזֶעלְכִי סְגוּלוֹת וָואס דוּרְךְ דֶעם טִיהְט דָאס לֶעכְט אַזוֹי בְּרֶענִין. אוּן הָאט אִיהְם גֶעוִויזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא בּוֹימֶעל נָאר עֶס אִיז אִין אִיהְם לֵיים וָואס דָאס בְּרֶענְט אַזוֹי וִויא בּוֹימֶעל. הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר פֶערְוִוינְדֶערְט אוּן הָאט אִיהְם גִיזֶעצְט בַּייא זִיךְ אוּן עֶר אִיז בַּייא אִיהְם גִיוֶועזִין אַיוֹעץ אוּן אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס גֶעוָוארִין מִיט עוֹשֶׁר אוּן כָּבוֹד. אַזוֹי הָאבִּין זִיךְ דִי שָׂרִים אוּן אִיהְם זֵייעֶר מְקַנֵּא גִיוֶועזִין אוּן הָאבִּין גִיזָאגְט צוּ דֶעם מֶלֶךְ. דֶער יְהוּדִי אִיז בַּייא דִיר אַזוֹי הָשׁוּבּ אוּן לְסוֹף אַז דוּ וֶועסְט נָאר אִין זַיין רַיין אָן רִירֶען וֶועט עֶר שׁוֹין אִיהְם נִישְׁט טְרִינְקֶען:

וַיְהִי הַיּוֹם הָאט דֶער מֶלֶךְ לְהָרַב גִיגֶעבִּין אַבִּיס וַויין צוּ טְרִינְקִין הָאט הָרַב גִיזָאגְט אַז עֶר קֶען אוּן דֶער רֶגַע דֶעם וַויין נִישְׁט טְרִינְקֶען נָאר פַאר זַיין אַוֶועק גֵיין וֶועט עֶר טְרִינְקֶען. אוּן וִויא עֶס אִיז גִיקִימֶען דִי צַייט נָאךְ דֶעם עֶסִין הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ זַיינֶע הֶענְד גֶעוַואשִׁין אִין אַיין גִילְדִינִים בֶּעקִין. אַזוֹי הָאט הָרַב תֵּיכֶף גֶענִימֶען דָאס וַואסֶער פוּן דֶעם בֶּעקִין אוּן גִיטְרִינְקֶען פַאר דִי אוֹיגִין פוּן דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי שָׂרִים. אוּן הָאט צוּ זֵייא גִיזָאגְט דָאס

וואסער

אָמַר. אז ער האט געהערט אז די פטירה פון הרב הגאון והקדוש מהרמ״ע בעל עשרה מאמרות זכה״ה איז געוועזן דורך נשיקה. ער האט ניהאט אמן וואס ער האט זיך אפ געווינדערט ער זאל זיך מדבק זיין צו השי״ת. און האט געזאגט צו זיין שמש אז ער זאל ווארטען ביז צו דעם זמן. און אזוי ווי דער זמן וועט אוועק גיין זאל ער צו איהם תיכף קימען דאס ער זאל אוהם אוועק ציהען פון זיין דביקות צו השי״ת. א) אזוי איז געוועזן איין טאג: איין מאל איז געוועזן אגרויסע שריפה אין שטאט. און פאר גרוס פחד

האט

וואסער פון די הענד וואשין האב איך גיטרינקען ווייל עס איז צו מיר מותר. אבער דעם ווין קען איך נישט טרינקען ווייל די תורה האט עס גיאסרת. אזוי איז בייא דעם מלך די זאך ווייער השוב גוועען און האט איהם נאך פיהל מער ליב געהאט:

אויך אין ספר מעשה אברהם וועט אזוי איין מעשה גיברענגט אז הרב אברבנאל איז גיוועזן אגרויסער חשוב בייא דעם מלך פון ספר״ד. איין מאל האט דער מלך פאר לאנגט אז הרב זאל מיט איהם עסין בייא זיין טיש אזעלכע מאכלים וואס מען קאכט צו הרב בייא הרב און דער היים. און מען זאל די מאכלים ברענגין צו דעם מלך און הרב זאל בייא דעם טיש פון דעם מלך די מאכלים עסין. און דער מלך האט בעפוילען צו זיינע קנעכט אז זייא זאלין קאכין די זעלבי מאכלים וואס מען קאכט בייא הרב. אוך האט דער מלך גיהייסין מאכין אז די דעק פון דעם טיש זאל זיך גרינג קענין דרייען. און אזוי ווייא זייא האבין גיגעסין האט דער מלך גיזאגט צו הרב אז ער זאל זעהין אין דעם פענצטער. און ווייא הרב האט גיקוקט צו דעם פענצטער האט דער מלך געטוהן אדרייא די דעק פון דעם טיש אז די שיסעל פון דעם מלך גיקימען פאר הרב. און הרב האט אין דעם נישט געפילט און ווייא זייא האבין זיך צוריק גיקערט צום עסין האט הרב נישט גיוואלט מער פון דעם מאכל עסין. האט זיך דער מלך אויף איהם גיבייזערט פאר וואס ער עסט נישט פון אמאכל וואס עס איז כשר וואס מען האט דאס מאכל פון זיין היים גיברענגט. האט הרב גיענטפערט אזוי איז בייא אינז דער דין אז פלייש וואס עס וועט פערדוילען פון דעם אויג איז אסור. דריבער קען איך נישט דאס מאכל עסין. ווייל איך האב אין מיטען דעם עסין גיקיקט צו דעם פענצטער. האט זיך דער מלך אויף איהם נאך מער גיבייזערט און הרב האט איהם נישט גיוואלט צו הערין. אזוי האט דער מלך איהם גיקישט אויף זיין קאפ און האט צו איהם גיזאגט גליקליך זענט איהר יודען מיט אייער תורה:

א) אין ספר באר משה מהרב המגיד הקדוש מקאזניץ זצוק״ל שטייט געשריבען בזה הלשון מיינע אויגין האבען גיזעהין מטורי ורבותי ווס זיי זענין שוין אויף דעם עולם העליון. ובפרט מאדוני מורי ורבי הרב הקדוש איש אלהים נורא מוהר״ר משולם זושא זצוק״ל אז כמה פעמים ווען ער האט זיך מדבק גיוועזן אין השי״ת. האט ער זיך אין גאנצין אפ גיטיהין פון דעם עולם ביז עס איז שוין קרוב גיוועען אז דאס חיות זאל איהם אויס גיין. ביז ער האט גימוזט מנדר זיין נדרים ונדבות אז דאס חיות זאל זיך בייא איהם צוריק דער האלטען:

האט דער שמש פאר געזען אז ער זאל צו איהם קומען צו דער בעשטימטע צייט. און איז געקומען אביסיל שפעטער. האט ער איהם געפונען ליגען טויט זיין נשמה איז ארויס גיגאנגען פאר דביקות אין השי"ת. האט ער געזאגט אז דאס איז די כוונה פון דעם פסוק אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה' וימותו. אז דאס איז געוועזן די סיבה פון די זוהן פון אהרן וואס זענען גישטארבין. וויל זייא האבען געהאט גרוס התקרבות צו השי"ת: ער האט געזאגט ווען ער איז געקומען קיין בוטשאטש וויל ער האט נישט געהאט חבירים אויך קיין תלמידים. האט ער מורא געהאט פאר דעם וואס אונזערע חכמים האבען געזאגט אויף דעם פסוק חרב על הבדים ר"ל. אז מען לערינט אליין קען מען ווערין פאר נארישט. ביז ער האט געפינען אין של"ה הקדוש וואס ער זאגט דאס פירוש פון דער משנה וקנה לך חבר. דהיינו די פעדער וואס הייסט קנה. זאל צו דיר זיין אחבר. אז וואס די ווערט האבען אין נייע זאך זאלסטו אויף שרייבען: א)

אמר. איין עצה טובה פאר דעם מענש ער זאל ניצול ווערין פון דעם יצר הרע. כיוון צו זיין איעדע נאכט בשעת ער לייגט זיך און זאגט דעם פסוק בידך אפקיד רוחי. באם ער וועט חו בעדארפין צו ווינדיגען. בעט ער אז השי"ת זאל איהם זיין נשמה נישט צוריק געבין. איז דאס חשוב ביי השי"ת גלייך ער וואלט זיך מוסר נפש געוועזן. וועט איהם דריבער השי"ת העלפין אז ער וועט כובש זיין דעם יצה"ר:

## דיבורים מלוקטים מהרב הצדיק הקדוש מוהר"ר אהרן מקארלין זצללה"ה פון דעם ספר בית אהרן:

צריך האדם. דער מענש בעדארף פון זיך מבטל זיין אלע שלעכטי התאוות און אלע שלעכטי מדות רח"ל. נאר צו זעהן דאס

אז

א) אין ספר מעגל טוב להגאון מו"ה חיד"א זללה"ה שטייט אז דער ש"ך האט גיהויבט פון דעם ישם הכותב. אזוי האט ער גירעדט און די פעדער האט געשריבען פון זיך אליין. דאדורך האט ער געשריבען אזוי פיעל ספרים. אויך האט ער גיוויסט פון דעם שם המציאה ער זאל תיכף קענין גיפינען דאס בקיאות:

אין ספר שם הגדולים להגאון מוהר"ר חיד"א זצ"ל שטייט אז ער האט גיזעהין א כתב יד אז איך אנילעכטער דאס גיפרעגט הגאון רבינו סעדיה צו אשניידער וואס איז צו איהם גיקומען. וויפיעל נעדים האסטו די היינט גינייט. האט איהם דער שניידער גיענטפערט

לאז

אז עס זאל דורך איהם מקודש ווערין שם שמים. אויך בעדארף דער מענטש דיענען צו השי"ת מיט מסירת נפש. איין מאהל האט גיבעטין איין בעל הבית צו הרב הצדיק הקדוש ר' שלמה קארלינער זצוק"ל אז ער זאל ביום מחר צו איהם לביתו קומען. האט ער איהם גיענטפערט. דיא שוטה. אמעהר מען בעדארף נאך היום מתפלל זיין מעריב און צו ליינען קריאת שמע וואס דאס איז מסירת נפש א). און דער נאך בעדארף מען שלאפען. און ביום מחר בעדארף מען מתפלל זיין. און עס איז דא אין דער תפלה פיהל עולמות ביז מען קומט צו דער ק"ש. און דער נאך

פאלט

לאז מיר דער רבי זאגין וויא פיעל אותיות זענין דא אין דער תורה. אזוי האט זיך דער גאון זייער מצער גיוועזען, ווייל עס האט זיך איהם גישט גיטראפין אז אמענש זאל איהם פרעגין און ער זאל גישט וויסען צו ענטפערין נאר דאס מאהל. האט ער זיך פיעל מענג מצער גיוועזען און האט גישט גיקענט מכוון זיין די צאהל ביז ער האט בעשווארין מיט איין שם איז געקומען אמלאך און האט איהם מגלה גיוועזען. האט ער זיך אויף דעם זייער גיפרייט :

א) דיא ק"ש בעדארף מען זאגין מיט מסירת נפש מען זאל אין זין האבין בשעת מען זאגט דעם פסוק שמע ישראל כדי דאס מען איז מוכן זיך צו לאזען אומברענגין אויף קידוש השם :

אין ספר באר(ת) המים וועט גיברענגט אמעשה פון הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר צבי הירש מרימנאב זצוק"ל דאס אין שפאניא ווען מען האט גוזר גיוועזען דאס יודען זאלען גיט מקיים זיין די מצות. זענין גיוועזען די אנוסין היינו זייא האבין זיך גימאכט גלייך ווי זענין גוים און האבין מקיים גיוועזען דו מצות בחדרי חדרים. איז דארט קראנק גיווארין אגרוסער שר זיין נאמין איז גיוועזען באנולא. און דו קרענק האט זיך אויף איהם גישטארקט ביז ער איז גיוועזען גוסס רח"ל. איז צו איהם גיקימען דער גלח אזוי וויא דער מנהג איז פון דו ערלים. און וויא דער גלח האט גיזעהן דאס ער איז שוין באלד טויט האט ער איהם איין גיראטט אין זיין אויער דעם פסוק שמע ישראל וגו' ביז אחד און ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. וואריין דער גלח איז גיוועזען פון דו אנוסין. האט ער ביי זיך גימראכט אפשר איז דער חולה אויך פון דו אנוסין דריבער האט ער איהם איין גיראטט דעם פסוק :

דער אמת איז אז דער רוב וואס זענין גוסס איז צו מיתה עס טרעפט זיך אבער דם אמייל בלייבין לעבען נאך דער גסיסה. איז דער שר אויך גיוועזען פון דעם מיעוט און איז גיזונד גיווארין. אזו האט ער גישיקט ריפען דעם גלח און האט צו איהם גיזאגט גידענק וואס דו האסט גיטאן. פון דעם וואס דו האסט מיר איין גיראטט און מיין אויער ווער איך ארוים דאס דו ביסט איהודי על כן האסט דו פערשילדיגט מען זאל דיר דעם קאפ אראב נעמין. נאר איך האב אויף דיר רחמנות וועל איך דיר געבין ארפואה דאס דו זאלסט דיך כופר זיין. האט דער שר איהם גיגעבין צייט דריי טאג. און דער כומר האט איהם גיט גיוואלט צו הערין און האט זיך מוסר גיוועזען אויף קידוש השם :

און

פַאלְט מֶען תַּחֲנוּן וָוס דָאס אִיז אוֹיךְ מְסִירַת נֶפֶשׁ. אוּן אֶפְשָׁר וָועט הַשֵׁי"ת מְמַלֵא זַיין מַיין רָצוֹן. אוּן דוּ ווִילְסְט אַז אִיךְ זָאל דִיר צִי זָאגֶען אַז אִיךְ זָאל צוּ דִיר קוּמֶען בְּיוֹם מָחָר. דֶער כְּלַל אִיז אַז דֶר מֶענְשׁ בֶּעדַארְף מוֹסֵר זַיין זַיין כֹּחַ צוּ הַשֵׁי"ת. אוּן עֶר זָאל מְקַבֵּל זַיין דָאס חַיוּת שֶׁל מַעְלָה:

כָּל אֶחָד. אַיעֶדֶער מֶענְטְשׁ זָאל הֶערִין פוּן זַיין חָבֵר אַיעֶדֶער בְּרָכָה וָואס עֶר בֶּעדַארְף צוּ זָאגֶען. כְּדֵי עֶר זָאל נָאךְ זָאגֶען אָמֵן. וָוארִין עֶס שְׁטֵייט אִין דִיא כְּתָבִים פוּן הָאַרִיזַ"ל אַז עֶר הָאט אִין דֶר פְרִיה נִיהֶערְט דִיא בְּרָכוֹת אֲפִילוּ פוּן הוּנְדֶערְט מֶענְטְשִׁין. אֲפִילוּ עֶר הָט גִיקֶענְט אִין אֵיין רֶגַע מְיַיחֵד זַיין אַלֶע עוֹלָמוֹת. הָט עֶר פָארְט נִישְׁט מַשְׁגִיחַ גִיוֶועִין אוֹיף דֶער צַייט אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְמִיטֶען פוּן צוּ הֶערִין אֲפִילוּ הוּנְדֶרְט מָאל

הַנּוֹתֵן לַשֶּׂכְוִי בִינָה אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת:

הָאָדָם. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען מַשִׂיג זַיין וָואס אַלֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבֶען מַשִׂיג גִיוֶועזִין. נָאר דָאס גֵאוּת (שְׁטָאלְץ־קֵייט) אִיז מְעַכֵּב אוּן עֶס לָאזְט אִיהְם נִישְׁט מַשִׂיג זַיין. אִין דָאס עַצְבוּת פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ קוּמְט אוֹיךְ פוּן גֵיאוּת. וָוארִין עֶר רֶעכִינְט בַּייא זִיךְ. אִיךְ בִּין אַזוֹי גְרוֹיס. אוּן בִּין אֵיין אִישׁ חָשׁוּב. בַּאדַארְף אִיךְ הָאבֶען גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אוּן גְרוֹיס פַּחַד. אִין דֶער צַייט וָואס אִיךְ זָאג הַלְלוּיָה. דֶער עִיקָר אִיז אָבֶער אַז מֶען זָאל אִין זִין הָאבֶען פֵּירוּשׁ הַמִלוֹת. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ נָאךְ זַיין שֵׂכֶל. א) שֵׁם בְּשֵׁם הַבַּעַשׁ"ט ז"ל.

מקוה

---

אוּן וִויא דֶער שַׂר הָאט גִיזֶעהִין דָאס דֶער כּוֹמֶר אִיז אַיְהוּדִי מִיט דֶעם גַאנְצֶען הָאָרֶץ. הָאט אִיהְם דֶער שַׂר גֶערִיסֶען אוּן אֵיין בֶּעזוּנְדֶער חֶדֶר. אוּן הָאט אוּהְם מְגַלֶה גִיוֶוען דֶעם סוֹד דָאס עֶר אִיז אוֹיךְ אַיְהוּדִי פוּן דִי אֲנוּסִים אוּן הָאבִּין צוּ זַאמֶען גִיהַאלְטֶען אֵיין עֵצָה וָואס צוּ טָאן. הָאט דֶער כּוֹמֶר צוּ אִיהְם גִיזָאגְט דוּ בִּיסְט דֶעךְ אַשֶׁר קֶענְסְטוּ טָאן וָואס דַיין הָאַרְץ בֶּעגֶערְט. זָאג צוּ דִי אַנְדֶערֶע שָׂרִים דָאס דוּ הָאסְט דִיר גֶעקוֹיפְט אַחֻזָּה בְּאֶרֶץ הַקְדוֹשָׁה אוּן דוּ וֶועסְט דַיין פֶערְמֶעגֶען דָארְט מִיט גֶעמִין אִין אִיךְ וֶועל אוֹיךְ מִיט דִיר פָארִין. הָאבִּין זַייא אַזוֹי גִיטָאן אוּג זַייא זֶענִין דָארְט גִיוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים מְפוּרְסָמִים:

א) בְּסֵפֶר עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל מֵהָרַב הַצַדִיק הַקָדוֹשׁ מִקָאזְנִיטְץ זי"ע שְׁטֵייט אַז הָרַב הַקָדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ר גֶרְשׁוֹן הָאט אַמָאהְל גִיזָאגְט צוּ דֶעם בעש"ט ז"ל מִיט דֶעם לָשׁוֹן כָּל זְמַן דוּא קֶענְסְט נָאךְ זָאגִין אִין דֶער תְּפִלָּה בָּרוּךְ אַתָּה נָאךְ דַיין רָצוֹן נָאךְ. זָאלְסְטוּ ווִיסֶען אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דֶער כַּוָּנָה פוּן דֶער תְּפִלָּה. וָוארִין דֶער מֶענְשׁ בֶּעדַארְף צוּ זַיין אָפּ גִיטָאן פוּן דֶעם עוֹלָם אִין דֶער צַייט וָואס עֶר אִיז מִתְפַּלֵל בִּיז עֶס זָאל זִיךְ פוּן אִיהְם אוֹיס לָאזִין דֶער כֹּחַ מִיט דֶעם שֵׂכֶל פוּן צוּ רֶעדִין דִי תְּפִלָּה. נָאר אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אָפּ גִיטִיהִין פוּן דֶער צַייט פוּן דֶער תְּפִלָּה. אוּן אִיז נָאר דָבוּק

צו

מִקְוֶה אין ערב שבת איז כדאי צו גיין איין מייל צו פיס. ומקוה בשבת אין דער פריה וואלט כדאי געוועזען צו גיין דריי מייל ווען עס זאל זיין מותר:

הַבְדָלָה וואס זיא העננט אין שטיב איז אסגולה צו דער פרנסה:

דַאֲגָה בלב איש ישחנה. ווען דער מענטש האט איין דאגה זאל ער זיא אויס דאווינען. נאך איז דיא טייטש ישיחנה. ער זאל דיא דאגה נידריג מאכען זאל זיך נישט צו שפרייטען אין אלע אברים ח"ו: א)

כל

צו השי"ת. און קען נישט מתפלל זיין דורך פחד. איז ער פארט מתפלל כסדר צו השי"ת דיא גאנצע תפלה. ווייל מען איז זיך מן השמים אויף איהם מרחם און מען גיט איהם כח אז ער זאל קענין מתפלל זיין. אזוי וויא עס שטייט אדני שפתי תפתח:

דער באר משה מהרב הצדיק הקדוש מקאזניץ זצוק"ל שרייבט דאס דער סידור פון האריז"ל אלע כוונות פון דער תפלה וואס עס געפינט זיך דארט. איז נאר געוועזען פון איין תפלה פון האריז"ל הקדוש. און איעדין טאג האט ער מתפלל געוועזען מיט איין אנדערע נייע כוונה צו לויבען השי"ת:

א) ובשם הרב המגיד הקדוש מזלאטשוב זצוק"ל אפילו בשעת ער איז צו ערשט געוועזען מיט יסורים אויך מיט ארימקייט ר"ל איז ער פארט געווען מיט גרויס שמחה. אמאל האבין איהם זיינע תלמידים געפרעגט. רבי. וויא אזוי מאכט איהר איעדין טאג דו ברכה שעשה לי כל צרכי. איהר האט דאך נישט וואס איהר בעדארפט. האט ער זיי געענטפערט מן הכתב איז מיין בעדערפעניש דאס עניות. און אויף דעם אליין מאך איך אברכה מיט שמחה שעשה לי כל צרכי. אז דער וואס איז משגיח אויף איעדין. איז אויף מיר אויך משגיח מיר צו געבין דאס גאנצע בעדערפעניש פון עניות:

אין ספר אגרא דפרקא ווערט געברענגט אמעשה פון הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר דוב בער זצוק"ל אין דער צייט ווען ער איז געוועזען מיט עניות און דחקות. איז אמאהל זיין ווייב צו איהם געקומען מיט געוויין און האט איהם דערציילט דאס דחקות פון זיינע קינדער. וויא אזוי זייא זענין מיט הונגער און דורשט און האבען זיך נישט מיט וואס צו צודעקין פאר קעלט. האט ער אויס געהערט איהרע רייד וואס זיא האט געזאגט און האט אביסיל גיזיפצט. האט ער באלד געהערט אקול פון דעם הימעל אז ער האט פערלוירען זיין עולם הבא. וויא ער האט דאס געהערט איז ער געבליבען אגנץ דערשראקען. ווייל ער האט פערשטאנין אז ער האט שוין נישט ביידי וועלטין. ווארין דיא וועלט האט ער שוין לאנג נישט. ווייל ער מיט זיינע קינדער זענין זייער אין הונגער. און עולם הבא האט ער אויך שוין נישט. און מיט דער מחשבה האט ער אביסיל מפסיק געוועזין פון זיין תורה. ביז ער האט זיך מיישב געוועזין. אדרבא אצינד איז דיא צייט אז איך זאל השי"ת דיענען באמת. ווייל מיין האפנונג איז שוין פערלוירין פון ביידע וועלטין. וועט מיין עבודה זיין צו השי"ת באמת. נאר צו טאן אנחת רוח צו השי"ת. און האט אן געהויבין צו לערנין מיט קדושה. אזוי האט מען איהם מבשר געוועזין מן השמים אז מען וועט איהם צוריק געבין עוה"ב נאר

ער

כל האכילות של עיו"כ. אלע אכילות וואס מען עסט אין ערב יום כפור איז אתיקון צו אלע אכילות וואס מען עסט אנאנץ יאהר. שם בשם הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר ברוך ממעזיביז ז"ע:

ארורים הרשעים שאין טובתם שלימה. פערשאלטען זאלען זיין די רשעים ווייל די טובה וואס השי"ת טוהט מיט זיי. איז ביי זיי נישט גאנץ. זיי זוכען אין דער טובה אחרון:א)

צא ולמד. וואס שטייט דם לשון צא ולמד. דאס הייסט גיי און לערנען. פאר וואס שטייט נישט דם לשון בא ולמד. קום און לערנען. נאר ווייל בשעת ווען מען זיצט און לערנט בעדארף מען אוועק גיין פון די ענינים פון דער וועלט. ב)

תשובה אין אונזער ערך טייטשען מיר. סור מרע. דו זאלסט אפ קעהרין פון שלעכטען. דורך. ועשה טוב. דורך דעם וואס וועסט טוהן גוטס. משכו. איז טייטש אוועק ציהען און צו ציהען. אז מען ציהט ארויף זיך קדושה ווערט מען ממילא אוועק געצויגען פון שלעכט. מיר טייטשען והנדחים מארץ מצרים. מען קאן נדה ווערין פון דער קדושה ח"ו אז מען איז זיך מיצר מיט תענית וסגופים. ממ"נ. גייט מען נישט אויף דעם גלייכען ווענ איז דאך תענית וסגופים אויך נישט גלייך. אלא מען גייט אויף דעם אמת'ן ווענ איז דאך עסין און שלאפען אויך גוט. תשובה איז דער עיקר חרטה. אזוי האבען מיר מקבל גיוועזען פון אונזערי עלטערין פון גרויסע צדיקים:

שוחה

---

ער זאל שוין מעהר נישט זיצען פון גרויס רחמנות אויף זיינע קינדער. ווארין עס איז נישט מעהר דא אנדערער רחמנות ווי דאס רחמנות פון השי"ת:

א) אבער ביי צדיקים ווען אפילו עס טרעפט זיך ח"ו צו זיי אזאך וואס איז נישט גוט. דאנקען זיי אויך דאפיר צו השי"ת:

דער בני יששכר שרייבט בשם תלמידי הבעש"ט ז"ע אז ווען עס טרעפט זיך צו אמענטש אזאך וואס איז נישט גוט. זאל ער זיכען און זיין דיעה ער זאל נעמינען אניטקייט און דעם שלעכטען. אזוי ווי אחסיד האט גיזעהן ליגען אנבילה האט ער גיזאגט די מעלה פון דער נבילה. ווייל ווייס איהרע ציין זענין. אזוי אז ער געפינט אגיטע זאך אין דעם שלעכטין. ווערט ממילא דאס שלעכטע בטל. ווארין שלעכטעס אליין האט נאר נישט קיין מציאות:

ב) בספר דעת משה שטייט געשריבען דאס ער האט גיהערט פון זיין פאטער הרב הקדוש מקאזניץ ז"ע אויף אצדיק אז ער האט מיט זיין מחשבה אזוי עוסק גיוועזין אין הלכה. אז ער איז גיגאנגען פון דעם בוידעם אין דער לופט פון איין אורט צו דעם אנדערין און איז נישט אראפ גיפאלין אויף דער ערד:

שוחה עמוקה פי זרות. עס איז נישט קיין ערגעריס: שוחה עמוקה. (אטיפער גריב). ווייל אז דער מויל איז פרעמד פון דיא רייד וואס ער רעדט. שם בשם הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר **שלמה קארלינער** זצוק"ל:

**אז** מ'קוקט צום עסין און מען איז זיך מקרר פון תאות אכילה ווערט דם נערעכינט גלגול שכן. א) שם בשם הנ"ל:

**בעולם** העליון טוהט מען ווענין דיא וועלדער אין דיא פעלדער וואס מען איז אין זייא געפאהרען צו אצדיק. אין אוואנ־שאל פון זכיות. ב) שם בשם הנ"ל:

**איך** וואלט מיר ווינטשען ליב האבען דעם גרעסטען צדיק פון ישראל ווי השי"ת האט ליב דעם גרעסטען רשע שבישראל. שם בשם הנ"ל:

## מבנו הרב הצדיק הקדוש זצוק"ל:

**אז** אמענטש טוהט רעדין פאר דעם מלך אויף זיינע קינדער ווארפט מען איהם בודאי ארויס פון דעם מלך'ס פאליץ. אזוי אויך אז אמענטש רעד חוו לשון הרע אויף איינעם פון די ידען ווען אפילו אין דער מחשבה ר"ל. בשם הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר **אשר מסטאלין** זצוק"ל:

**עס** איז נישט שיין מען זאל אהן נעהמין כבוד. אין אז מען טוהט אהן כבוד בעדארף איהם דייא טוהן גלייך וויא מען זאל שניידען זיין לייב מיט אמעסער. ג) בשם הנ"ל:

דורך

א) ובשם הגאון הקדוש בעל חתם סופר זצוק"ל אז ער האט געזאגט נישט עסין לשם שמים איז קיין זאך קענסט אלם יא עסין לשם שמים:

ב) הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר יצחק אייזיק מזידיטשוב ז"ע האט געהערט מהרב הקדוש מוהר"ר יהודא צבי מראזלי זללה"ה אז ער האט געזעהן זיין רבי און זיין שווער הקדוש מוהר"ר צבי מזידיטשוב נאך זיין הסתלקות. האט ער איהם געפרעגט אויב ער איז שוין לאנג אויף זיין ארט אין גן עדן העליון. האט ער איהם געענטפערט אז ער וויל נישט גיין אויף זיין ארט ביז ער וועט מתקן זיין אלע זיינע מענטשען און ער וועט זייא שטעלין אויף זייער ארט. אזו האט דער צ"ילם הרב הקדוש מזידיטשוב אז ער האט געהערט פון הרב הקדוש מראזלי ז"ע. און האט געזאגט אז דער וואס איז בעהעסט בייא זיין לעבין צו אצדיק אמת. אזוי נאך זיין פטירה פון דעם עולם ווייזט מען איהם זיין רבי און זיין רבי מוז איהם אטובה טוהן אויף יענער וועלט. האט אויף דעם הרב הצדיק הקדוש מזידיטשוב אוים געפירט איך האב מיך מיישב געוועזען. וואס טויג מיר די טרחא פון מיין פטירה. עס איז בעסער אז איך זאל זייא מתקן זיין און שטעלין אויף זייער ארט כל זמן איך בין אויף דעם עולם:

ג) ווען מען האט אויף געטשעט דעם גאון בעל הפלאה פאר ארב אין פראנקפורט האט

מען

דורךְ טְבִילָה אוּן מִקְוָה קָען דֶער מֶענְטשׁ צוּ צִיהֶען דִיא דֵעָה פוּן זַיין חַבֵר צוּ זַיין דֵעָה. אַמָאל אִיז הָרַב הַקָדוֹשׁ ר׳ משה זצוק״ל דֶער זוּהְן פוּן הרב הקדוש המגיד מקאזיניץ קְרַאנְק גִיוֶועזֶען וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גִיוֶועזֶען אַקְלֵיין קִינְד עֶר אִיז גִיוֶוען גֶעלִיבְּט צוּ זַיין פָאטֶער. אוּן דִיא דָאקְטוֹרִים הָאבֶּען אִיהְם מְיַאֵשׁ גִיוֶועזֶען. אוּן זַיין פָאטֶער אִיז גִיוֶועזֶען אִין גְרוֹיס צַעַר. אוּן אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִיא צַייט פוּן דֶער תְּפִלָּה הָט עֶר בַּיי זִיךְ אָפּ גֶעפַּאסְט אַז עֶר זָאל אָפּ טוּהְן זַיין דֵעָה פוּן זַיין קְרַאנְקֶען קִינְד. אִין עֶר זָאל בֶּעסֶער אִין זִין הָאבֶּען דִיא תְּפִלָּה. הָאט אִין דֶעם מַרְגִישׁ גִיוֶועזִין הרב הקדוש מבארדיטשוב זצוקללה״ה אַזוֹי אִיז עֶר גֶענַאנְגֶען זִיךְ טוֹבֵל זַיין אִין מִקְוָה. אוּן הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָט פוֹעֵל גִיוֶוען מִיט זַיין טוֹבֵל זַיין אִין מִקְוָה אַז עֶר זָאל מְשַׁנֶה זַיין דִיא דֵיעָה פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ דֶער פָאטֶער פוּן דֶעם קִינְד אַז עֶר זָאל דַוְקָא מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דִיא רְפוּאָה פוּן דֶעם קִינְד. אִין דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט מְשַׁנֶה גִיוֶועזִין זַיין דֵיעָה מִתְפַּלֵל צוּ זַיין אוֹיף אַרְפוּאָה אִיז אַוֶועק גֶערִיכְט גֶעוָוארֶען דִיא דִינִים פוּן דֶעם כְּלַל יוּדִישֶׁע קִינְדֶער:

## ליקוּטים מִסֵפֶר דַרְכֵי צֶדֶק אַתַּלְמִיד פוּן הרב הצדיק הקדוש מוהר״ר אלימלךְ מליזענסק זצוק״ל:

אַכְּלַל גָדוֹל. אַז אַמֶענְטְשׁ בֶּעט אוֹיף אַזַאךְ זָאל עֶר נִישְׁט בֶּעטִין אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. נָאר אוֹיף דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל. וַוייל אַז עֶר בֶּעט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אַזוֹי אִיז מֶען אִיהְם דַן אוּן מֶען זֻכְט נָאךְ אוֹיבּ עֶר הָאט עֶפִּיס אַזְכוּת. לְמָשָׁל אַז עֶר בַּאדַארְף אַרְפוּאָה זָאל עֶר בֶּעטִין אוֹיף דֶעם כְּלַל פוּן חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל. אִין אַזוֹי אוֹיךְ אַיֶעדֶער בַּקָשָׁה וָואס עֶר בַּאדַארְף זָאל עֶר בֶּעטִין אוֹיף דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל:

אִין אַיֶעדֶער צַייט וָואס עֶר אִיז לֵיידִיג זָאל עֶר מְהַרְהֵר זַיין אַז עֶס בְּרֶענְט פַאר אִיהְם אַפַייעֶר בִּיז אִין מִיטֶען הִימֶעל אוּן פוּן קִידוּשׁ הַשֵׁם וֶועגִין טוּהט

מֶען אִיהְם גְרוֹיס כָּבוֹד אִין נִיטָאן בְּשַׁעַת עֶר אִיז אִין נִיקוּמֶען. עֶס זֶענִין דָארְט גִיוֶוען פִיעֶל מֶענְטְשִׁין. הָאט אִיהְם אֵיינֶער פוּן זַיינֶע בֶּעקַאנְטֶע גִיפְרֶעגְט וָואס פַאר אַמַחְשָׁבָה עֶר הָאט גִיהַאט אִין דֶער צַייט. הָאט דֶער בעל הפלאה גִיעֶנְטְפֶערְט דָאס עֶס הָאט זִיךְ אִיהְם גֶעדַאכְט אַז מֶען טְרָאגְט אִיהְם אוֹיף דֶעם בֵּית הַחַיִּים אוּן דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם גֵייעֶן אִיהְם מְלַוֶה זַיין:

טוהט ער זיך אריין ווארפען אין פייער אז ער זאל מקיים זיין די מצות עשה פון ונקדשתי בתוך בני ישראל ער זאל זיך פארברענין אויף קידוש השם יתברך. און ער זאל מקבל זיין דיא מצות עשה מיט שמחה:

ער זאל נישט ריידין אזעלכי דבורים וואס מען בעדארף זיי נישט. ווארין עס איז אוים גיזעצט פון דעם הימעל וויפיל רייד דר מענש זאל ריידין אין דער צייט פון זיין לעבין. אין צו וואס זאל ער מקצר זיין דאס לעבין מיט אזעלכע רייד וואם זענין נישט פון אמצוה. און ער באדארף זיי נישט: א)

ער זאל נישט לערנין אין אספר פון איין רשע. ווארין ער איז זיך מקשר אין דער נשמה פון דעם רשע. ב) פון דעם קענין מיר פארשטיין דיא מעלה אז מען טוהט לערנין אין ספרים פון צדיקים:

כשאדם. אז דער מענטש בעהט אויף אזאך און עס קומט נישט צו איהם. זאל ער זיך דריבער נישט מצער זיין ח״ו. ווארין אז ער איז זיך מצער איז גליך וויא ער האלט זיך פאר אגאט. אויף דעם זאגט דער פסוק האנוש מאלוה יצדק. אז דען דער מענטש מער מיט רחמנות פון השם יתברך:

אמאל איז דער מענש זוכה אז מען איז איהם מודיע מן השמים אז אין דער רגע ווען ער שטייט אויף פון דעם שלאף פאלט איהם איין אפסוק אין דער מחשבה. זאל ער טראכטען מיט דעם פסוק וואס עס איז איהם איינגעפאלען. וועט ער זעהן אז אמאל טוהט מען איהם שטראפען מיט דעם פסוק. אדער מען טוהט איהם ווייזען אויף אזאך. און אמאל ווייזט איהם דער פסוק אויף אשמירה. דאס איז אגרוים ענין:

אז מען איז אויף איינעם מתפלל איז איין עצה טובה דאס ער זאל נישט

מוכיר

---

א) דער רבינו יונה שרייבט אז דער וואס טוט ריידין דברים בטלים איז גליך ווי ער וואלט גילייקינט אין השי״ת. ווייל ער גלייבט נישט אז השי״ת איז פול די גאנצע וועלט ווארין דער וואס גלייבט דאס ער שטייט פאר השי״ת וועט נישט קאן אזא זאך וואס עס איז אקעגין דעם רצון פון השי״ת. און מכל שכן דער וואס איז חוטא אפילו בסתר דאס קיינער זאל נישט זעהן ווען ער איז עובר איין עבירה. ווייל עס איז גלייך ווי ער זאגט צו דעם מלך ניי אוועק פון דעם ארט ביז איך וועל עובר זיין דיין רצון. און אזוי איז זייער נישט שיין צו זאגען. און זיין עונש איז זייער גרוים. ווייל ער דערצערינט השי״ת און שעהמט זיך נישט פאר זיין גרויסקייט און שרעקט זיך נישט פאר זיין דין:

ב) אין ספר ליקוטי מהר״ן שטייט געשריבען דאס דו זאלסט נישט לערנין אין אספר וואס איין אדם רשע האט אין דעם ספר גילערינט. ווייל די אותיות פון דעם ספר ווערין זיך פערשוואלדינען:

מוכיר זיין כפירוש די בקשה . ווייל ער איז דערמילט מעורר דינים ח"ו פון דיא מלאכים . אויב ער איז ראוי מען זאל איהם טאן זיין בקשה . נאר ער זאל מכוין זיין אין דער מחשבה בשעת ער לערינט תורה אדער אין דער תפלה זיין בקשה . און השי"ת וואס ער איז יודע מחשבות וועט טאן זיין בקשה:

בכל מקום . ביא איעדין ארט פון דער תפלה וואס ער איז מוכיר דאס לשון פון ישועה . למשל בשרו מיום אל יום ישועתו . קען ער מכוין זיין און מתפלל זיין אין דער מחשבה אויף אישועה . אדער ווען ער באדארף רחמים זאל ער מכוין זיין בשעת ער זאגט זכור רחמיך כו' . אויך בשעת ער זאגט הראנו ה' חסדך קען ער מכוון זיין אין ממשיך זיין חסד אויף אמענש וום ער באדארף אישועה און ארפואה:

דער מענטש זאל זיין געווארינט אז ער באדארף צו ארפואה אדער צו אישועה אדער מכניע צו זיין שונאים וכדומה . זאל ער לערנין פון דיא ענינים אין דער גמרא . און אלע זיינע סיפורים זאלען זיין פון אזעלכע נסים וואס השי"ת האט געטאן: א)

יזהר מאד . דער מענטש זאל זיין געווארינט . אז איעדער טובה וום קומט איהם פון מענשין . זאל ער רעכינין אז השי"ת האט גינעבין אין דיא הערצער פון די מענשין אז זיי זאלען איהם די טובה טוהן . און די מענשין זענין נאר די שלוחים פון השי"ת . פאר דעם מענש זאל ער נישט לייקנין דיא טובה . נאר ער זאל טוהן זיין פארדיכערונג אין השי"ת . ווארין דיא מענשין טוהן נישט נאר דעם רצון פון השי"ת:

ווען אפילו עם קומט צו אמענש איין זאך וום איז נישט ניט ח"ו . זאל ער אהן געהמין פאר ליב . אין דער גמרא ווערט ניברענגט אז רבי עקיבא פלעגט אזוי תמיד צו טוהן און דורך דעם האט ער גטוהן ארייז

ציהען

---

א) דער אנרא רבה זאגט דאס פירוש פון דעם פסוק זכור תזכור את אשר עשה ה' אלהיך לפרעה ולכל מצרים . ווארין מיר גיפינין אין ספרים הקדושים אז אמענטש בעדארף צו אישועה . היינו צו ארפואה און הצלחה וכדומה . זאל ער מזכיר זיין פון אזעלכע נסים וואס השי"ת האט גיטאן צו ארבים אדער צו איחיד . אזוי אויך זאגט דער פסוק אז עס איז אסגולה צו דער ציילען און מזכיר צו זיין פון יציאת מצרים וואס דס איז דער כלל פון כל הנסים . אפילו עס טרעפט זיך ח"ו אדבר הדש . איז אויך דיא דוגמא גיוועז ביציאת מצרים . און מיט דעם וואס ער איז מתעורר דיא נסים וועט השי"ת ממשיך זיין אויף איהם דעם כח ההסר אין דיא שונאים וועלען האבען אמפלה:

ציהען אין דעם שלעכטן אז עס זאל איבער געקעהרט ווערין לטובה. דאס איז אדבר גדול:

**וועןי** דער מענטש איז מתפלל ביחיד זאל ער מכוין זיין אז דיא מענטשין וואס פאהרין אויף דעם וועג. און דיא דערפסלייט וועגין אויך מתפלל ביחידות. זאל ער זיך מיט זיא כולל זיין. הייסט עס אויך ארבים. אזוי אויך ביא תשובה טוהן. זאל ער מכוין זיין אז ער זאל זיך כולל זיין מיט די אלע מענשין וואס טוהן תשובה:

**לפעמים**. אמאל פאלט אויף דעם מענש אפארכט פון מענשין וברומה. זאל ער מעורר זיין דיא פארכט פון זיינע זינד. און זאל נעבין זיין הארץ אז ער זאל טאן תשובה. און ער זאל זיך מקשר זיין אין דיא פארכט פון השי"ת. אזוי וועט קיין שום מורא אויף ניין אויף זיין קאפ. ווייל עס ווערט נמתק מיט דעם שורש:

**קבלה**. אז וועןי איינער פאהרט אוועק אין מען גייט איהם בעגלייטן. זאל ער נישט זאגען צו דיא מענשין וואס זייא טוהן איהם בעגלייטן אז זייא זאלען פון איהם צוריק גיין: א)

**וועןי** דער מענש האט געזאגט די ווערטער פון קריאת שמע. און פון דער תפלה אהן כוונה. זאל ער נישט נאך אמאל זאגען די ווערטער. נאר ער זאל דיא ווערטער וואס ער האט געזאגט אהן כוונה אין זין האבען אין דער מחשבה:

**יזהר**. דער מענש זאל זיין געוואוינט וויפהל טריט ער זאל גיין וויפהל ער זאל ריידען. אזוי אויך מיט איעדין אבר זאל ער זיין אפ גיהיט אז ער זאל נישט טוהן מיט דעם אבר קיין דבר בטל. ווארין אויף איעדער זאך טוהט מען אויף איהם פון דעם הימל מדקדק זיין. און דורך דעם וועט ער תמיד גידענקין אין השי"ת. און וועט אין איהם נישט פארגעסין אפילו איין רגע:

מען

---

א) אין ספר מסורת הברית שטייט גישריבען אז עס איז אקבלה או וועד עס טוט זיין חבר בעגלייטען. אזוי נאך דעם וואס ער האט שיין פון איהם גינומען רשות. זאל ער איהם שוין נישט מעהר פערציימען אז ער זאל מיט איהם ריידין אנדערי רייד וואס עס איז נישט פון דעם ענין פון בעגלייטין. ווארין אין דעם פסוק וואס אליעזר האט גיזאגט אלי תאחרו אותי וה׳ הצליח דרכי איז ניצייכינט אין סוף פון דיא ווערטער לוי"ה (בעגלייטין). אזוי האט אליעזר גיזאגט אלי תאחרו אותי. איהר זאלט מיך נישט פערציימען. ווארי ה׳ הצליח דרכי. וועט דעמילט השי"ת בעגליקען מיין וועג:

מען זאל נישט זעהן חוץ זיינע פיער איילען. על כל פנים ווען ער גייט פון דער שיהל. מכל שכן אין שיהל אליין. נאר ווען ער איז דער צו געצווינגען. בשם הרב הצדיק הקדוש מוהר״ר מיכל מ״מ דק״ק זלאטשוב ז״ע:

דער מענש זאל נישט זעהן אין קיין שום צלם פון עבודה זרה. ווייל די תפלה ווערט נישט אהין גענומען פערציג טאג א). בשם הנ״ל:

כשאדם. אז דער מענש איז מפסיק אין מיטען דעם עסין אזוי ווערט דאס איהם גירעכינט גלייך ער האט מקריב גיוועזען א קרבן. און עם איז מעהר ווי ער זאל האבען א טאג געפאסט. און עם איז אויף איהם שורה ארוח קדושה ב) שם:

יבחר האדם. דער מענש זאל זיך אוים וועהלין לכל הפחות איין מצוה אז ער זאל אין איהר נזהר זיין אלע זיינע יאהרען. און ער זאל זיך איבער דער מצוה מוסר נפש זיין. און זאל נישט האבין קיין שום תירץ אז ער זאל די מצוה מבטל זיין. שם:

ירגיל עצמו. דער מענש זאל זיך גיוויינען צו זאגין אלע שעה און אלע רגע די תפלה. רבונו של עולם אתה הוא המסייע להבא לטהר ולמען שמך תסייעני שלא תהיינה מצותיך נסתרות ממני. רבונו של עולם. וואס די טוהסט העלפין צו אזוי איינים וואס ער קומט זיך מטהר זיין. און פון דיין נאמען וועגין זאלסטו מיר העלפין אז דיינע מצות זאלין נישט זיין פון מיר פאר בארגין. ספר מוסר:

---

א) איין מאהל איז הבעש״ט ז״ע גיוועזין אין אהויז פון איין עכו״ם. וואס עס איז דארט גיוועזין איין עבודה זרה. און ווען ער איז פון דארט ארוים גינאנגין. האט ער גיזאגט צו זיינע תלמידים אז ער איז מיט גרוים שמחה ווייל אין איין שעה האט ער מקיים גיוועזין די גאנצי תורה. וואריין עבודה זרה האט דעם דין פון צואה. און אויף איין אורט וואס איז נישט ריין טאר מען נישט אין זין האבען דברי תורה. און מיט דעם וואס ער האט אפ גיהיט זיין מחשבה אז ער זאל נישט מהרהר זיין אין קיין איינציגע זאך פון דברי תורה. דריבער ווערט צו איהם גירעכינט גלייך ער האט מקיים גיוועזין די גאנצע תורה:

ב) ובשם הרב הצדיק הקדוש מלובלין זצוק״ל אז דאס וואס די חכמים האבען גיזאגט אז ווען מען האט פון איין עסין הנאה זאל מען זיך פון דעם עסין צוריק ציהען מיינט מען נישט אז מען זאל שוין גישט מעהר עסין דער פון. נאר ער זאל זיך פון דעם עסין אין דער מיט צוריק ציהען ווען אפילו ער ווערט דער נאך ווייטער עסין כדי ער זאל נישט עסין מיט גרוים תאוה:

## מספר ראשית חכמה. ומספר ארחות צדיקים ומספר שבט מוסר. ומספר מבחר הפנינים ומספר מגדל עוז להגאון יעב״ץ:

דויא עס שטייט אמר החכם. הייסט דער חכם האט גיזאגט און וויא עס שטייט שאלו לחכם אחד הייסט דאס מען האט גיפרעגט צו איין חכם:

אמר החכם. פיהל מענטשין האבין מיך גיטאן מיען זיין. און פיהל מענטשין האבען מיך געטוהן שטראפין און עס האט מיר נישט גיטאן העלפין קיין שטראפין וויא דיא שטראף פון דער עלטער:

עס האט מיר ניטאן לייכטען דיא זין מיט דער לבנה. און דיא האבין מיר נישט גיטאן לייכטין אזוי וויא דיא לעכט פון מיין שכל:

עס האבין מיך גיטאן צו דריקען צרות. און קיין צרה האט מיך נישט גיטאן צו דריקען אזוי וויא דיא שלעכטע מדה וואס איז אין מיר:

איך בין גיגאנגען אויף ברעניגדיגע קוילין. און בין אריין גיגאנגען אין מיטען דעם פלאם. און עס האט מיך נישט גיטאן פאר ברענין קיין פייער. דיא דאס פייער פון מיין צארין ווען עס האט און מיר געטוהן גיוועלטיגען. וייל דאס צעריגין מאכט שלאף דאס כח פון דעם מענש:

עס האבען מיר פיינד גיטאן נאך יאגין. און האבען מיך נישט גיטאן גרייכען נאר מיינע זינד:

איך האב גיזעהן פיהל צרות. און פיהל קרענק. און פיהל שלעכטי מכות. און ארימקייט. און ביא דיא אלע האב איך גיקענט סובל זיין. און אשלעכטע אשה האב איך נישט גיקענט סובל זיין:

מען האט אין מיר גיטאן אריין שיסען פיילען. און מען האט מיך פאר שטיינערט מיט שטיינער. און איך האב נישט גיטאן פילען אזוי וויא מען האט אויף מיר גירעד לשון הרע:

עס האבין מיך מיינע שונאים בעצווינגען און האבין גיגעבין איין אייזערנים יאכט אויף מיין האלז. און עס איז נישט שלאף גיווארין מיין כח. און עס איז נישט פאר ענדערט גיווארין מיין צורה אזוי וויא עס איז פאר ענדערט גיווארין מיט דאגה און אבל:

איך האב גיזעהן פיהל עשירים און האב נישט גיזעהן אי׳ איין עושר.

וויא דער וואס ער פרייט זיך מיט זיין טייל א) :

איך האב נאך גיזוכט און נאך גיפארשט אויף די גיטע זאכען וואס וועגין דא אין דעם מענטש און האב נישט געפינען קיין גיטקייט וויא אזוי איינער וואס האט אין זיך גיטע מדות :

שאלו לחכם אחד . וועמין האסט די ליבער . דיין ברודער . צו דיין חבר . האט דער חכם גיענטפערט איך האב נישט ליב מיין ברודער ביז ער זאל זיין מיין חבר : ב)

אמר החכם . דער וואס טוהט פערצייען די שנאה . דער טוהט אפ שניידען די חרטה . ער וועט דער נאך דריבער חרטה האבין . נאר איהר זאלט זיין בעליבט ביי א מענטשין און אויך ליב האבין מענטשין :

עוד אמר . עס זאל נישט ווייניג זיין אין דיינע אוגין איין שונא אפילו ער איז אנדערינער מענטש אין איז מבוזה . ווייל אמאל קען
אנרויסער

---

א) אין ספר עמוד העבודה ווערט גיברענגט אז עס איז אמאל גיוועזין א חכם וואס דער מלך האט איהם ליעב גיהאט. און דער חכם איז גיווען ארום גיוועזין. האט צו איהם דער מלך גיזאגט פערלאנג פון מיר א מתנה וועל איך דיר געבין . האט צו איהם דער חכם גיזאגט . פאר וואס זאל איך פון דיר פערלאנגען איך בין מעהר עושר פון דיר. האט צו איהם דער מלך גיזאגט גיב מיר צו פערשטיין דיינע רייד . האט איהם דער חכם גיזאגט ווייל דאס ביסיל וואס איך האב טוט מיר מעהר גינוגען פון דיר וואס האסט פיעל : אזוי אויך איז אמאל גיוועזען א פילוסוף וואס איז תמיד גילעגען אין א פאסען גרויב און דאס גיזעהין אין די שטערין ווי זייא גייען . און האט תמיד אפ גיגעסין מיט טרוקין ברויט און וואסער . און האט נישט גיהאט קיין איינציג קלייד נאר א העמד וואס איז גיוועזין אום גישמירט מיט בוימעל וואס ער איז אין דעם גיגאנגען אן גיטאן . איין מאל איז איהם דער מלך גיגאנגען זעהין. און האט צו איהם גיזאגט אז ער זאל פון איהם עפיס פערלאנגין וועט ער איהם געבין . האט דער פילוסוף גיזאגט צו דעם מלך אז זיין פערלאנג איז אז ער זאל פון איהם אוועק גיין כדי ער זאל איהם נישט פערשטעלען די ליכט פון דער זון פון צו זעהין . האט איהם דער מלך גיוואלט געבין אזיידין העמדיל א מתנה פאר איין אנדענקין האט ער נישט גיוואלט נעהמין . ווייל ער האט נישט גיוואלט האבין אדאנה וויא ער זאל עס לייגין :

ב) עס איז בעקאנט דער מאמר החכם אז דאס גאלד האט אמאהל גיטענה'ט דאס אייזין איך בין דאך פיעל איידלער פון דיר און לסוף אז מען קלאפט מיך מיט דעם האמער מאך איך נישט א הויך קול . און דיך אז מען טוט אום קלאפין טוסט דו שרייען מיט א הויך קול . האט דאס אייזין גיענטפערט צו דעם גאלד דיך שלאגט א אנדערער אבער מיך טוט שלאגין מיין ברודער וואס איז אויך אייזען. שריי איך ווייל מיין ברודער שלאגט מיך מיט צארין :

עס

אנדויסער מענטש ווערין דער ווארנין מיט אקליינע פליג . און עס זאל בייא דיר נישט פיהל זיין טוענד ליב האבער : א)

**ואמר** . דאס בעסטו איז פון דעם וואס דו זאלסט טראכטען אויף דיין שונא . אז דו זאלסט איהם צוריק קערין דאס ער זאל דיך ליב האבין :

**ואמר עוד** . זאלסט נישט מגלה זיין צו דיין ליב האבער אויך וואס דו טוהסט פערבארגין פון דיין פיינד . ווען דיא האסט איהם נישט פיהל מאל גיפריוועט אז ער זאל צו דיר זיין איין אוהב נאמן . ווייל טאמער וועט ער צו דיר איבער גיקערט ווערין פאר אשונא און וועט דיין סוד מגלה זיין :

**איהר** זאלט נישט פיינד האבין אייער חבר אין אייער הארץ . ווען מען האט פאר אייך אויף איהם גיזאגט לשון הרע . נאר איהר אליין זאלט אייך מיט איהם אוים ווייזען און איהם איבער פרעגין :

**אמר החכם** . ווען דער מענטש וויל זיך נוקם זיין אין זיינע שונאים זאל ער אין זיך מעהרין אמעלה :

עוד

עס איז אויך איין משל צו דעם. אכלב איז גישטאנין ביי דעם בארטין פון דעם ים. האט ער גיזעהין אפיש שווימען אויף דעם וואסער. האט דער כלב אן גיהאפט דעם פיש ביי דעם ווידיל ער זאל איהם לעבעדיגער הייט איין שלינגען . האט דער פיש צו איהם גיזאגט וויא אזוי האסטו נישט רחמנות אויף אלעבידיג בעשעפעניש וואס השי"ת האט בעשאפין . און פאר גרוים שרעק וואס דער פיש האט זיך דערשראקין האט ער אן גיהויבין אוים צו ברעכין זיין עסין . און צווישען דעם עסין איז גיוועזין קליינע פישליך וואס ער האט איין גישלונגען . האט דער כלב צו איהם גיזאגט . ווי אזוי האסט דוא קיין בושה מיר מוסר צו זאגין אז דו האסט אפילו אויף דיין ברודער נישט גיהאט רחמנות :

א) אין ספר החנוך ווערט גיברענגט אז אפילוסוף האט גיפרעגט צו זיין זוהן . וויפיל ליעבהאבער האסטו גיקויפט בייא דיין לעבען . האט דער זוהן צו איהם גיזאגט איך האב גיקויפט ליעבהאבער ביז הונדערט . האט דער פאטער צו איהם גיזאגט . דיא פילוסופים זאגין. אז דו זאלסט נישט ליעב האבען. און זאלסט נישט לויבין דעם ליעבהאבער ביז דוא וועסט איהם האבין נעפרובט אז דו זאלסט וויסען דעם אמת אויב ער האט דיך ליעב . ווארין איך וואס בין גיבוירין פאר דיר . האב נישט געקויפט ביי מיין גאנין לעבען נאר איין האלבען ליעבהאבער . און ווי אזוי האסטו געקויפט הונדערט ליעבהאבער . אצינד גיי און טוה זייא פריווען . אויב דו וועסט צווישען זייא אלע גיפינען איין ליעבהאבער . אזוי האט זייא דער זוהן גיפריפט . איז צווישען זייא נישט גיוועזען אפילו איינער וואס איז בעשטאנין אין זיין פריווען . ביז דער זוהן איז צוריק געקומען צו זיין פאטער און האט גיזאגט אז עס האט דיך איהם גיטראפען אזוי וויא דער פילוסוף האט גיזאגט אז אין דער

צאהל

עוֹד אָמַר . דֶער רֵיוַח אִיז פוּן דֶעם עָנִי . (וָואס טוּהְט אַלְדִינְג סוֹבֵל זַיין אַז מֶענְטְשִׁין טוּהְן אִיהְם צוּ הֶעלְפִין . א) וָוארִין וַוייל עֶר הֶערְט זַיין שַׁאנְד אוּן שְׁוַוייגְט . אַזוֹי הָאבִּין דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס זַייא הֶערִין אִיהְם מְבַזֶה זַיין . אוֹיף אִיהְם רַחֲמָנוּת אוּן הֶעלְפֶען אִיהְם צוּ בַּייא זַיין מִשְׁפָּט :

עוֹד אָמַר . דֶעם וָואס עֶס טוּהְט אַרִים הִילֶען דָאס הֶעמְדִיל פוּן בּוּשָׁה . וֶוערִין פֶערְהוּילֶען זַיינֶע פֶעלֶער פוּן מֶענְטְשִׁין . אֲפִילוּ עֶס אִיז אִין אִיהְם דָא פֶעלֶער . וַוייל עֶר הַאלְט זִיךְ שָׁפָל רֵיידֶען נִישְׁט דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן זַיינֶע פֶעלֶער . נָאר מֶען דֶער צֵיילְט זַיינֶע מַעֲלוֹת :

עוֹד אָמַר . אִיךְ הֶער אַז מֶען זָאגְט מִיר אַשְׁלֶעכְטֶע זַאךְ אוּן שְׁוַויינ . הָאט מֶען אִיהְם גִיפְרֶעגְט פַאר וָואס . הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט צוּ זַייא . וַוייל אַז אִיךְ וָועל עֶנְטְפֶערִין דִיא וָואס זַייא זֶענִין מִיךְ מְבַזֶה . הָאבּ אִיךְ מוֹרָא אַז זַייא וֶועלִין מִיךְ פִיהְל מֶער מְבַזֶה זַיין :

עוֹד אָמַר . אַז וֶוען אִיךְ טוּה רֵיידִין אַזוֹי טוּהְט דָאס וָוארְט אִיבֶּער מִיר גִיוֶועלְטִיגֶען . וַוייל אַז אִיךְ רֵייד צוּ אַמֶענְשׁ אַזַא זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט גְלַייךְ . אַזוֹי טוּהְט דָאס וָוארְט אִיבֶּער מִיר גִיוֶועלְטִיגֶען . וַוייל אִיךְ בֶּעדַארְף פַאר אִיהְם צוּ זַיין אִינְטֶער טֶענִיג . אוּן פִין אִיהְם צוּ בֶּעטִין אַז עֶר זָאל

צָאהְל אִיז דָא פִיעֶל לִיעבְּהָאבֶּער אוּן וֶוען מֶען בֶּעדַארְף זַייא זֶענִין זַייא וֵוינִיג :

א) דֶער מֶענְשׁ זָאל אָפּ לֶערְנֶען דִיא מִדָה פוּן שִׁפְלוּת פוּן דֶער מִילְבּ . אַז דוּרְךְ אִיהְר שִׁפְלוּת אֲפִילוּ דֶער מֶענְשׁ טְרֶעט אוֹיף אִיהְר אוֹיף מִיט דֶעם פוּס קֶען עֶר זִיא נִישְׁט טֵייטִין וַוייל אִיהְר שִׁפְלוּת אִיז גוֹרֵם אַז דֶער פוּס פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אִין אִיהְר שׁוֹלֵט זַיין . אָבֶּער אַזַא זַאךְ וָואס אִיז אַגְבִיהִיל הוֹיךְ קֶען מֶען שׁוֹין אִין דֶער זַאךְ שׁוֹלֵט זַיין אוּן צוּ טְרֶעטִין . דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ זֶעהִין אַז דֶער מֶענְטְשׁ טוּט מִיט דֶעם וִוינְט פוּן זַיין מוֹיל וָואס אִיז אִין דֶעם קַיין מַמָשׁ . פֶערְלֶעשִׁין אַלֶעכְט אוּן קֶעהְרְט אִיבֶּער דִיא לֶעכְט צוּ פִינְצְטֶער . אוּן טוּט פֶערְמֵיידֶען דִיא לֶעכְט פוּן פִיעֶל מֶענְטְשִׁין וָואס זַיי בֶּעדִיגֶען זִיךְ מִיט דֶער לֶעכְט . פוּן דֶעם קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אָפּ לֶערְנֶען אַז מִיט שִׁפְלוּת קֶען מֶען אַיְערִי זַאךְ פוֹעֵל זַיין . שַׁבָּת מוּסָר :

אוֹיךְ קֶען מֶען זֶעהֶען אַז מִיט שִׁפְלוּת קוּיםְט מֶען זִיךְ לֶעבֶּען . אוּן וֶוען נִישְׁט אִיז לְהֵיפֶךְ . לָאזִין מִיר זֶעהִין אַז אַמֶלֶךְ פֶערְנֶעקְט אִין אַוַואסֶער אוּן גֵייט אִין גִיטָאן דִי בִּגְדֵי מַלְכוּת פִין זִילְבֶּער אוּן גָאלְד אוּן טַייֶערִי שְׁטַיינֶער . אוּן בְּאִם אַז עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטָאלְץ הַאלְטֶען דָאס עֶר וֶועט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַרָאפּ וַוארְפִין דִיא קְלֵיידֶער אַז עֶר זָאל בְּלַייבִּין וִויא אַפְּרָאסְטִי מֶענְשׁ נַאקִיט אָהְן פַּקְלֵייד . אַזוֹי וֶועלִין דִי קְלֵיידֶער אוֹיף אִיהְם וֶוערִין שְׁוֶוער אוּן וֶועט דֶערְטְרוּנְקֶען וֶוערִין . אוּן אַזוֹי בַּאלְד עֶר טוּט זִיךְ אָבֶּער אוֹיס נַאקִיט גְלַייךְ וִוי דִיא פְּרָאסְטִי גִימֵיינֶע מֶענְטְשִׁין . אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענִין שְׁווִימֶען אוּן גִירֶעטִיט וֶוערִין . זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דוּרְךְ שִׁפְלוּת קוּיםְט . מֶען זִיךְ לֶעבֶּען . אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט זִיךְ שָׁפָל פוּט

מעהרין

זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין . אוּן אַז אִיךְ רֵייד נִישְׁט אַזוֹי בִּין אִיךְ מוֹשֵׁל אִיבֶּער מַיינֶע רֵייד : א)

**שָׁאֲלוּ לְחָכָם** . מֶען הָאט גִיפְרֶעגְט צוּ אַחָכָם . וָועלִיכֶעס זֶענֶען דִיא גִיטֶע מִדוֹת . הָאט עֶר גִיזָאגְט דָאס לַיידֶען . אוּן וֶועלְכֶעס זֶענֶען דִיא שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת . הָאט עֶר גִיזָאגְט דִיא נְקָמָה . כְּלוֹמֶר דִיא גִיטֶע מִדָּה פוּן אַלֶע מִדוֹת זֶענֶען . אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז סוֹבֵל זַיין שָׁאדִין אוֹדֶער זַיין שַׁאנְד פוּן אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען אִיהְם מְבַזֶה . אוּן עֶר קֶען זִיךְ נוֹקֵם זַיין אוּן טוּהְט שְׁוַוייגֶען . אוּן דִיא שְׁלֶעכְטִי מִדָּה אִיז . אַז וַוען עֶר קֶען זִיךְ נוֹקֵם זַיין אוּן אִיז זִיךְ נוֹקֵם :

**אָמַר הֶחָכָם** . דָאס שְׁוַוייגִין צוּ דֶעם נַעֵר . אִיז זַיין תְּשׁוּבָה . כְּלוֹמֶר אַז וֶוען דֶער נַעַר טוּהְט זִיךְ קְרִיגֶען מִיט אַחָכָם . אוּן דֶער חָכָם טוּהְט שְׁוַוייגִין . אַזוֹי אִיז דָאס שְׁוַוייגִין צוּ דֶעם נַעַר אַגְרוֹיסֶע תְּשׁוּבָה . וַוייל דֶער נַעַר אִיז זִיךְ מְצַעֵר אוֹיף דֶעם שְׁוַוייגִין פוּן דֶעם חָכָם . מֶער וַויא אַז דֶער חָכָם זָאל אִיהְם אֶפּ עֶנְטְפֶערִין אוֹיף זַיינֶע רֵייד . אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַל תַּעַן כְּסִיל כְּאִוַּלְתּוֹ . דוּ זָאלְסְט נִישְׁט עֶנְטְפֶערִין דֶעם נַעַר אוּן זַיין נַארִישְׁקֵייט :

עוד

---

כֶעהְרִין דֶעם שָׁלוֹם . וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף קֵיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט . אוּן דֶערִיךְ דֶעם קוּמְט עֶר נִישְׁט צוּ קְרִיג מִיט קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ . שם :

א) דֶער מִדְרָשׁ בְּרֶענְגְט אַמַעֲשֶׂה דָאס ר' גַמְלִיאֵל הָאט גִימַאכְט אַסְעוּדָה אוּן הָאט גִיגֶעבִּין צוּ זַיין קְנֶעכְט עֶר זָאל קָאכִין צִינְגֶען . הָאט דֶער קְנֶעכְט אַטֵייל פוּן דִי צִינְגֶען גִיקָאכְט אַז זֵיי זָאלִין זַיין וַוייךְ . אוּן אַטֵייל פוּן זַייא הָאט עֶר גִימַאכְט הַארְט . צוּ עֶרְשְׁט הָאט עֶר פַאר זֵיי גִיגֶעבִּין דִיא וַוייכֶע צִינְגֶען . אוּן דֶער נָאךְ הָאט עֶר פַאר זֵיי גִיגֶעבִּין דִיא הַארְטֶע . הָאט ר' גַמְלִיאֵל גִירוּפֶען צוּ זַיין קְנֶעכְט אוּן הָאט אִיהְם גִיפְרֶעגְט פַאר וָואס עֶר הָאט אַזוֹי גִיטָאן . אַז עֶר זָאל אַטֵייל פוּן זַייא מַאכִין וַוייךְ אוּן אַטֵייל פוּן זַייא הַארְט . הָאט דֶער קְנֶעכְט גִיעֶנְטְפֶערְט . כְּדֵי זֵיי צוּ מַאכִין וִויסֶען . אַז אַלֶע זַאכֶען קוּמֶען פוּן דֶער צוּנְג . וֶוען דֶער מֶענְשׁ וִויל מַאכְט עֶר זִיא וַוייךְ אוֹדֶער הַארְט . כְּלוֹמֶר וֶוען עֶר וִויל טוּט עֶר רֵיידִין מִיט הַארְטִי רֵייד . אוּן וֶוען עֶר וִויל טוּט עֶר רֵיידִין מִיט וַוייכֶע רֵייד :

אַיךְ הָאט ר' גַמְלִיאֵל אַמָאל זַיין קְנֶעכְט גֶעשִׁיקְט קוֹיפֶען אַזַאךְ וָואס עֶס אִיז גוּט צוּם עֶסִין . הָאט אִיהְם זַיין קְנֶעכְט גִיבְּרֶענְגְט אַצוּנְג פוּן אַבְּהֵמָה . דָאס אַנְדֶערִי מָאל הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּם קְנֶעכְט גֵיי אוּן קוֹיף מִיר אַזַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט גוּט צוּם עֶסִין אִיז דֶער קְנֶעכְט גִיגַאנְגִין אוּן הָאט אִיהְם נָאךְ אַמָאל גִיבְּרֶענְגְט אַצוּנְג פוּן אַבְּהֵמָה . הָאט ר' גַמְלִיאֵל גִיזָאגְט צוּ אִיהְם זָאג מִיר דָאס פֵּירוּשׁ פוּן דֶעם . אִיךְ הָאבּ דִיר גִיזָאגְט אַז דוּ זָאלְסְט מִיר קוֹיפֶען אַגוּטֶע זַאךְ צוּם עֶסִין . הָאסְטוּ גִיקוֹיפְט אַצוּנְג פוּן אַבְּהֵמָה . אוּן אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גִיזָאגְט אַז דוּ זָאלְסְט קוֹיפֶען אַזַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט גוּט צוּם עֶסִין הָאסְטוּ אוֹיךְ גִיקוֹיפְט

אצונג

**עוד אמר** . דאס הארץ פון דיא נערים איז אויף זייער צינג . און דיא צינג פון דיא חכמים איז אין זייערי הערצער . כלומר דער נער זאגט וואס ער ווייסט . און דער חכם ווייסט וואס ער זאגט :

**שאלו להחכם אחד** . פאר וואס האסטו נישט ליב דעם ויין . האט דער חכם צו זיא געזאגט . וויל ער האט גיפעלשט אי מיין שליה״ת . איך האב איהם גישיקט אין דעם בויך און ער איז גיגאנגען צו דעם קאפ :

**אמר החכם** . דער מענטש וואס זאגט שקר איז גלייך צו אמת . וויל מענטשין הערין נישט צו זיינע רייד . וויל זיין סדר איז תמיד שקר צו זאגין איז זיין לעבין מיט זיין טויט גלייך . נאך האבין אינזערי חכמים גיזאגט . אז דאס איז דער עונש פון דעם וואס זאגט שקר . דאס ווען ער זאגט אפילו אמת טוהט מען איהם אויך נישט גלייבין :

**אמר החכם** . דאס אויג טוהט אריין ברענגין דאס קאמעהל אין אטאפ . און דעם מענטש צו דער קבורה . א) וויל איין עין הרע קען פיהל שאדין :

**אמר החכם** . ווער עס טוהט לויפען . דער ווערט גישטרויכעלט . דער וואס טוהט איילען . דער ווערט בעצווינגען . דער וואס טוהט פיהל טראכטין . דער ווערט גירעטעט :

**ואמר עוד** . זאלסט נישט איילען צו טאן דיא זאך וויי״ל מענטשין וועלין פרעגין וויא אזוי ער האט דיא זאך גימאכט . און וועלין נישט פרעגין און ווייסען טאג ער האט דיא זאך גימאכט . אזוי אויך זאלט איהר נישט ענטפערין קיין איינציגע זאך . הן במילי דעלמא . הן במילי דשמיא : נאר נאך דעם וואס מען טוהט גיט אויס הערין און גוט פערשטיין :

אמר

אינג . האט דער קנעכט צו איהם געזאגט ווייל אלע זאכען קומען פון דער צונג . ניט. אבער נישט גוט. אז דיא צונג איז גוט איז נישט פערהאנדען אבעסערי זאך פון איהר . און אז די צונג איז שלעכט איז נישט דא אזוי אזאך וואס זי זאל זיין מעהר שלעכט פון איהר . ער האט איהם גרמז גיוועזען אז החיים והמות ביד הלשון . דאס לעבען און דער טויט הענגט זיך אין דער צונג :

א) ואמר אז אלכסנדרוס המוקדון איז געקומען מיט זיין חיל צו איין אורט וואס דארט איז גיוועזין חיות וואס האבין גיקענט טייטין מיט דעם זעהין פון זייערי אויגין . אזוי האבען זיי גימאכט לויטערי שפיגלען און האבען די שפיגלען גישטעלט אקעגען דיא חיות . אזוי איז דאס זעהין פון די חיות . אויף זייא אליין צוריק גיקומען און דיא חיות זענין אויס גישטארבין :

אָמַר הֶחָכָם . וועֶר אִיז דֶער וָואס עֶס טוּהְט זִיךְ פוּן אִיהְם נִישְׁט אָפּ שֵׁיידִין דִיא דַאֲגָה . דֶער וָואס זִיכְט אוֹיף זִיךְ אַמַעְלָה וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן אִיהְם :

עוֹד אָמַר . ווֶען דִיא טוּהְסְט וָארְגִין אוֹיף עוֹלָם הַבָּא . זָאל הַשֵּׁי"ת מֶערִין דַיין וָארְג . אוּן אַז דַיין וָארְגִין אִיז אוֹיף עוֹלָם הַזֶה . זָאל הַשֵּׁי"ת מִינֶערִין דַיין וָארְג . כְּלוֹמַר עֶר זָאל גֶעבִּין אִין דַיין הַאַרְץ דָאס דוּ זָאלְסְט דִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דַיין טֵייל : א)

אָמַר הֶחָכָם. עֶס אִיז גְרִינְג צוּ דֶעם מֶענְשׁ אַז עֶר זָאל אִין זַיין חָבֵר גִיפִינֶען טוֹיזֶענְד פֶעלֶער . ווִיא עֶר זָאל אִין זִיךְ גֶעפִינִין אֵיין פֶעלֶער :

וְאָמַר עוֹד. דִיא זִינְד פוּן אִינְזֶער חָבֵר אִיז בַּייא אִינְז אוֹיס גִיקְרִיצְט מִיט אֵיין אַייזֶערְנֶע פֶעדֶער . אוּן זַיין חֶסֶד אִיז ווִיא אַשְׁרִיפְט וָואס אִיז אוֹיס גִיקְרִיצְט אוֹיף וַאנְט :

אָמַר הֶחָכָם. עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַמֶענְשׁ וָואס עֶס זָאל אִיהְם גֶענִיג זַיין דָאס טֵייל פוּן זַיין גֶעלְד. אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַמֶענְטְשׁ וָואס עֶס זָאל אִיהְם נִישְׁט גֶענִיג זַיין דִיא מָאס פוּן זַיין פֶערְשְׁטַאנְד :

אָמַר הֶחָכָם. דֶער וָואס דֶער כַּעַס אִיז בַּייא אִיהְם אִין דֶער מַחֲשָׁבָה ווֶעסְטוּ אוֹיף אִיהְם זֶעהְן דֶעם יִשׁוּב מִיט דֶעם שֵׁיינְקֵייט. אוּן דֶער וָואס דֶער כַּעַס אִיז בַּייא אִיהְם נִישְׁט אִין דֶער מַחֲשָׁבָה. אַזוֹי ווֶעסְטוּ אוֹיף אִיהְם זֶעהְן דָאס נַארִישְׁקֵייט :

עוֹד אָמַר. דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זַיין כַּעַס אוּן זַיין רוּגְז אִיז שְׁטַארְק . אִיז נִישְׁט ווַייט פוּן דִיא מְשׁוּגָעִים :

וְאָמַר עוֹד. דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז רָגִיל אִין כַּעַס . אִיז זַיין לֶעבִּין קֵיין לֶעבִּין . אוּן אִיז קֵיין מָאל נִישְׁט מִיט שִׂמְחָה. אִין ווַייל עֶר אִיז

נישט

א) אין סֵפֶר פּוֹרַת יוֹסֵף שְׁטֵייט גִישְׁרִיבֶּען דָאס אחכם האט גיפרעגט צו אמענש וואס האט תָּמִיד גִיטָאן נָאךְ יָאגִין דִיא ווֶעלְט. אויב ער האט עפּיס גיגרייכט פון דער וועלט. האט דער מענש געזאגט ניין . אזוי האט דער חכם גיזאגט . ווען אזוי . אז דאס וואס דו טוסט נאך יאגין האסטו נאך נישט גיטאן גרייכן . מכל שכן עולם הבא . וואס דו טוסט נישט נאך יאגין . דריבער איז איין עצה צו איעדין מענש וואס טוט נאך יאגין ענינים פון עולם הבא . אז ער זאל זיך מייאש זיין פון דער וועלט . אזוי וועט ער האבין דיא וועלט און יענע וועלט :

אין ספר משכיל אל דל ווערט גיברענגט בשם קדוש עליון מוהר"ר שמואל מבראד זצוק"ל. אז ער האט גיזאגט . דיא וועלט שרייט און וויינט זיא האבין נישט

מיט

נישט מיט שמחה. טוהט ער נישט אן נעמין וואס עס טרעפט זיך איהם מיט שמחה. אזו איז אויף זיך נישט מצדיק דעם דין. און קען נישט דינען צו השי"ת מיט שמחה:

**אמר החכם לבנו.** דער חכם האט גיזאגט צו זיין זוהן. זאלסט נישט מקנא זיין דיין ברידער אויף דעם וואס ער האט. ווייל איהם וועט זיס זיין אין זיין לעבן. און דיא וועסט דיך אן זעטין מיט דאגה און מיט צער:

**עוד אמר.** עס איז נישט בעשאפן גיווארין דער וואס איז דעם אנדערין מקנא. א) און דער וואס ער טוהט פון דעם אנדערין גליסטען נאר צו כעס:

**אמר החכם.** ווען דיא ווילסט או דיין חבר זאל דיך פיינד האבין. זאלסטו ביא איהם תמיד זיין. און ווען דיא ווילסט אז ער זאל דיך ליב האבין. זאלסטו ביא איהם נאר אמאל זיין:

**שאלו לחכם.** וואס עס הייסט ליב שאפט. האט ער גיזאגט אז ווען דיא הערצער ווערין צו זאמען גינייגט און ווערין צו זאמען בעהעפט:

**ואמר.** ווען צוויא מענטשין האבין זיך ליב איז פיר זיא דאס לעביל פון אנאדיל אויך נישט ענג. און ווען צוויא מענטשין האבין זיך פיינד. אזו איז פאר זיא דיא גאנצע וועלט אויך ווייניג:

**עוד אמר.** ווער עס טוהט צו דיר דער קענגערין זיין שלום. און פערמיד פון דיר זיין טובה. אזוי וועסטו ביא דער אויף גימאלינע צורה נעפינין זיין גלייכען:

עוד

מיט וואס צו לעבן. איך אבער שרייא און וויין. איך האב נישט מיט וואס צו שטארבן:

א) דער מענש זאל זיך ערווייטערין דאס ער זאל דעם אנדערין נישט מקנא זיין און זאל נישט זיין חברים גלוסטען. אמשל דער צו. עס ווערין אמאל צוזאמען גיגאנגין איינער וואס ער האט פון דעם אנדערין גיגליסט. און איינער וואס האט דעם אנדערין מקנא גיוועזין. האט אין זיא בעגעגענט אמלך. האט צו זיא דער מלך גיזאגט. איינער פון אייך זאל פון מיר פערלאנגען איין זאך אזוי וועל איך איהם געבין און צו זיין חבר וועל איך צוויי מאל אזוי פיעל געבין. האט דער וואס איז מקנא נישט גיוואלט ערשט פערלאנגין. ווייל ער האט מקנא גיוועזין אז מען וועט זיין חבר נעבין כפל. און דער וואס האט גיגליסט האט נישט גיוואלט צו ערשט פערלאנגין. ווייל ער האט גיוואלט כפל. האט דער וואס גליסט דוחק גיוועזין צו דעם וואס איז מקנא אז ער זאל צו ערשט פערלאנגין. אזוי האט דער וואס איז מקנא פערלאנגט אז מען זאל איהם אויס שטעכין איין אויג און צו זיין חבר צוויי:

עוד אמר. דאס עסין מיט דעם ליב האבער איז איין מרקחת. (אגיטע זאך וואס איז גיפרעגילט) און מיט דעם שונא אדער מיט דעם ביזי. (אקארגער) איז דאס אקרחת:

ואמר. דער וואס טוהט נישט ליידען פון זיין ליעב־האבער איין גרינגע זינד. איז גרינג אז ער זאל צוריק ווערין זיין שונא:

אמר החכם. דער געטרייער ליעבהאבער איז דער. וואס איז צו דיר באוויליגט מיט זיין געלד אין דער צייט פון דיין באגער. און מיט זיין נפש אין דער צייט פון דיין צרה: א)

עוד אמר. זאלסט דיך נישט מיהן באהעפטען נאר צו אמענש וואס ער קאן זיין מעלה. דערמיט איז צו דיר גיט מיט זיין פריינדשאפט:

עוד אמר. ווען דו ווילסט וויסען ווער עס האט דיך ליעב אדער פיינד. זעה וואס איז אין דיין הארץ. היינו אזוי וויא דו האסט איהם ליעב אזוי האט ער דיך ליעב:

ואמר

א) אין ספר הברית ווערט גיברענגט אמעשה וואס עס האט זיך גיטראפען אין דער שטאט סיראקוס. אין דער שטאט זענין גיוועזען צוויי חברים וואס האבען זיך שטארק ליעב גיהאט. דער נאמין פון איינעם איז גיוועזען (דאמאן) און פון דעם אנדערין (פיטיאס). דאס (דאמאן) פערשולדיגט זיין קאפ צום מלכות. האט מען איהם איין גיזעצט אין דער תפיסה ביז מען וועט איהם טייטען. האט ער גיבעטין פון דעם מלך וואס ער איז גיוועזען אגרויסער אכזר דאס ער זאל איהם לאזען לביתו פאהרין פאר זיין טויט כדי ער זאל נאך זעהין זיינע חשבונות ווער עס איז איהם שולדיג און צו וועלכין ער איז חייב. כדי ער זאל באפעהלען זיין ווייב און זיינע קינדער וויא זיי זאלען זיך נוהג זיין. האט מען איהם גיברענגט אתשובה מיט דעם באפעהל פון דעם מלך דאס ער זאל געבין אמשכון ביז ער וועט קומען. נאר דאס משכון זאל אויך זיין אמענש. און אזוי באלד ער וועט נישט קומען זאל מען דעם אנדערין הרגינין:

איז געקומען זיין חבר פיטיאס. און איז פאר איהם גיגאנגען אין דער תפיסה פאר משכון. און דאמאן איז גיפאהרין אין זיין שטאט צו מאכען זיינע חשבונות. און ער האט באלד צוריק גיקערט צו דער שטאט פון דער מלוכה. און איז געקומען צו דעם הויז פון דיר תפיסה האט ער זיין חבר נישט גיטראפען. האט ער גיפרעגט אויף זיין חבר. האט מען איהם גיזאגט דאס עס איז אקליינע צייט וואס מען האט איהם גינומען צום הרגינין. איז ער תיכף גילאפען און האט גירופען מיט אהויך קול דאס מען זאל ווארטין ווייל ער איז דא. און ווי ער האט דערזעהין זיין חבר פיטיאס איז ער אויף איהם גיפאלען און האט איהם גיקושט און האט זיך גיפרייט. און פיטיאס האט גיוויינט אויף דעם וואס זיין געליבטער איז געקומען און האט גיזאגט הלואי וואלט איך גיגעבין מיין טויט פאר דיר. איז גיוועזען ארעש אין דער גאנצי שטאט איבער זיי. און אויף דיעזער ווינדערליכע ליבשאפט.

**ואמר.** דער וואס ווארפט אויף דיר דיין טרחה. און טוהט פון דיר פארמיידען דיין טובה. זאלסטו נישט גלייבן אין דיין ליעבשאפט:

**שאלו לחכם.** וואס איז צו דעם וואס ער האט זיך פון דיר געטוהן מרחק זיין. האט דער חכם געזאגט עס איז ביא מיר גליך דאס וואס ער איז פון מיר ערוויטערט מיט דעם וואס ער זאל זיין צו מיר נאהנט. האט מען צו אידם געזאגט ער טוהט דיך האסען אז ער זאל דיר שאדען. האט דער חכם געזאגט. דער וואס רעכינט אז ער זאל מיר קענין שאדען. דער זאל זיך בעסער העלפין ווען ער קען:

**אמר החכם.** דר חכם טוהט קענין דעם נאר. וויל ער איז געוועזן אין זיין יוגענד אנאר. און דער נאר קען נישט דעם חכם. ווייל ער איז קיין מאהל נישט געוועזן אחכם:

**אמר החכם:** דאס מבקר חולה זיין פון דעם שווערין מענטש (אזוי איינער וואס האט ליעב ביא דעם אנדערין פיהל צו זיטצען. איז שווער אויף דעם קראנקען מעהר וויא זיינע ווינד:

**ואמרו.** דאס איז דער סדר פון דיא שווער מענטשין וואס איעדער טוהט וויא פיינד האבען. דער שווערדער מענטש קומט אין סוד פון אנדערי מענטשין אהן זייער ווילען. ער טוהט זיך פאר וויא פרייען אין דר צייט פון זייער טרויער א) און ער זעצט זיך ביא איין טיש וואס ער איז נישט צו אידם גערופען. און טוהט צעריגין ביא איין קריג וואס גיהער נישט צו אידם. און זעצט זיך אויף אזא ארט וואס איז נישט שיין פר אידם.

ער

ביז דאס קול איז געקומען צום מלך. האט דער מלך געזאגט דאס מען זאל אידם אויך נאך לאזען. וויל ווי אזוי קען איך אידם הרגינין אז זיי זענין אזוי צו זאמען געקניפט מיט ליעבשאפט. דער אנדערער קען אויך שטארבען וואס ער איז נאר נישט שולדיג:

א) עס שטייט אין ספרים אז איין איש כבד איז געקומען צו אקראנקען צווישען אנדערי מענשין. האט דער שווערדער מענש געפרעגט צו דעם חולה וואס זיין קרענק איז האט דער קראנקער געזאגט אזוי. און אזוי. איז מיין קרענק. האט דער אדם הכבד געזאגט פון דער קרענק איז מיין פאטער געשטארבין. האט עס דעם קראנקען זייער פערדראסין. און אלע מענטשין וואס ארום אידם זענין פערשעמט געווארין. האט דער אדם הכבד געזאגט. עס זאל דיך נישט פערדריסען וואס איך האב צו דיר גירעדט איך וועל בעטין נאט ווען ער דיר העלפין. האבין צו אידם די מענשין געזאגט. זאלסט אויך מעריין און דיין תפלה אז מען זאל שוין מער נישט זעהן אזוי איין שווערין מענש. כדי מיר זאלין נישט אלע ווערין פערלוירין:

ער גיט איין עצה צו אזוי איינעם וואס ער פרעגט נישט זיין עצה. ער טוהט פיהל פרעגין און פיהל ריידין. און דעם סוד פון אנדערי איז ער מגלה:

**אמר החכם.** זאלכט זיין אפ געהיט פון צו פערדרין דם מבקר זיין. כלומר זאלסט נישט אלע מאהל גיין צו דיין חבר. און זאלסט זיין געווארינט מקצר צו זיין. ווייל אז ווען דער רעגין טוהט שטענדיג גיין. טוהט מען איהם פארשעמין. און ווען ער ווערט אויפגעהאלטען טוהט מען אייף איהם בעטין:

**אמר חכם לבנו.** זאלסט נישט איבערבייטען איין אלטען חבר צו איין נייען חבר ווען ער איז נאך מיט דיר גוט:

**ואמר עוד.** דאס גיזעלינשאפט מיט דעם מוטהווילינגען איז אנרויגע מציאה און דאס גיזעלינשאפט מיט דעם נידערטרעכטיגען איז חרטה:

**ואמר עוד.** דער חבר וואס ער זאגט דיר דיין פעהלער צווישען זיך און צווישען דיר אין איינער צייט וואס ער טוט דיך בעגעגינען. א) איז צו דיר בעסער פון א חבר וואס ער זאל דיר געבין א גילדען רענדיל:

**ואמר עוד.** דיא שטראף פון מענשין טוט נישט העלפין צו אזוי איין מענש וואס דער שכל אליין טוט איהם נישט שטראפין:

**אמר החכם.** ווען דו ווילסט זעהן דעם צייכין פון פערשעמעריין. אזוי ווייסט עס אפ טוהן דאס ערנייטעריין. און מען זאל ליעב האבין

דאס

---

א) אין ספר שם הגדולים להגאון מו"ה חיד"א ווערט גיברענגט אז הגאון מהרש"ל ווען ער איז גיזעסין אויף דער כסא פון הוראה און איז גיוועזין רב און אב בית דין. האט ער גיהייסען צו א מוכיח אז ער זאל צו איהם קומען אין איעדין טאג איין שעה און זאל איהם שטראפין און מזהיר זיין גלייך ער וואלט גיוועזין אייער פון דיא פראסטע מענשין. ווייל אזוי איז זיין רצון. און ער גיט צו איהם רשות אז ער זאל אזוי טהון. און דער צייט וואס דער מוכיח איז געקומען האט זיך תיכף דער מהרש"ל איינגעהילט און גיזעסין צו הערין דיא שטראף פון מוסר. מיט פארכט און מיט ציטערניש פאר השי"ת:

אויך געפינען מיר אין ספר בית אברהם דאס דער בעל עבודה הגרשוני האט ביא זיך גיהאלטען אלמן אין איינא שמים און האט איהם גיגעבין שכר. כדי אז ווען ער זעהט פון איהם זעהן אזאך וואס איז נישט גלייך זאל ער איהם מודיע זיין:

אזוי אויך ווערט גיברענגט אין ספר באר משה אז הרב הקדוש מוהר"ר נחמן מקאסיב זצ"ל האט גיגעבין איעדי וואך שכר צו א מענטש אז ווען ער ווערט איהם זעהן רעדין מיט מענשין פראסטי זאכען זאל ער איהם דער מאנין אז השי"ת שטייט ביא איהם און זעהט אין זיינע מעשים:

דָאס מְקָרֵב זַיין. אוּן מֶען זָאל נִישְׁט מַדְחֶה זַיין דֶעם וָואס עֶר קוּמְט זִיךְ פֶּערְעֶנְפֶּערִין. וַוייל עֶר וִויל אַז דוּ זָאלְסְט דִיךְ צוּ אִיהְם מְקָרֵב זַיין:

**וְאָמַר עוֹד.** זָאלְסְט נִישְׁט רֶעבִּינִין קֵיין וִוינְד צוּ דֶעם וָואס עֶר קוּמְט זִיךְ פַאר דִיר פַארְעֶנְפֶּערִין. אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת. אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז שֶׁקֶר: א)

**שָׁאֲלוּ לְחָכָם.** וֶועלְכֶעס אִיז מֶעהְר אַשְׁלֶעכְטִי קְרֶענְק. הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַשְׁלֶעכְטֶער שָׁכֵן. וֶוען דוּ וֶועסְט דִיךְ צוּ אִיהְם בַּאהֶעפְטָן. וֶועט עֶר דִיךְ טוּהְן עֶרְשְׁרֶעקִין. אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט דִיךְ פוּן אִיהְם עֶרְוַוייטֶערִין. וֶועט עֶר פוּן דִיר רֵיידֶען. אוּן וֶועט דֶערְצֵיילֶען אִין דַיין שַׁאנְד:

**אָמַר הֶחָכָם.** דֶער וָואס גֵייט אוֹיף אֵיין אָרְט וָואס עֶס אִיז דָא מֶענְטְשִׁין. אוּן טוּהְט זִיךְ זֶעצִין אָהְן זַייעֶר רְשׁוּת. אַזוֹי וֶוערְט עֶר גִימָאס בִּיז עֶר טוּהְט אוֹיף שְׁטֵיין:

**וְאָמַר עוֹד.** זָאלְסְט אַוֶועק שְׁטוֹיסֶען דֶעם אָדָם הַכָּבֵד (דֶער וָואס הָאט לִיעֶב צוּ פִיהְל בַּייא יָענִים צוּ זִיטְצֶען) מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט אִיהְם וַוייניג אוֹיסְהֶערִין:

**וְאָמַר עוֹד.** דֶער וָואס טוּהְט פִיהְל רֵיידֶען. אַזוֹי פֶערַאכְטֶען מֶענְטְשִׁין זַיינֶע רֵייד:

צוה

א) אִין אָבוֹת דְרַבִּי נָתָן וֶועט גִיבְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פֶּרֶק והוי דן את כל האדם לכף זכות. דָאס מֶען דַארְף יֶעדִין מֶענְטְשׁ דַן זַיין לְכַף זְכוּת. עֶס הָאט זִיךְ אַמַעֲשֶׂה גִיטְרָאפִין בַּייא אֵיינִים עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט זַיין זִיהְן צוּ זַיין חָבֵר דָאס עֶר זָאל אִיהְם לַייעֶן אֵיין מָאס וַוויין. אִין עֶר הָאט דֶערְמִילְט נֶעמָאסְפִּין וַוויין. הָאט עֶר אִיהְם גִיזָאגְט אִיךְ הָאב נִישְׁט. אִיז דֶער זִיהְן גִיקִימֶען אוּן הָאט דָאס דֶער צֵיילְט זַיין פָאטֶער. הָאט דֶער פָאטֶער גִיזָאגְט צוּ זַיין זִיהְן אֶפְשַׁר אִיז דֶער וַוויין פוּן מַעֲשֵׂר. הָאט דֶער פָאטֶער נָאךְ אַמָאל גִיזָאגְט צוּ זַיין זִיהְן גֵייא אִין זָאג אִיהְם מַיין פָאטֶער הָאט גִיבֶּעטִין אַז דוּ זָאלְסְט אִיהְם לַייעֶן הִינְדֶערְט גָאלְדֶען. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אִיהְם גִיטְרָאפִין צֵיילֶען גֶעלְד. הָאט עֶר צוּ אִיהְם גִיזָאגְט אִיךְ הָאב נִישְׁט. אִיז דֶער זִיהְן גִיקִימֶען אוּן הָאט דָאס דֶער צֵיילְט זַיין פָאטֶער. הָאט דֶער פָאטֶער גִיזָאגְט צוּ זַיין זִיהְן אֶפְשַׁר אִיז דָאס גֶעלְד בַּייא אִיהְם אֵיין פִּקָדוֹן. מֶען הָאט דָאס גֶעלְד אִיהְם גִיגֶעבִּין צוּ בֶּעהַאלְטֶען. וִויא זֵייא זֶענִין גִיגַאנְגִין אוֹיף דֶער גַאס. הָאבִין זֵייא זִיךְ צוּ זַאמֶען גִיטְרָאפֶען. הָאט זַיין חָבֵר צוּ אִיהְם גִיזָאגְט. וֶוען דַיין זִיהְן אִיז צוּ מִיר גִיקִימֶען אוּן הָאט מִיךְ גִיטְרָאפֶען מֶעסְטֶען וַוויין אִין אִיךְ הָאב דִיר נִישְׁט גִיגֶעבִּין. מִיט וָואס הָאסְט דִיא מִיךְ חוֹשֵׁד גִיוֶועזֶען. הָאט עֶר צוּ אִיהְם גִיזָאגְט. אִיךְ הָאב בַּייא מִיר גִיטְרַאכְט אֶפְשַׁר זֶענִין זֵייא פוּן מַעֲשֵׂר. הָאט עֶר אִיהְם וַוייטֶער גִיפְרֶעגְט מִיט וָואס הָאסְט דִיא מִיךְ חוֹשֵׁד גִיוֶועזֶען וֶוען דַיין זִיהְן הָאט מִיךְ גִיטְרָאפִין גֶעלְד

צײלען

**צוה החכם לבנו.** דער חכם האט באפוילען צו זיין זוהן. דו זאלסט ניכט זיטצען מיט דיא כבדים. וואהרין איך האב געפינען אין ספר רפואות. אז דאס זיטצען פון דעם שווערין מענטש איז אקדחת רביעית:

**ואמר עוד.** דער וואס מאכט זיך אויף דיר שוועהר און איז דיך מטריח מיט זיינע שאלות. זאלסטו מאכען דיינע אויערין צו איהם אז זיי זענין טויב. און דיינע אויגען אז זייא זענין בלינד:

**ואמר עוד.** דו זאלסט ניכט זיטצען מיט דעם אדם הכבד. ווייל זיין זיטצען טוהט ברענגין זארג:

**אמר החכם.** ווען דו וועסט זיטצען מיט דיא חכמים. זאל מעהר זיין דיין רצון אז דו זאלסט אויסהערין:

**ואמר עוד.** אז דער מוסר איז דאס ערשטי פון דעם שכל. און דאס שווייגען איז דער כלל פון דער חכמה:

**ואמר עוד.** אז ווען איהר וועט זעהן אזוי איינעם וואס ער זאגט מוסר. זאלט איהר ניכט פרעגין אויף זיינע עלטערין און אויף זיין יוחס. ווייל דער מוסר איז דער גרעססטער יוחס. וואהרין ווען עס איז ניכט דא קיין מוסר אזוי איז ניכט דא קיין יוחס: א)

**שאלו לחכם.** מען האט גיפרעגט צו איין חכם. ווער עס איז גרעסער. דיא חכמים. אודער דיא עשירים. האט דער חכם גיזאגט אז דיא חכמים זענין גרעסער. האט מען צו איהם גיזאגט. ווען אזוי פאר וואס טוהט מען זעהן דיא חכמים בייא דיא טויערין פון די עשירים מעהר

וויא

---

ציילען. האט ער צו איהם גיזאגט. איך האב גיטראכט אפשר איז דאס געלד בייא דיר איין פקדון. האט זיין חבר צו איהם גיזאגט איך שווער אז עס איז אזוי גיוועזען אזוי וויא דו זאגסט. און אויף דיר איז גיזאגט געוואהרין והוי דן את כל האדם לכף זכות. און אזוי ווי דו האסט מיך דן גיוועזען לכף זכות אזוי זאל דיך השי"ת אויך דן זיין לכף זכות:

א) אין ספר שלשלת הקבלה ווערט גיבראכט צווייא מענשין האבין זיך צו זאמען גיקריגט האט איינער גיזאגט צו דעם אנדערין אז ער זאל שווייגען ווייל ער איז פון אניסייגע משפחה. אזוי האט איהם דער אנדערער גיענטפערט שוריג דיא. ווייל דיא ביזט שוין דער סוף פון דיין משפחה און איך קען זיין דער אן הייב פון מיין משפחה. כלומר וואס קוקט דער אוים ווען איינער איז אמיוחס ווען ער פיהרט זיך ניכט אזוי וויא זיינע עלטערין האבין זיך געפיהרט:

ווִיא דִי עֲשִׁירִים בַּייא דִי טוּיעֲרִין פוּן דִי חֲכָמִים. הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט. ווַייל דִיא חֲכָמִים קֶענִין דִיא מַעֲלָה פוּן דֶעם עוֹשֶׁר. אוּן דִיא עֲשִׁירִים קֶענִין נִישְׁט דִיא מַעֲלָה פוּן דֶער חָכְמָה. ווָארִין ווֶען דִיא עֲשִׁירִים ווָאלֶען קֶענִין דִי מַעֲלָה פוּן דֶער חָכְמָה. אַזוֹי ווָאלְטֶען דִי עֲשִׁירִים בְּוַדַאי אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנִין צוּ דִי טוּיעֶרִין פוּן דִי חֲכָמִים:

אָמַר הֶחָכָם. אַחָכָם הָאט גִיזָאגְט צוּ אֵיין נַאר. ווָאס עֶר הָט אוֹיף אִיהְם גֶעקְרִיגְט אִין אַ גִיוֶועגְד דַיינֶע רֵייד. עֶר הָט גִיזָאגְט אַז זֵיי זֶענִין גָאר נִישְׁט ווֶערְט. הָאט דֶער חָכָם צוּ אִיהְם גִיזָאגְט. ווֶען דוּ ווָאלְסְט ווִיסֶען ווָאס אִיךְ זָאג. אַזוֹי ווָאלְסְטוּ מִיךְ נִישְׁט מְבַזֶה גִיוֶועזֶען. אָדֶער ווֶען אִיךְ ווָאל נִישְׁט קֶענִין ווָאס דִי זָאגְסְט. ווָאלְט אִיךְ דִיךְ בֶּעשׁוּלְדִיגְט. נָאר דִי ווייסְט נִישְׁט ווָאס אִיךְ הָאבּ גִירֶעדְט. דוּרְךְ דֶעם הָאסְט דוּ מִיךְ גִיטָאן בַּאשׁוּלְדִיגֶען. אוּן אִיךְ קֶען דַיין נַארִישְׁקֵייט. בִּין אִיךְ דִיךְ דָן לְזְכוּת:

עוֹד אָמַר. דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם נַאר אִיז. אִין דֶער צַייט ווֶען עֶר וִוינְדִיגְט. דָם עֶר טוּהְט מֶענְטְשִׁין בֶּעשׁוּלְדִיגֶען. א) עֶר זָאגְט דָם אַנְדֶערִי הָאבֶּען עֶס אִיהְם גוֹרֵם גִיוֶועזֶען. אוּן דֶר סֵדֶר פוּן דֶעם ווָס עֶר פֶערְלַאנְגְט מוּסָר. אַז עֶר טוּהְט זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגֶען. אוּן דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם חָכָם הֶחָסִיד. אַז עֶר טוּהְט נִישְׁט זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגֶען. אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אַנְדֶערִי מֶענְטְשִׁין. ווַייל קֵיין זִינְד קוּמְט דוּרְךְ זַיין הַאנְד:

וְאָמַר. דִיא ווָאלְסְט דִיךְ נִישְׁט שֶׁעמִין אַז דִיא ווָאלְסְט צוּ נֶעמִין דֶעם אֱמֶת פוּן דֶעם ווָאס עֶר זָאגְט דִיר. ווֶען אֲפִילוּ עֶס זָאגְט דִיר אַיין נִידְרִיגֶער מֶענְטְשׁ:

אָמַר הֶחָכָם. אִיהְר זָאלְט אַייךְ עֶרְבַּארִימֶען אוֹיף אֵיין בַּאעֶהְרְטֶען מֶענְטְשׁ ווָאס אִיז גֶעוָוארִין גְרִינְג גִישֶׁעצְט. אִין אוֹיף אֵיין עוֹשֶׁר ווָס אִיז גֶעווָארִין אָרֶעם. אוּן אוֹיף אַ חָכָם ווָאס אַ נַאר אִיז אוֹיף אִיהְם גִיפַאלֶען:

שאלו

---

א) אִין סֵפֶר עַמּוּד הָעֲבוֹדָה ווֶעט גִיבְּרֶענְגְט דָס פֵּירוּשׁ פוּן דֶעם פָּסוּק. בַּדֶרֶךְ שֶׁהַסָּכָל הוֹלֵךְ אוֹמֵר לַכֹּל סָכָל הוּא. אִין דֶעם ווֶעג ווָאס דֶער נַאר גַייט. טוּהְט עֶר אַיְידִין זָאגִין אַז עֶר אִיז אַנַארְ אִין דֶרֶךְ מָשָׁל. דְרַייא מֶענְטְשִׁין זֶענִין גִיגַאנְגֶען אִין אֵיין ווֶעג. אֵיינֶער אִיז גִיוֶועזִין אַגַנָב. אוּן אֵיינֶער אַרוֹצֵחַ. אוּן אֵיינֶער אִיז גִיוֶועזֶען אַנַאר אוּן אַגְרוֹיסֶער שׁוֹטֶה. אַזוֹי הָאבִּין זֵייא אוֹיךְ זִיךְ מְקַבֵּל גִיוֶועזֶען מִיט אַשְׁבוּעָה. אַז אֵיינֶער זָאל נִישְׁט מְגַלֶה זַיין דֶעם פֶעלֶער פוּן זַיין חָבֵר. ווִיא זֵייא זֶענִין גִיקִימֶען אִין אַשְׁטָאט. הָאבִּין דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן דֶער שְׁטָאט גִילַאכְט אוּן גִישְׁפֶּעט אִיבֶּער דֶעם נַאר. הָאט דֶעם נַאר פַאר דְרָאסֶען אִיבֶּער זַיינֶע חֲבֵרִים אוּן הָאט צוּ זֵייא גִיזָאגְט. אִיהְר הָאט אוֹיס גִיזָאגְט אַז אִיךְ בִּין אַנַאר. אוּן

איהר

**שאלו לחכם.** מען האט גיפרעגט צו א חכם. וויא אזוי איז שיין אז איין אלטער זאל ערשט לערנין. **ואמר.** דאס דער חכם גיזאגט. ווען דאס נארישקייט איז פאר איהם איין שאנד. אזוי איז דאס לערנין פאר איהם שיין:

**אמר החכם.** דער מענטש הייסט אזוי לאנג א חכם. ווען ער וויל נאך לערנין חכמה. אזוי וויא ער מיינט אבער אז ער איז שוין גיקומען ביז צו דעם תכלית פון דר חכמה. אזוי איז ער שוין א נאר:

**עוד אמר.** דער חכם וואס ער טוהט נישט וויא זיין חכמה. אזוי פאלט זיין שטראף אויף דיא הערצער פון דיא מענטשין אזוי וויא דער רעגין פאלט אויף דיא שטיינער. כלומר דער וואס ער ווייסט דעם גיטען וועג און גייט נישט און איהם. און טוהט אזעלכע זאכען וואס זענין נישט שיין. אזוי ווען ער קומט שטראפען אנדערי מענטשין. ווערט זיין שטראף נישט אן גענומען. נאר עס איז אויף די הערצער פון די מענטשין. אזוי וויא דער רעגין זאל גיין אויף שטיינער. וואס עס מאכט דאך נישט וואקסען. אזוי אויך טוהט זיין שטראף גאר נישט פועל זיין:

**ואמר.** דאס איז נישט דיא גוטע מדה אז דו זאלסט דיך באריהמען אז דו טוהסט קיינעם נישט שאדען. נאר דאס איז דיא גוטע מדה. אז מע טוהט ליידען דעם שאדען וואס אנדערי טוהן איהם און ער קען זיך נוקם זיין און טוהט שווייגען:

**ואמר.** דיא זאלסט מוחל זיין צו דעם וואס דאט דיר שלעכטעס גיטאן. און זאלסט געבין צו אזוי איינעם וואס האט פארמיטען פון דיר.

**ואמר.** ווען דו וועסט דיך נוקם זיין זאלסטו דיך זארגען. און אז דו וועסט מוחל זיין זאלסטו דיך פרייען:

**עוד אמר.** זאלסט מוחל זיין צו דעם וואס ער האט צו דיר געזינדיגט א) כדי מען זאל נישט זאגען. אז דעם ווען דו ביזט דיך אין איהם נישט נוקם. איז ווייל דו קענסט נישט:

ואמר

---

איהר האט נישט גיהאלטין אייער שבועה. אזוי וועל איך אויך נישט האלטין מיין שבועה און וועל אוים זאגין אייער פעלער. האבין דיא חבירים צו איהם גיזאגט. מיר האבין נישט אוים גיזאגט דיין פעלער נאר דיין נער טוהט אידער ארוים זעהן. אין דיין מויל אליין טוהט אויף דיר עדות זאגין אז דיא ביסט א נער:

א) איינער האט מכה גיוועזין א חכם. האט צו איהם דער חכם גיזאגט. זאלסט נישט מערין אינז צו שענדין. כלומר זאלסט נישט זאגין אלדינג וואס איז אין דיין הארץ.

און

**וְאָמַר.** ווען דיין חבר איז מודה אז ער האט צו דיר געזינדיגט. זאל זיין די טענה אין דיינע אויגען. גלייך ער וואלט גיבעטין אז דו וואלסט איהם מוחל זיין:

**וְאָמַר.** זייא מודה אין דיינע זינד. און וואלסט בעטין אז מען זאל דיר מוחל זיין. ווייל ווען מען טוהט לייקענין דיא זינד. איז צוויי זינד:

**אָמַר הֶחָכָם.** דיא דאגה אויף אזאך. וואס איז נאך נישט גיוועזין. איז אשלעכטי קרענק. כלומר וואלסט נישט זארגען די דאגה פון מארגען א) ווארין דו קענסט נישט וויסען וואס דעם טאג וועט געבוירין ווערין:

**וְאָמַר.** דם טרינקען פון סם המות איז בעסער פון דר דאגה. **ואמר.** כפי הלבבות יהי׳ הנגון. דיא טרויער טוהט זיין אזוי וויא די הערצער זענין. ווען איינער האט אשטארק הארץ טוהט ער זיך שטארקען אקעגין דיא צרות וואס קומען אויף איהם:

**אָמַר הֶחָכָם.** עס איז בעסער צו ליידען פון א גאנצען נאר. וויא פון אהאלבען נאר. כלומר עס איז בעסער צו ליידען און זיך צו באהעפטין צו איינעם וואס איז א שוטה גמור. וואס ער איז ביא זיך אין דיא אויגען אויך א שוטה. ווייל ער הערט א מאהל צו איין עצה. ווי פון דעם וואס איז א האלבער שוטה און רעד זיך איין אז ער איז א חכם און וויל נישט אום הערין קיין שום עצה:

**עוֹד אָמַר.** דאס דרייא זאכען זענין דא וואס עס מאכט דאס ליעבשאפט פון דיין ליעבהאבער לויטער. זאלסט איהם פערערין אין שלום

---

און זאלסט איבער לאזין צו דעם שלום איין אורט. ווייל אז די וועסט אוים זאגין אלע פעלער וואס די ווייסט אויף אונז. אזוי וועט שוין נישט זיין צו אונזער הארץ איין אורט. אז מען זאל מיט דיר אמאל שלום מאכין:

א) דער מענטש וואס איז מקנא און לויפט נאך תאות. זאל רעכינין און זיין הארץ. אזוי וויא עס איז נישט מעגליך אז אפליג זאל צו זאמען אקערין מיט איין אוקס. און אז אפליג זאל קענינען איבער מענטשין. אין אז אמילפ זאל מלחמה האלטין מיט אלייב. און אזוי וויא עס איז נישט מעגליך אז איין עליפאנט זאל קענין דארך ניין אקעפיל פון אנאדיל. אין אז אמענטש און אקאפ זאל האבין שכל. אזוי איז נישט מעגליך אז דער מענטש זאל קענין גרייכען אזוי איין זאך וואס עס איז נישט דער רצון פון השי״ת. און ווען דיא זאך איז אזוי. פאר וואס זאל זיך דער מענטש בעמיהען. און פערברענגין זיין צייט בחנם. נאך צו זאגין אז ער זאל גרייכען אזוי אזאך וואס עס איז אויף איהם נישט נגזר

שלום ווען דו וועסט איהם בעגעגנען. און ווען דו וועסט זיטצען צווישען מענטשין אזוי זאלסטו איהם ברייט מאכען דעם זיטץ. אז דו זאלסט איהם וועצין געבען דיר. און זאלסט איהם רופען מיט דעם געליעבסטען צו נאמען פון צווישען זיינע נעמען:

**זאמר.** ביין הארץ זאל דיר נישט איינרעדין אז דו זאלסט שטאלץ זיין ווייל דער מלך האט דיך ליעב. ווייל זיין ליעבשאפט איז וויא איין שאטען וואס גייט אוועק. און אז דיא שרים פון דעם מלך האבען דיך ליעב. אזוי בעדארפסט דו נישט פחד צו האבען פאר דעם מלך:

**אמר החכם.** ווער עס לאזט נאך פון צו זעהן דאס פנים פון זיין ליעבהאבער. דער טוהט רויבען זיין לעבין. ווייל ער מאכט פעהלען אז זיין חבר זאל מיט איהם נישט ניטץ טוהן ווען ער זעהט איהם:

**זאמר.** דער וואס גייט צו אזוי איינעם וואס ער איז אויף איהם שווער. היינו ער גייט צו אזוי איינעם וואס ער האט איהם נישט ליעב. דער טוהט בעגעגנען פיהל שאנד. כלומר זאלסט נישט גיין צו איינעם וואס הט דיך נישט ליעב:

**אמר החכם.** ווער עס טוהט ליידען דאס געוועלשאפט פון דעם שקרן. דער איז ארגער פון איהם:

**עוד אמר.** זאלסט גידענקין אז מיט איעדין גיטען איז דא איין אפ קעהרינג. כלומר דו זאלסט נישט שטאלץ זיין ווען דו זעהסט אז עס גייט דיר גוט. ווייל אפשר וועט עס מארגען פון דיר אפ קעהרין. און ביא איעדער צרה זאל זיין דיין האפנונג צו גאט אז ער וועט דיא צרה פון דיר אפ טוהן. א) און מיט דעם וועסטו תמיד האבען דם גוטע און וועסט ווערין



נגזר גיווארין אז ער זאל דיא זאך האבין. ער פערברענגט אלע זיינע טעג מיט ארבייט און מיט טרויריקייט. עס בעקומט איהם נישט קיין שמחה דיא גאנצע צייט וואס ער לעבט. און עס איז איהם מבטל פון עבודת הבורא. אמער איז פאר איהם בעסער אז ער זאל זיך פרייען מיט זיין טייל. און ווען עס איז אויף איהם נגזר גיווארין ניטין וועט עס ממילא קימען. שבט מוסר:

א) דער מדרש פנחס שרייבט בשם הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר פנחס מקאריץ זצוק"ל דאס ער האט גיזאגט כוה הלשון כעז באהא גיא רא פאראהא. היינו אן דער הילף פון השם יתברך קען מען נישט טאן קיין שום זאך. אפילו צו גיין ביז צו דער שוועל פון דעם הויז:

אַפּ נֶעהִיט פוּן זִינְד:

וְאָמַר. דֶער וָואס עֶס אִיז טַייעֶר זַיין נֶפֶש אִין זַיינֶע אוֹיגֶען. טוּהְט קְלֵיין זַיין דִי וֶועלְט אִין זַיינֶע אוֹיגֶען. וַוייל עֶר זֵייט נִישְׁט נָאךְ דִי תַּאֲוַות פוּן דֶער וֶועלְט:

וְאָמַר. זָאלְסְט רֶעכִינֶען צוּ דַיין וֶועלְט גְלַייךְ דוּ וֶועסְט אֵייבִּיג לֶעבִּין כְּלוֹמַר דַיינֶע גֶעדַאנְקֶען זָאלֶען זַיין אוֹיף דַיין מְלָאכָה אִין הוֹיז אוֹיךְ אִין פֶּעלְד. גְלַייךְ דוּ וֶועסְט אֵייבִּיג לֶעבִּין. אוּן דוּ זָאלְסְט טְרַאכְטֶען אוֹיף דַיין סוֹף. דָס אִיז דֶר יוֹם הַמִּיתָה. גְלַייךְ דוּ וֶועסְט מָארְגֶען שְׁטַארְבֶּן. א) כְּדֵי דוּ זָאלְסְט גֵיין אִין גִיטֶען וֶועג:

וְאָמַר. דָאס אַיינְקוֹיפִינְג אִיז דִי קְוֶועלֶע פוּן טְרוֹיעֶר. כְּלוֹמַר דָס וָוס דֶער מֶענְשׁ קוֹיפְט אַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט. אִיז דִי קְוֶועלֶע פוּן טְרוֹיעֶר. וַוייל עֶר הָאט פַּחַד דָאס עֶר זָאל נִישְׁט זַיין גֶעלְד פֶערְלִירֶען אִיז עֶר תָּמִיד אִין צַעַר אוֹיךְ אִין טְרוֹיעֶר. טִיהְט מִינֶערִין אַייעֶר קוֹיפֶען. וֶועט אִיהְר מִינֶערִין אַייעֶרִי דַאֲגוֹת:

וְאָמַר. אַז אַ מֶענְטשׁ הָאט גֶעזָאגְט צוּ אַ חָכָם אַז עֶר זָאל אִיהְם לֶערְנֶען. הָט דֶר חָכָם גֶעזָאגְט זָאלְסְט דִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָוס דוּ הָאסְט גֶעטָאן גְרֵייכֶען פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זָארְגֶען אוֹיף דֶעם וָוס דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעטָאן גְרֵייכֶען פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן זָאלְסְט דִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הָאסְט דִיךְ מַקְדִים גִיוֶועזִין. כְּלוֹמַר וָואס דוּ הָאסְט

גילערינט

---

א) דֶער מֶענְטשׁ בַּאדַארְף תָּמִיד צוּ גִידֶענְקֶען דֶעם יוֹם הַמִּיתָה. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט גִישְׁרִיבֶּען אִין (אָבוֹת פ״ב) וְשׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ. דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טָאן אֵיין טָאג פַאר דַ״ין שְׁטַארְבֶּען. אוּן דֶער מֶענְטשׁ ווַייסְט דָאךְ נִישְׁט וֶוען עֶר וֶועט שְׁטַארְבֶּען. אַזוֹי וֶועט עֶר אַלֶע טָאג טָאן תְּשׁוּבָה:

וְהִנֵּה. אִין דוּ פְרִיהֶערְדִיגֶע יָארֶען אַז מֶען אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם בֵּית עָלְמִין בַּייא דֶער יָאר־צַייט פוּן זַייעֶרִי עֶלְטֶערִין. אוּן מֶען הָאט גִיזֶעהְן דוּ מַצֵּבוֹת אוֹיף זַייעֶרִי קְבָרִים. אוּן דָאס אַלְטְקַייט פוּן דוּ מַצֵּבוֹת אוּן וִויא גְרָאז אִיז בֶּעוַואקְסִין אִיבֶּער דוּ קְבָרִים. אִיז אַגְרוֹיסֶער פַּחַד אוֹיף זֵיי גִיפַאלֶען אוּן אַשְׁרֶעק אִיז גִיוֶוען אִין זֵייעֶר הַארְץ. וַוייל זֵיי הָאבֶּען גִיזֶעהְן דָאס דֶער יוֹם הַמִּיתָה אִיז אַקֶעגִין זַייעֶר פָּנִים. אוּן אֲפִילוּ זַיין הַארְץ זָאל זַיין הַארְט וִויא אַשְׁטֵיין הָאט עֶר בַּייא זִיךְ גִיטָאן טְרַאכְטֶען דָאס עֶר אִיז נִישְׁט בֶּעשַׁאפֶען גִיוָוארִין נָאר עֶר זָאל צוּרִיק קֶערִין צוּ דֶער עֶרְד. אוּן הָאט גִידֶענְקְט וָואס זַיין סוֹף וֶועט זַיין:

אוּן אַצִינְד אִיז חֲדָשׁוֹת אוֹיף גִיקִימֶען. זֵייא מַאכֶען גֶערְטְנֶער אִיבֶּער זַייעֶרִי קְבָרִים. קְרֶענְץ פוּן בְּלָאמֶען אוֹיף זַייעֶרִי מַצֵּבוֹת. אוּן זַייעֶרִי מַצֵּבוֹת זֶענֶען אוֹים גִידַאקְט פוּן מַאַרְמָאהְר שְׁטֵיינֶער. זֵיי לָאזֶען מַאכֶען גִימָאהְלְטֶע חֲדָרִים אִינְטֶער דֶער עֶרְד. עֶס אִיז אַרוּם פֶערְצוֹיטְט

פאר

גִילֶערְנְט אִין דַיין יוּגֶענְד דָאס דוּ זָאלְסְט נִיט מַאכֶען דַיין וֶועג אוּן דַייגֶע מַעֲשִׂים. אוּן דוּ זָאלְסְט שְׁרֶעקְן פוּן דֶעם וָואס אִיז נָאךְ דַיין טוֹיט. דָס אִיז דֶער יוֹם הַדִין:

**אָמַר הֶחָכָם.** אַז דָאס פַארְמֶעגִין פוּן דֶעם מֶענְשׁ וֶוערְט וֶוינִיג וֶוערִין זַיינֶע קִינְדֶער מְבַזֶה זַיין דֵיעָה. אוּן טוּהְן אִיהְם אָפּ עֶנְטְפֶערִין אוֹיף זַיינֶע רֵייד. אוּן אוֹיף דֶעם וָוס עֶר טוּהְט זַייא בַּאפֶעהְלִין:

**וְאָמַר.** אִיךְ הָאבּ פַארְזוּכְט דָאס בִּיטֶערְנִישׁ פוּן אַלֶע זַאכֶען אוּן הָאבּ נִישְׁט גֶעפִינֶען אַזוֹי אַיין בִּיטֶערְקֵייט. וִוי דָם בִּיטֶערְקֵייט אַז מֶען בָּעדַארְף זִיךְ צוּ לַייעֶן:

ואמר

---

פַאר זַייעֶר מִשְׁפָּחָה. אוֹיךְ אִין חוֹדֶשׁ נָאוֶועמְבֶּער אִין דִיא טֶעג פוּן זַייעֶרִי תַּאֲוֹת טָאן זֵיי נָאךְ זַייעֶרִי מַעֲשִׂים. אַז דָאס בֵּית עָלְמִין אִיז פִיל פוּן זֵיי. אִין זַייעֶרִי הֶענְד וֶוערְט גִיטְרָאגִין בְּלָאמֶען אוּן קְרֶענְצִין צוּ לֵייגֶען אוֹיף דוּ קְבָרִים פוּן זַייעֶרִי עֶלְטֶערִין אוּן זַייעֶר מִשְׁפָּחָה. דָאס בֵּית עָלְמִין אִיז גִימַאכְט וִויא אַשְׁפַּאצִיעֶר גָארְטֶען אוֹיךְ בֶּענְק צוּ דֶעם זֶעטְצִין. אוּן אַז זֵיי זֶעהֶן דָאס. זֶענִין זֵיי בָּטוּחַ דָאס דֶער טוֹיעֶר פוּן דֶעם גַן עֵדֶן אִיז פַאר זֵיי אוֹיךְ גִימַאכְט. אוּן זֵיי זֶענִין נָאר עוֹסֵק אִין דוּ הֲבָלִים פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן גֵייעֶן נָאךְ כָּל מִינֵי תַּאֲוֹות. *) אוּן דֶער יוֹם הַמָוֶת וֶוערְט פוּן זֵיי פֶערְגֶעסְן. עֶס קִימְט נִישְׁט אוֹיף זַייעֶרִי גִידַאנְקֶען דֶער טָאג וָואס מֶען וַוארְפְט אִיהְם אִין קֶבֶר. דַיינֶע אוֹיגֶען וֶוערִין צוּ נַאנְגֶען וִויא וַואסֶער. אוּן בְּלַייבֶּען וִויא דוּ לֶעבֶּער פוּן דוּ סִילְבֶּען וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס אוּן אַרַיין. זַיין מוֹיל אִיז אַטוֹיעֶר צוּ אַלֶע וֶוערִים וָואס קְרִיכֶען אוֹיף דֶער עֶרְד. דֶער מָאגִין אוּן דוּ בְּנֵי מֵעַיִם וָואס מֶען הָאט אִין זֵיי גִיגֶעבִּין עֶסִין אוּן טְרִינְקֶען לָרוֹב וֶוערְט צוּ שְׁפְּרִינְגֶען. אוּן דוּ וֶוערִים גֵייעֶן אִין אִיהְם אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ. אוֹיף אִיהְם טָאן שְׁרַייעֶן דוּ מַלְאֲכֵי הַבָּלָה. עֶר וָואלְט פוּן דָארְט אַנְטְלָאפֶען אוּן קֶען נִישְׁט. אוּן אַצִינְד אַז דֶער סוֹף אִיז צוּ אָנָּא צָרָה. וָואס פַאר אַתּוֹעֶלֶת הָאט מֶען מִיט דוּ קְרֶענְצִין אוּן מִיט דוּ בְּלָאמֶען וָואס מֶען לֵייגְט אוֹיף דוּ קְבָרִים. אוּן בִּפְרַט מֶען אִיז מִיט דֶעם עוֹבֵר אוֹיף אַיין לָאו. **וּבְחוּקוֹתֵיהֶם לֹא תֵלֵכוּ**. אִין זַייעֶרִי חוּקִים אוֹיךְ אִין דְרָכִים זָאלְט אִיהְר נִישְׁט גֵייעֶן:

---

*) אִין בִּפְרַט אִין מִיטֶען דֶער וָואךְ צוּ גֵייעֶן מִתְפַּלֵל זַיין. דָם אַרְטִיקִיל פִירֶען זֵיי נִישְׁט. אוֹיךְ אִין שַׁבָּת גֵייעֶן זֵיי נָאר אוּן דֶער פְּרִיי מִתְפַּלֵל זַיין אוּן קִימֶען עֶרְשְׁט אָן צוּ קְדוּשָׁה אָדֶער צוּם לֵייגֶען. עֶס וֶועט אוֹיךְ מֶער גִירֶעד וִויא גִידַאוִונְט. אַהֵיים גֵייט מֶען פְרִיעֶר פוּן אַיין אַנְדֶערִין. אַבְּרָכָה צוּ מַאכֶען אִיבֶּער אַשֵׁרִי תְּדוּמֶה פֶערְגֶעסְט מֶען צוּ מַאכֶען וֶוער שְׁמִיסְט וַואשְׁען צוּ אַיין עֶסִין אוּן צוּ בֶּענְטְשִׁין. אָדֶער צוּ מַאכֶען אַבְּרָכָה אַחֲרוֹנָה. אָדֶער אַבּוֹרֵא נְפָשׁוֹת דָאס טָאן זֵיי בְּוַדַאי נִישְׁט. פַאר וָואס זָאל מֶען גִישְׁט טַרַאכְטֶען אוּן רֶעכִינִין דָאס וֶוען אֵיינֶער אִיז מְכַבֵּד דֶעם אַנְדֶערִין טוּהְט עֶר אִיהְם תֵּיכֶף דַאנְקֶען. בֶּעדַארְף דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ צוּ הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ בְּוַדַאי אַשְׁבָח אָפּ צוּ גֶעבִּין. רֵאשִׁית דָאס עֶר אִיז אִיהְם מְזַמֵן זַיין פַּרְנָסָה. אוּן פַאר דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעזוּנְד אוּן קֶען עֶסִין. וַוייל וִויא פִיהֶל

מענטשין

וְאָמַר. אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער עֶס זָאל אִיהְם פֶעהְלִין. ווִיא אַז עֶר זָאל זִיךְ לַייֶען בַּייא אַזוֹי אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז נִישְׁט וֶוערְט אַז מֶען זָאל זִיךְ בַּייא אִיהְם לַייֶען:

וְאָמַר הֶחָכָם. וֶוען דוּ וֶועסְט דִיר וֶועלִין עֶפִּיס בַּייא אֵיין קַארְגֶען לַייֶען אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ פוּן דִיר פֶּערְמַיידֶען אִין וֶועט דִיךְ פַיינְד הָאבֶּען:

וְאָמַר. דֶער וָואס אִיז זִיךְ מְבַזֶה אִין טוּהְט זִיךְ לַייֶען בַּיי אַ כִּילַי (אַקַארְגֶער). דֶר אִיז אַרְגֶער פוּן אִיהְם:

וְאָמַר. דֶער וָואס פֶערְלַאנְגְט עֶפִּיס פוּן אֵיין כִּילַי א). אִיז גְלַייךְ ווִי אֵיינֶער ווִיל חַאפֶּען פִישׁ אִין דֶער מִדְבָּר וָואס דָארְט אִיז קֵיין וַואסֶער:

וְאָמַר. וֶוען דוּ ווִילְסְט דִיר עֶפִּיס לַייֶען זָאלְסְטוּ לַייֶען פוּן אַזוֹי אֵיינֶעם וָוָאס אִיז אֵיין נָדִיב אוּן הָאט לִיעֶב צוּ טוּהְן חֶסֶד:

אָמַר הֶחָכָם. דֶער וָואס גְלֵייבְּט אִין רְכִילוּת. אַזוֹי וֶועט אִיהְם נִישְׁט בְּלַייבֶּען קֵיין לִיעֶבְהָאבֶּער. וֶוען אֲפִילוּ עֶר זָאל בַּיי אִיהְם זַיין גֶעלִיבְּט אָדֶער אַ קָרוֹב:

ואמר

---

מֶענְטְשִׁין זֶענִין דָא וָואס וָואלְטֶען גִיגֶעסִין אוּן קֶענִין נִישְׁט עֶסִין. אִין ווִיפִיל מֶענְטְשִׁין וָואלְטֶען גִיגַאנְגֶען מִתְפַּלֵל זַיין אוּן ווַייל זֵיי זֶענִין קְרַאנְק קֶענִין זֵיי נִישְׁט גֵיין מִתְפַּלֵל זַיין אוּן אַז הַשׁי״ת הֶעלְפְט דָאס מֶען אִיז גֶעזוּנְד אוּן נִיט צוּם גֶעזוּנְד בַּאדַארְף מֶען אוּהְם בְּוַדַאי אוֹיף אַלֶע זַאכֶען אַשְׁבָּחָה אָפּ צוּ גֶעבֶּען:

א) וְאָמַר הֶחָכָם. אַז דֶער כִּילַי אִיז נִישְׁט וֶוערְט אַז עֶר זָאל זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט. נָאר פַאר וָואס הָאט מֶען אִיהְם בֶּעשַׁאפִין. כְּדֵי אַז דֶער וָואס טוּהְט דִינֶען הַשׁי״ת זָאל זִיךְ פוּן אִיהְם נֶעמִין אַמוּסַר. וֶוען עֶר אִיז אַזוֹי אַכִּילַי אוּן אַקְמְצָן אִיבֶּער אַזַאךְ וָואס אִיז וֶוערְט אַפְּרוּטָה אַז עֶס זָאל נִישְׁט פוּן אִיהְם וֶוערִין פֶערְלוֹירִין. ווִי אַזוֹ זָאל אִיךְ נָאךְ זַיין אַקַמְצָן אוּן זָאל חַס הָאבִּין אוֹיף דֶער טַייעֶרֶער צַייט. דָאס עֶס זָאל נִישְׁט פוּן מִיר לֵיידִיג אַוֶועק גֵיין. ווַייל מֶען קֶען זִיךְ קוֹיפֶען עוֹלָם הַבָּא אִין אֵיין שָׁעָה:

דֶער קַב הַיָשָׁר פֶּרֶק כ״ה בְּרֶענְגְט אַמַעֲשֶׂה נִפְלָא פוּן אַגְרוֹיסֶען עוֹשֶׁר אוּן דֶער עוֹשֶׁר אִיז גִיוֶוען אַגְרוֹיסֶער קַמְצָן אַז אֲפִילוּ בְּיוֹם ב׳ וּבְיוֹם ה׳ אִיז עֶר נִיט גִיגַאנְגִין אִין שׁוּהל אַרַיין ווַייל עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט טָאמֶער וֶועט עֶר בַּדַארְפִין גֶעבִּין אַפְּרוּטָה צוּ צְדָקָה. נָאר אֵיין מִצְוָה הָאט עֶר גִיהַאט וָוס דִי מִצְוָה הָט אוֹיף אִיהְם מֵגִין גִיוֶוען אִיהְם מַצִיל צוּ זַיין פוּן דֶעם יוֹם הַדִין. דֶער עוֹשֶׁר אִיז גִיוֶוען אַמוֹהֵל. אוּן אַז מֶען הָאט אִיהְם מְכַבֵּד גִיוֶוען אַז עֶר זָאל זַיין אַמוֹהֵל אִיז עֶר גִיפָארִין כַּמָה וְכַמָה פַּרְסָאוֹת כְּדֵי עֶר זָאל מְקַיֵים זַיין מִצְוַת מִילָה. אוּן הָאט נִיט גֶענוּמִין קֵיין שׁוּם שְׂכַר:

וַיְהִי הַיוֹם. אִיז צוּ אִיהְם גִיקוּמֶען אַשֶׁר אִין אַיין גִישְׁטַאלְט פוּן אַמֶענְטְשׁ אוּן הָאט צוּ אִיהְם גִיזָאגְט אַז זַיין אִשָׁה הָט צוּ אִיהְם גֶעוּוּנִין אַבֵּן זָכָר עַל כֵּן בֶּעט עֶר אִיהְם עֶר זָאל מִיט

איהם

**ואמר.** דער וואס טראגט צו דיא שאנד. כלומר דער וואס זאגט צו זיין חבר. אז דער האט דיך מבזה גיוועזן און האט אויף דיר אזוי אין אזוי גירעדט. אזוי דער וואס ער זאגט דער טוהט שענדין:

**ואמר.** זאלסט נישט מאכען עסין דיין עסין צו אזוי איינעם וואס ער וויל זיך דער צו נישט קעהרין. כלומר זאלסט נישט דערציילען דיינע רייד צו אזוי איינעם וואס וויל זיך צו זייא נישט קעהרין און אוים הערין:

**ואמר.** ווער עס טוהט מעהרין זיין גילעבטער. טוהט מינערין זיין פארכט. כלומר דער וואס טוהט פריי מאכען זיין פנים צו זיינע קנעכט און צו זיינע הויז מענשין. דער טוהט מינערין זיין פארכט אויף זיי. ווייל דורך דעם האבען זייא פאר איהם ווייניג מורא:

**אמר החכם.** עס איז בעסער אז מען זאל אויסגלייכען דעם קריג פון זיינע שונאים. וויא אז מען זאל אויסגלייכען דעם קריג פון זיינע ליעבהאבער. ווייל ביא דעם אויסגלייכען צווישען זיינע שונאים. העט ער תמיד האבען רווח. ווייל איינער פון די צוויי בעלי דינים. דער וואס וועט ארויס זכאי. דער וועט ווערין איבער גיקערט אז ער זאל איהם ליעב האבען. אבער ביא דעם אויסגלייכען צווישען זיינע ליעבהאבער.

אזוי

---

איהם פארין אויף דעם ברית דאס קינד מל צו זיין. אזוי האט דער מוהל גענימען דאס מעסער און איז ניפארין מיט דעם מענטש. ער האט נישט געוויסט אויב ער איז פון די חיצונים. און וויא זיי זענין גיקימען צו אוואלד איז דער מזיק מיט איהם געפארין אזוי אזוי גיוועזן קיין מענטש איז און איהם נעפארין נאר איבער בערג און טאהלין און ווילדע דערנין צוויי טאג רצופים. וויא עס איז גיקימען דער דריטער טאג האט ער איהם געפירט צו זיך און בית. דארט איז גיוועזן אקליין דערפיל לערך צוואנציג בתים דו הייזער זענין זייער שיין גיוועזן. וויא דער מוהל איז גיקימען בו איהם אין בית אריין האט ער גיזעהן אז ער איז אגרויסער עושר. און זיין שטיב איז גיוועזן כל טוב מלייש און גרויסע פיש. האט דער בעל ברית גענימען זיין פערד אין וואגין און האט עס איבער גיגעבין צו זיין קנעכט דעם פערד עסין צו געבין. און דער מוהל האט גיט מרגיש גיוועזן אויף דער בעל ברית איז אשד און אמזיק. און וויא דער בעל הבית האט זיך גיקערט צו זייא נישטעסטין איז דער מוהל בינאנגין און דעם חדר וויא די יולדות איז גיוועזן. און וויא די יולדות האט דער זעהן דעם מוהל האט זיא זיך זייער גיפרייט. און האט צו איהם גיזאגט מיין האר איך וועל דיר מגלה זיין אגרויסען סוד. די וויסען דאס מיין מאן איז אשד און אמשחית און איך קום ארויס פון מענטשין. און ווען איך בין גיוועזן קליין האבין מיך די שדים אוועק גענימען נאר איך בין שוין ביא זיי פערלוירין אלע דייערי מעשים זענין הבל:

והגה

אזוי דער וואס געט אהן ווערין ביא דעם דין. ווערט צו איהם איבער גיקעהרט ווערין פאר אשונא. אזוי ווערט ער ביי דעם אנדערין אופן בוודאי האבען שאדען:

**אמר החכם.** אזוי וויא צו שנײַדען מיט א מעסער אין א שטיין. אזוי איז צו ריידען מיט א נאר מיט פערשטענדיגע רייד:

**ואמר עוד.** דעם אײַדיל טוהט גיפעלין דס געשריי פון דעם ראב פויגעל. ווייל עס איז גלייך צו זיין געשרייא. דעם נאר טוהט נאר גיפעלין ווען נאך איין נאר טוהט צו איהם ריידין:

**אמר החכם.** דער סוד איז ביא דיר אין דער תפיסה און אזוי באלד או דו ווערסט דעם סוד אוים זאגען. אזוי ביזט דו ביא איהם אין דער תפיסה: ווייל דו ווערסט תמיד מורא האבען טאמער ווערט ער דעם סוד מגלה זיין:

**אמר החכם.** עס איז נישט ניט אויף דער וועלט נאר צו זיין א מלך אדער א שוטה. וואריין א מלך איז ממלא זיין רצון מיט זיין ממשלה. און דער נאר פיהלט נישט אין זיין נארישקייט:

**ואמר עוד.** עס איז נישט דא אזוי איינער וואס מען זאל זיך אויף איהם באדארפען צו ערבארימען וויא אויף א חכם וואס עס איז אויף איהם געפאלין א נאר:

עוד

---

והנה איך בין דיך מזהיר דאס דו זאלסט מיין זון וואס איך האב פון איהם גיהאט מל צו זיין. אויך בין איך דיך מזהיר כדי דו זאלסט מציל זיין דיין נפש אז דו זאלסט נישט עסין קיין שום מאכל און נישט טרינקען קיין שום משקה און נישט נעמין קיין שום מתנה נישט פון מיין מאן און נישט פון איינעם פון זיי. און ווי דער מוהל הט דס דער הערט האט ער זייער פחד באקומען. און וויא עס איז געקומען פאר נאכט זענין געקומען פיהל מענטשין מיט זייערי ווייבער פון די דערפער מיט פערד און וועגין אין גישטאלט פון מענטשין. און זיי אלע זענין גיוועזן מזיקים ומשחיתים. און וויא עס איז געקומען די צייט פון דער סעודה האבען זיי גיבעטין דעם מוהל ער זאל זיך וואשען זיינע הענד און ער זאל זיך מיט זיי זעצין צו דער סעודת מצוה. הט דער מוהל נישט געוואלט ער האט גיזאגט ער איז מיהד פון דעם וועג און האט די נאכט פון דער (וואך נאכט) גאר נישט גיגעסין. וויא עס איז גיווארין טאג זענין אלע גיגאנגין אין שוהל אריין און דער מוהל הט מתפלל גיוועזן און געזונגען וכרות עמו הברית אזוי ווי דער סדר איז. און נאך דער תפלה האט מע גיברענגט דאס קינד און ער האט עס מל גיוועזן כמנהג כל בית ישראל:

**אחר** זאת הט דער סנדק גיבעטין דס גאנצי קהל אויף לעקעך און יי"ש. הט דער מוהל אויך געמוזט זיין און הט נישט גיגעסין אוי נישט געטרונקען ער הט גיזאגט ער האט

אתענית

**עוד אמר.** יעדער וואס ער טוהט ריידען, לעבט. און נישט יעדע לעבעדיגע טוהט ריידען. אזוי אויך יעדער וואס איז קלוג איז א מענש. און נישט יעדער מענש איז קלוג:

**שאלו לחכם.** מען האט גיפרעגט צו א חכם אויב ער פערשטייט דאס ענין פון דעם באשעפער. האט דער חכם גיענטפערט ווען איך זאל פארשטיין וואס השי״ת איז וואלט איך עם אליין גיוועזען:

**אמר החכם.** ווען איינער וויל ריאן געלד צו איינעם ווס ער איז א בטוח. וועט ער נישט האבען קיין גרעסערין בטוח פון דעם טויט וויל ער צאהלט צו דער צייט:

אמר

---

אתענית חלום. נאך חצי היום האט דער בעל ברית גיזאגט וויל דער מוהל האט זיך מיט אידם מתריח גיוועזען אזוי א וועג מעהר פון צוועלף מייל ווענין מצות מילה דרום אידם צו ליעב זאל זיין די סעודה ביי נאכט נאך זיין תענית. און זיין כוונה איז נאר גיוועזען כדי דער מוהל זאל ביא אידם נהנה זיין פון זיין עסין. אזוי וועט ער קענין איבער אידם שליטה האבען און ער האט נישט געוואוסט דס זיין אשה הט אידם מגלה גיוועזען אז ער איז אשד. ווי עס איז געקומען לעת ערב איז גיוועזען די סעודה. און דער מוהל הט נישט געוואלט עסין ער האט געזאגט דאס ער איז נישט געזונד. און זייא האבען גיגעסין און געטרינקען כל מעדני עולם:

ויהי כטוב לבם ביין. נאך זייער טרינקען האט דער בעל הבית געזאגט צום מוהל קום מיט מיר אין אחדר. הט דער מוהל זייער פחד באקומען. און האט ביי זיך געטראכט דאס עס איז געקומען דיא צייט פון זיין שטארבען. איז ער מיט אידם נעגאנגען אין אחדר האט אידם דער בעל הבית געוויזען כלים פון זילבער. דער נאך האט ער אידם געפיהרט אין א אנדער חדר אין האט אידם געוויזען גילדינע כלים. און האט צו אידם גיזאגט נעם דיר אבלי פאר אזכרון. האט דער מוהל צו אידם געזאגט דאס ער האט ביא זיך אין דער היים כל מיני כלים פון זילבער און פון גאלד און בערלאנטען און פעריל. האט צו אידם דער בעל הבית געזאגט ער זאל זיך נעמין דיא שענסטי כלי וואס נאר אידם גיפעלט האט דער מוהל נישט געוואלט. נאך דעם האט אידם דער בעל הבית געפירט אין אחדר ווס דארט האבען געהאנגען סיהל שליסעל. האט זיך דער מוהל זייער פארוואנדערט וויל עס האט אידם גידאכט אז דארט הענגט אזא בינד שליסעל אזוי ווי ער האט ביא זיך אין דערהיים צו אלע זיינע חדרים און צו אלע זיינע שלעסער. האט אידם דער בעל הבית גיפרעגט פר וואס ער פארוואנדערט זיך אויף דיא שליסעל מעהר וויא אויף דיא אלע טייערי זאכען פון זילבער און גאלד וואס ער האט גיזעהן. האט אידם דער מוהל גיענטפערט איך פערוואנדער מיך אויף דעם בינד שליסעל וואס זייא הענגין גלייך צו מיינע הייזער און צו מיינע אוצרות וואס זענין ביא מיר אין דער היים און הענגין אין דעם חדר. האט צו אידם דר בעל הבית געזאגט. וייל דו האסט מיט מיר גומל חסד גיוועזן און ביסט מיט מיר געפארין אזוי אוייטען וועג כל צו זיין מיין זוהן און האב גיזעהן אז נאט איז מיט דיר. דו האסט נישט

ני נעסין

אמר החכם. אלע זאכען פון דער וועלט וועט געבוירען קליין און עס וועט אלע מאל גרעסער. נאר די טרויער וועט געבוירען גרויס און וועט אלע מאל קלענער ביז זי ווערט פערשווינדען:

זאמר. איטעדי מעלה וואס איז אין מענש טוהט מען זיך אין איהר מקנא זיין. חוץ ווען איינער איז איין עניו. ער האלט זיך שפל:

אמר החכם. דער קלוגער דער ציילט וואס ער האט געזעהן. און דער נאר דער ציילט וואס ער האט געהערט:

ואמר. דער נאר ווען ער איז אין דער היים. דערציילט ער זיין חכמה צו זיין ווייב. ווען ער קומט אבער צווישען די קלוגע אזוי ווערט אנפערקט זיין שאנד:

ואמר ע״ד. דער חכם איז צו די מענשין פון זיין דור א שומין און א פאנצער. אין דער נאר איז אזוי וויא אדארין וואס טוהט וויא אין א יעדין ווינקעל:

איין נאר. האט צו איינעם געפרעגט וואס איז א חילוק פון מיר צו דעם. פאר וואס זאגט מען אויף מיר אז איך בין א נאר. און אויף איהם זאגט מען אז ער איז א חכם. הט ער איהם געענטפערט דיין שאלה איז דיין תשובה: א)

אמר

גיגעסין אין גישט געטרונקען אין האט נאר גישט גענומען פון מיין רשות. דרום וועל איך דיר מגלה זיין דס איך בין דער ראש הממונה פון די שדים וואס זיי זענין גיזעצט אויף אזעל מענטשין וואס זייא זענין אין זייער טבע קמצנים אזוי איז צו אונזערי הענד איבער גיענטפערט זייערי שליסעל כדי זיי זאלען נישט האבען רשות צו געבין צדקה און מאן גמילות חסד. אויך צו זיך אליין האבען זייא קיין רשות זייא זאלען זיך קויפען אנים מאכל אדער אנדערי נישט זאכען. נאר וייל האסט מיט מיר גומל חסד גיווען נעם דיא בינד שליסעל און זאלסט גישט שרעקין איך שווער ביי גאט אז מען וועט דיר נישט שאדען. האט דער מוהל גענומען דעם בינד שליסעל אין איז מיט שמחה לביתו געפאהרין און איז געוואקסען אגרויסער בעל צדקה אין האט מיהל גומל חסד גיוועזן און האט אויך גישטעלט אגרויסע שיהל זייער אשיינע און איז נפטר געווארין בשם טוב:

א) אין ספר עמיר העבודה שטייט געשריבען ער האט געהערט אז אחכם האט אמאל געזאגט אז דער וואס ער ווייסט אז ער איז א שוטה איז נישט א שוטה. ווארין אנדערע שוטה האלט זיך נישט פאר א שוטה נאר פאר א חכם. האט א שוטה אמאל געהערט דעם מאמר החכם. האט ער גיזאגט צו דעם חכם. איך האב פון דיר געהערט אז דער וואס ער ווייסט אז ער איז א שוטה איז נישט א שוטה. און איך ווייס אז איך בין א שוטה אין איך בין פארט א שוטה. הט איהם דער חכם געענטפערט חלילה אז זאלסט אזוי

זאגען

אָמַר הַחָכָם. ווען מען לאזט זיך מיט אלעם בענעגינען טוהט עס מאכען רעגירען די קנעכט. און דאס ברייטע פיהרען מאכט דיענען די בייערטע:

וְאָמַר. די צייט מאכט פליהען די פליג. אין טוהט געבין דעם אדלער אין דער שטייג. כלומר אזוי איינער וואס איז נאר נידעריג מאכט איהם אמאל די צייט גרויס. און איינער וואס איז גרויס מאכט מען איהם שפל:

אָמַר הַחָכָם. שכל אהן מוסר איז אזוי וויא אבוים אהן פירות. און שכל מיט מוסר איז אזוי וויא אבוים מיט פירות:

וְאָמַר. אז דו ווילסט רעדין צו אזוי איינעם וואס ער האט נישט קיין דעת איז גלייך צו איינעם וואס ער טרינקט אהן אבוים וואס איז אויס געטריקענט. און עס איז גרינגער אראפ צו טראגען שטיינער פון אבארג וויא צו רעדין צו א מענטש וואס ער האט קיין שכל:

אָמַר הַחָכָם. צו פארהעלין דעם סוד איז אחוב אויף דעם קלינען. אין דער וואס איז מגלה דעם סוד דער האט קיין שכל:

וְאָמַר. עס איז בעסער א שונא וואס איז א חכם פון א ליבהאבער אשוטה:

וְאָמַר חָכָם אֶחָד, דער נאר האט זיך אליין נישט ליעב. וויא אזוי קען ער יענים ליעב האבען:

וְאָמַר עוֹד. ווען דו ווילסט דיך ווערין צו איינעם באהעפטין זאלסטו איהם דער צערנין און ווען ער וועט דיר מודה זיין אויף דעם אמת אין דער צייט ווען ער איז אין כעס זאלסטו דיך צו איהם באהעפטין און ווען נישט זאלסטו איהם פארלאזען:

אָמַר הַחָכָם. אז דו טיילסט צו כבוד צו דיין ליעבהאבער וויא עס באדארף צו זיין א). און ער טיילט דיר נישט צו כבוד ווי עם

זאגען. איך זאג דיר אז דו ביזט נישט אשוטה נאר א חכם. האט צו איהם דער שוטה גיזאגט איך האב דאך גיהערט פון פיהל מענשין אז זייא האלטען מיך פאר א שוטה. האט איהם דער חכם גיענטפערט ווען עס איז אזוי. אז די אליין ווייסט נישט אז דו ביזט א שוטה. נאר ווייל דו האסט גיהערט פון מענטשין אז זייא האלטען דיך פאר א שוטה. אזוי ביזט דו באמת א שוטה. וואריין איך האב נאר גיזאגט אז דער שוטה וואס ער ווייסט אליין אז ער איז א שוטה איז נישט א שוטה. אבער דו ווייסט נישט אליין נאר ווייל דו האסט גיהערט פון מענטשין זאגען. ביזטו באמת א שוטה:

א) ובשם הרב הצדיק הקדוש מוהר״ר שמואל שמעלקי מניקעלשבורג זצוק״ל דאס ער האט גיזאגט דאס פירוש פון דעם וואס עס שטייט אין (אבות פ״ב) יהי כבוד

עָס בַּאַרְף צוּ זַיין. אִיז נִיט דָאס דוּ זָאלְסְט אִיהְם פַאַרְלָאזְן:

**אָמַר הֶחָכָם.** דֶער וָואס עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט זַיין וֶועלְט דֶער זָאל דֶרִיבֶּער זָארְגְן. אוּן דֶער חָכָם גִידֶענְקְט דִי טֶעג פוּן טְרוֹיעֶר אִין דִי טֶעג פוּן שִׂמְחָה:

**אָמַר הֶחָכָם.** דֶער שֶׁקֶר מִיט דֶעם טוֹיט וֶוענִין גְלַייךְ. וָוארִין דִי מַעֲלָה פוּן דֶעם לֶעבְּדִיגְן אִיז מִיט זַיין רֶעדְן. אַז מֶען גְלַייבְּט אוֹבֶּער נִישְׁט זַיינֶע רֵייד הָאט עֶר גָאר נִישְׁט פוּן זַיין לֶעבְּן:

**וְאָמַר.** דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן אוֹיף אַזַאךְ וָואס דוּ וֵויסְט נִישְׁט. דָאס דוּ וֵויסְט. שְׁטֶאמֶר וֶועט מֶען דִיךְ חוֹשֵׁד זַיין בַּיי אַזַאךְ וָואס דוּ וֵויסְט אוּן מֶען וֶועט זָאגְן דָאס דוּא וֵויסְט נִישְׁט. דָאס אִיז דֶער עוֹנֶשׁ פוּן דֶעם שַׁקְרָן:

**אָמַר הֶחָכָם.** דֶער מֶענְשׁ אִיז גְלַייךְ צוּ זַיין בֶּעשֶׁעפֶער. אַז עֶר הֶעלְפְט צוּ אָרִימֶע פוּן זַיין פֶערְמֶעגְן:

**וְאָמַר.** בְּמַה בְּקוּנְךָ. פֶערְזִיכֶער דִיךְ אוּן דַיין בֶּעשֶׁעפֶער וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין אַקְנֶעכְט צוּ דַיין פַארְמֶעגְן: א)

---

אמר

כבוד חבירך חביב עליך כשלך. הַיְינוּ דֶער כָּבוֹד וָוס דַיין חַבֵר טוּט צוּ דִיר זָאל בַּיי דִיר זַיין אַזוֹי חָשׁוּב גְלַייךְ דוּ אַלֵיין וָואלְסְט דִיר דֶעם כָּבוֹד אָהְן גִיטָאן. וָוארִין כָּבוֹד אִיז נָאר אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערְן. אַז עֶר קוּמְט צוּ זַיין חַבֵר אִין הוֹיז. אוּן זַיין חַבֵר זָאגְט צוּ אִיהְם דָס עֶר זָאל זִיךְ זֶעצְן אוּן זָאגְט צוּ אִיהְם עֶר זָאל עֶסְן אוּן טְרִינְקְן. אִיז דָאס בַּיי אִיהְם חָשׁוּב וַוייל עֶר הֶערְט דָאס פוּן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת. אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ טוּט צוּ זִיךְ אַלֵיין אָן כָּבוֹד. אַז וֶוען עֶר קוּמְט אִין הוֹיז פוּן זַיין חָבֵר. אוּן וֶועט צוּ זִיךְ אַלֵיין זָאגְן. בָּרוּךְ הַבָּא, זֶעטְץ דִיךְ אַנִידֶער אוּן עֶס אוּן טְרִינְק. אִיז דִיא זַאךְ זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין. וַוייל כָּבוֹד קֶען נִישְׁט זַיין נָאר פוּן אֵיין אַנְדֶערְן נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין. אוּן דֶער וָואס אִיז אַ בּוֹרֵחַ פוּן הַכָּבוֹד. עֶר וִויל נִישְׁט קֵיין כָּבוֹד. אִיז בַּיי אִיהְם דֶער כָּבוֹד וָוס זַיין חַבֵר טוּט צוּ אִיהְם גְלַייךְ עֶר אַלֵיין וָואלְט זִיךְ דֶעם כָּבוֹד אָהְן גִיטָאן וָואס דֶער כָּבוֹד אִיז נָאר נִישְׁט וֶוערְט:

א) אֵיין פְּרוּשׁ (אַ פְרוּמֶער מַאן) אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אִין וַוייטֶע מְקוֹמוֹת עֶר זָאל זִיךְ מִיט זַיין בְּנֵי בַּיִת קֶענֶן מְפַרְנֵס זַיין. הָאט עֶר בַּאגֶעגְנִט אֵיין עַכּו״ם הָאט אִיהְם דֶער פְרוּשׁ גֶעזָאגְט. הַייבּ אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן אוּן זֶעה אֵייעֶר שְׁנֶעון אִיהְר דִינְט צוּ אָפְּגֶעטְער וָואס זֵייא קֶענֶן אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן. הָט דֶער עַכּו״ם צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט צוּ וֶועמְן דִינְסְט דִיא. הָאט דֶער פְרוּשׁ צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט אִיךְ דִינֶען צוּ הַשֵׁי״ת וָואס אִיז אַיעֶדְן מְחַיֶה אוּן מְפַרְנֵס. הָאט דֶער עַכּו״ם צוּ אִיהְם גִיזָאגְט אִיךְ זֶעה אַז דַיינֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען סוֹתֵר דַיינֶע רֵייד. אַז דוּ דִינְסְט בֶּאֱמֶת צוּ הַשֵׁי״ת פַר וָוס פָארְסְטוּ אַזוֹי וַוייט דִיר זוּכְן פַּרְנָסָה. פַר וָואס גְלַייבְּסְטוּ נִישְׁט אַז דֵיין גָאט וָואס דוּ גְלַייבְּסְט אִין אִיהְם פָארְזִיכֶערְט קֶען דִיךְ אִין דֵיין הוֹיז אוֹיךְ מְפַרְנֵס זַיין. אִיז דֶער פְרוּשׁ צוּרִיק לְבֵיתוֹ גִיפָארְן:

**אמר החכם.** אז מענטשין וועלין דיר אן טוהן כבוד ווייל דו ביסט איין עושר אודער אשר . זאל דיר נישט ליב זיין . וואריין דער כבוד קערט אפ ווען זיי גייען פון דיר אוועק . נאר עס זאל דיר ליב זיין אז מען טוהט דיר אן כבוד ווייל דו האסט אין דיר חכמה . אדער דורך יראה . אדער דורך מוסר :

**צוה החכם את בנו .** אחכם האט באפולען צו זיין זיהן זאלסט לערנין די חכמה פון אלע מענטשין . א) און דו זאלסט דיך האלטען קליין . ווייל אז דו וועסט זיין קליין ביי דעם . וועסטו זיין גרוים ביי איין אנדערין :

**אמר החכם.** זאלסט לערנין חכמה צו אזוי איינים וואס ער ווייסט נישט. און זאלסט לערנין פון אזוי איינים וואס ער ווייסט . און אז דו וועסט אזוי טאן וועסטו וויסען דאס וואס דו ווייסט נישט . און וועסט נידענקין וואס דו ווייסט :

**ואמר.** וויא שווער עס איז צו טאן אויך מיט דעת . און וויא גרינג עס איז צו געבין אין אלע זאכען אפעלער:

**אמר החכם.** עס איז נישט פערהאנדין קיין שטארקערי אונטער שטיצונג וויא אז מען זיכט איין עצה :

**ואמר.** ווען דו וועסט ווארטען. וועסטו ווערין גירעטיט פון צו טאן אזעליכע זאכען וואס איז נישט כהוגן און אז דו וועסט איילען אזוי וועסטו צו לעצט האבין חרטה :

אמר

א) אין ספר שם הגדולים להגאון הקדוש מו"ר חיים יוסף דוד אזולאי זצוק"ל ווערט ניכרענט בשם ספרי קדמונים אז דוד המלך ע"ה איז געגאנגען צו א מלחמה און זיין זיהן שלמה ווען ער איז גיוועזן אכינד האט ער גילערינט חכמה ביי א גרויסען חכם . דאס שלמה געזאגט צו זיין רבי זעד מיט דיין חכמה אויב מיין פאטער וועט מנצח זיין די מלחמה און וועט לשלום לביתו קומען . האט איהם זיין רבי גיענטפערט עס איז זייער רחוק ווייל דער פיינד האט זיך גישטארקט . אזוי האט שלמה גינעבין זיין נפש און האט שטארק מעמיק גיוועזן אין דער חכמה . און אזוי ווי עס איז נאר גיוועזן אקלייניקיים צווישען דוד המלך און צווישען דעם טויט איז די זאך איבער גיקערט געווארען און דער מלך דער שונא איז געהרגית געווארען . און אזוי האט ער געזאגט ביי זיין טויט שלמה האט מיך גיהרגית. שלמה האט מיך גיהרגית. וויא זיין רבי האט גיזעהן זיין שכל און זיין חכמה. דאס ער דער נאך פון שלמה גילערינט . און ווען דוד המלך ע"ה איז לביתו געקומען האט ער צו זיין זיהן שלמה בעוויזען שטארק ליבשאפט:

**אָמַר הֶחָכָם.** דֶעם וָואס זַיינֶע קְרוֹבִים טָאן אִין אִיהם פַארְגֶעסִין. טוּט אִיהם הַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ מְזַמֵן זַיין דִי וַוייטֶערֶע. וְאָמַר. עֶס זָאל חָשׁוּב זַיין אִין דַיינֶע אוֹיגֶען אַזוֹי אֵיינֶער וָוס עֶר בַּאדַארְף נִישְׁט צוּ דִיר.

**עוֹד אָמַר.** דֶער וָואס הָאט נָאר אֵיין דְאָגָה. הַיְינוּ עֶר זָארְגְט נָאר אוֹיף עוֹלָם הַבָּא. טוּט עֶס אָפּ טוּן זַיינֶע אִיבְּרִיגֶע דַאֲגוֹת:

**אָמַר הֶחָכָם.** עֶס אִיז נִישְׁט נָאךְ דֶעם גֵיין נָאר דָאס צוּרִיק גֵיין. כְּלוֹמַר דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט צוּרִיק וִוי עֶר אִיז גֶעקוּמֶען גֶעוָוארִין:

**וְאָמַר.** דוּ הָאסְט נִישְׁט פוּן דַיין פַארְמֶעגְן. נָאר וָואס דוּ גִיסְט אוֹיס בַּייא דַיין לֶעבֶּען. הַיְינוּ אַז דוּ טוּסְט מִיט דַיין גֶעלְד מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. דָאס בְּלַייבְּט דִיר לְעוֹלָם הַבָּא:

**אָמַר הֶחָכָם:** דֶער וָואס עֶר וִויל נִישְׁט אִין זַיין עִנְיָן מִיט דֶעם גִיטֶען ווִילֶען מִיז עֶר וָועלִין וֶוען אֲפִילוּ עֶר וִויל נִישְׁט: א)

**שָׁאֲלוּ לְחָכָם אֶחָד.** מֶען הָאט גִיפְרֶעגְט צוּ אַ חָכָם. וִוי אַזוֹי זֶענֶען דַיינֶע מַעֲשִׂים. הָאט עֶר צוּ זֵייא גִיזָאגְט גֵייט אוּן זֶעהְט מַיינֶע חֲבֵרִים. ווייל דֶער מֶענְטְשׁ טוּט זִיךְ נִישְׁט בַּאהֶעפְטִין נָאר צוּ אַזוֹי אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז צוּ אִיהְם גְלַייךְ. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין (אבות פ״א הַרְחֵק מִשָׁכֵן רָע. זָאלְסְט דִיךְ מַרְחִיק זַיין פוּן אַשְׁלֶעכְטִין שָׁכֵן:

**אָמַר הֶחָכָם.** זָאלְסְט נִזְהָר זַיין דָאס דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּ פִיהְל מְקָרֵב זַיין. כְּדֵי דָאס מְקָרֵב זַיין זָאל נִישְׁט גוֹרֵם זַיין דָאס מַרְחִיק זַיין:

**אָמַר הֶחָכָם.** אַגוּף אָן חָכְמָה אִיז אַזוֹי וִויא אַבַּיִת אָן אַיְסוֹד: (אַהוֹיז וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין גְרִינְד) וְאָמַר. עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַאךְ וָואס עֶס זָאל שַׁארְפִין דֶעם שֵׂכֶל אַזוֹי וִויא מוּסַר אוּן חָכְמָה:

---

א) אַמֶלֶךְ הָאט אַמָאל גִיזָאגְט צוּ זַיין קְנֶעכְט. פַאר וָואס הָאסְטוּ עוֹבֵר גִיוֶועןְ אוֹיף מַיין בֶּעפֶעל אוּן הָאסְט נִיטָאן דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעהֵייסֶען טָאן. הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט. אֲדוֹנִי הַמֶלֶךְ. אִיךְ בֶּעט עֶס זָאל דִיךְ נִישְׁט פֶערְדְרִיסֶען. עֶס אִיז אֶמֶת אִיךְ הָאבּ דָס גִיטָאן עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט גְוֶוען מִיט מַיין גִיטֶען ווִילֶען. נָאר אִיךְ הָאבּ עֶס גִיטָאן בְּאוֹנֶס. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט. וֶוען עֶס אִיז אַזוֹי. וֶועסְטוּ אוֹיךְ בֶּעקִימֶען גִיטֶע שְׁלֶעק נִישְׁט מִיט מַיין ווִילֶען נָאר בְּאוֹנֶס:

### צִינְג־וַאלְב :

צוּ מַאכֶען. צינג ואלב צוּ נֶעמִין 25 גְרַאם צינג אקסידה. 25 גְרַאם שטערקי מעהל. 10 דֶעקי וואזאליהן וַויים אָדֶער גֶעהֶל. דָאס גִיט דוּרְךְ מִישֶׁען. דָם צוּ קוֹיפֶען בַּיי ה' הִיבְּנֶער אִין לֶעמְבֶּערְג אָדֶער בְּאַפְּטֵייק :

## דָא גֶעפִינְט מֶען דֶעם סֵדֶר פוּן דִי ז' כּוֹכְבֵי לֶכֶת.
## הַיְינוּ דִי 7 שְׁטֶערִין וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוּם דִי וֶועלְט
## אוּן דִי פְּעוּלָה וָואס זֵיי טָאן :

דָער נָאמֶען פוּן דִיא זִיבֶען שְׁטֶערִין זֶענִין. **שבתאי. צדק. מאדים. חמה. נוגה. כוכב. לבנה.** זֵייעֶר סִימָן אִיז **שצ"ם חנכ"ל.** דָם אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי כּוֹכָבִים. אוּן דָאם וָואם אוּנְזֶערִי חֲכָמִים זָאגֶען דָם אַלֶע שָׁעָה אִיז שׁוֹלֶט אֵיין כּוֹכָב פוּן דִי כּוֹכָבִים וָואם גֵייאֶן אַרוּם דִי וֶועלְט. מֵיינְט מֶען נִישְׁט דָאם אַלֶע שָׁעָה גֵייט אֵיין אַנְדֶערֶער כּוֹכָב אַרוּם דִי וֶועלְט. נָאר אַלֶע שָׁעָה טוּהְט אֵיין אַנְדֶערֶער כּוֹכָב זַיין פְּעוּלָה אוֹיף דֶעם עוֹלָם הַתַּחְתּוֹן :

דִיא זִיבֶען שְׁטֶערִין גֶעפִינֶען זִיךְ אִין דִי זִיבֶען גַלְגַלִים וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוּם דִיא וֶועלְט. אִין דֶעם עֶרְשְׁטִין גַלְגַל אִיבֶּער דִיא אַלֶע גַלְגַלִים גֶעפִינְט זִיךְ דֶער שְׁטֶערִין **שבתאי.** אִין דֶעם אַנְדֶערִין גַלְגַל וָוס אִיז אִינְטֶער דֶעם עֶרְשְׁטִין גַלְגַל גֶעפִינְט זִיךְ **צדק.** אִין דֶעם דְרִיטֶען גַלְגַל גֶעפִינְט זִיךְ **מאדים.** אִין דֶעם פֶערְדֶען גַלְגַל גֶעפִינְט זִיךְ **חמה.** אִין דֶעם פִינְפְטֶען גַלְגַל גֶעפִינְט זִיךְ **נוגה.** אִין דֶעם זֶעקְסְטֶען גַלְגַל גֶעפִינְט זִיךְ **כוכב.** אִין דֶעם זִיבְּטֶען גַלְגַל וָואס אִיז אִינְטֶער אַלֶע גַלְגַלִים גֶעפִינְט זִיךְ **לבנה.** אוּן דוּרְךְ דִי מְשָׁרְתִים טוּהְט השי"ת פִיהְרֶען זַיין וֶועלְט. הַיְינוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ גִיט אִין זֵייא כֹּחַ אוּן רְשׁוּת דָאם זֵייא זָאלֶען טָאן זֵייעֶר פְּעוּלָה. אַטֵייל פוּן דִי כּוֹכָבִים זֶענִין וַוארֶעם. אַטֵייל פוּן זֵייא זֶענִין קַאלְט. אַטֵייל פוּן זֵיי זֶענִין פַייכְט. דִי כּוֹכָבִים (שְׁטֶערִין) וָואס זֶענִין וַוארֶעם זֶענִין מְקַבֵּל זֵייעֶר וַוארֶעם פוּן דֶער זִין. אוּן דִיא כּוֹכָבִים וָואס זֶענִין קַאלְט זֶענִין מְקַבֵּל דִיא קֶעלְט פוּן דֶעם וַואסֶער. פוּן מַיִם הָעֶלְיוֹנִים. אוּן פוּן מַיִם הַתַּחְתּוֹנִים. פוּן דִיא אֵייבֶּערְשְׁטִי וַואסֶערִין אוּן פוּן דִי אִינְטֶערְשְׁטִי וַואסֶערִין :

**נִמְצָא** אִיז דֶער חֶשְׁבּוֹן אוּן דִיא מֶמְשָׁלָה פוּן דִיא זִיבֶען כּוֹכָבִים וָואס זֵייעֶר נָאמֶען אִיז **שצ"ם חנכ"ל** אוֹיף דֶעם סֵדֶר. **כצנ"ש חל"ם** אִיז

דער

דָער אָהנְגֶהֵייבּ פון דיא נֶעכְט פון דֶער וָואך. און חל״ם כצנ״ש איז דָער
אָהנְגֶהֵייבּ פון די טָעג פון דֶער וָואך. הַיְינוּ במוש״ק די נַאכְט וָואס נִיהֶער צוּ
יום א׳ איז פון שָׁעָה 6 בּיז שָׁעָה 7 מְשַׁמֵשׁ כוכ״ב. און בְּיום א׳ אין דֶער
פְּרִיה פון שָׁעָה 6 בּיז שָׁעָה 7 איז מְשַׁמֵשׁ חמ״ה. און דיא נַאכְט וָואס
נִיהֶער צוּ יום ב׳ איז פון שָׁעָה 6 בּיז שָׁעָה 7 מְשַׁמֵשׁ צד״ק. און בְּיום ב׳
אין דֶער פְּרִיה פון שָׁעָה 6 בּיז שָׁעָה 7 איז מְשַׁמֵשׁ לבנ״ה. די נַאכְט וָואס
נִיהֶער צוּ יום ג׳ איז מְשַׁמֵשׁ נוג״ה. יום ג׳ אין דֶר פְּרִיה מַאֲדִים. די נַאכְט
וָואס נִיהֶער צוּ יום ד׳ שַׁבְּתָאִ״י. יום ד׳ אין דֶער פְּרִיה כוֹכָ״ב. דיא נַאכְט
וָואס נִיהֶער צוּ יום ה׳ חַמָ״ה. יום ה׳ אין דֶער פְּרִיה איז מְשַׁמֵשׁ צֶדֶ״ק. די
נַאכְט וָואס נִיהֶער צוּ יום ו׳ לְבָנָ״ה. יום ו׳ אין דֶער פְּרִיה נוֹגַ״ה. דיא נַאכְט
וָואס נִיהֶער צוּ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ איז מְשַׁמֵשׁ פון שָׁעָה 6 בּיז שָׁעָה 7 מַאֲדִי״ם.
שַׁבָּת קֹדֶ״ש אין דָער פְּרִיה פון שָׁעָה 6 בּיז שָׁעָה 7 איז מְשַׁמֵשׁ שַׁבְּתָאִ״י:
וְכֵן תַּעֲשֶׂה. און אזוי וָואלְסְט דו טָאן צוּ אַלֶע טָעג און צוּ אַלֶע נֶעכְט.
וָואלְסְטוּ טֵיילֶען וויפיל שָׁעָה עֶס איז דָא אין זֵייא. צוּ זִיבֶּען. אזוי וויא
דָאס בַּאדִינֶען פון דיא זִיבֶּען כּוֹכָבִים אין דיא אַלֶע זִיבֶּען שָׁעָה. אַלֶע שָׁעָה
טוּהְט אֵיין אַנְדֶערֶער כּוֹכָב פון שצ״ם חנכ״ל זַיין פְּעוּלָה. לְמָשָׁל אז דוּ
וָועסְט אָהנְגֶהֵייבֶּען פון שַׁבְּתָאִ״י וָואס עֶר איז מְשַׁמֵשׁ שַׁבָּת אין דֶער פְּרִיה
פון שָׁעָה 6 בּיז שָׁעָה 7. איז צֶדֶ״ק דיא אַנְדֶערִי שָׁעָה פון 7 בּיז 8. מַאֲדִי״ם
דיא דְרִיטֶע שָׁעָה פון 8 בּיז 9. חַמָ״ה דיא פֶערְדִי שָׁעָה פון 9 בּיז 10. נוֹגַ״ה
דיא פִינְפְטֶע שָׁעָה פון 10 בּיז 11. כּוֹכָ״ב דיא זֶעקְסְטִי שָׁעָה פון 11 בּיז 12
לְבָנָ״ה דיא זִיבּיטֶע שָׁעָה פון 12 בּיז 1. דֶער נָאך וָואלְסְטוּ נָאך אַמָאל אזוי
אָהנְגֶהֵייבֶּען צוּ רֶעכִינֶען. הַיְינוּ שַׁבְּתָאִ״י דיא אַכְטֶע שָׁעָה פון 1 בּיז 2. צֶדֶ״ק
די נַייְנְטֶע שָׁעָה פון 2 בּיז 3. מַאֲדִי״ם די צֶעהְנְטֶע שָׁעָה פון 3 בּיז 4. חַמָ״ה
דיא עֶלִיפְטֶע שָׁעָה פון 4 בּיז 5. נוֹגַ״ה דיא צְוָועלִיפְטֶע שָׁעָה פון 5 בּיז 6.
דָאס איז דֶער סוֹף פון שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. אצוּנְד איז כּוֹכָ״ב מְשַׁמֵשׁ דיא עֶרְשְׁטִי
שָׁעָה פון 6 בּיז 7 אין דיא נַאכְט וָואס נִיהֶער צוּ יום א׳ לְבָנָ״ה דיא אַנְדֶערִי
שָׁעָה פון 7 בּיז 8. שַׁבְּתָאִ״י די דְרִיטֶע שָׁעָה פון 8 בּיז 9. אזוי ווי דֶער סֵדֶר
איז פון דֶעם סִימָן שצ״ם חנכ״ל. אזוי ווי עֶס גֶעפִינְט זִיך בְּדַף ס״ב.
הִגַּה פון די זִיבֶּען שְׁטֶערִין וָואס זֵייעֶר נָאמֶען איז שצ״ם חנכ״ל קָען מֶען
פון זֵייעֶר טֶבַע ווִיסֶען! אין וֶועלִיכֶע שָׁעָה דֶער מוֹלָד נִיפַאלְט ווי אזוי
דֶער הוֹדֶשׁ וֶועט זַיין. לְמָשָׁל אז דֶער מוֹלָד נִיפַאלְט אין דֶער שָׁעָה וֶוען
דֶער כּוֹכָב שבתא״י טוּט זַיין פְּעוּלָה. וֶועט אין דֶעם חוֹדֶשׁ זַיין אַנְרוּיסֶע
קעלט

לוח פון די זיבען כוכבים וואס טאן זייער פעולה אלע שעה אין דיא זיבען טעג פון דער וואך. דער סדר פון זייער בעדינען אנאנגע וואך אין דיא 12 שעה פון דער נאכט נאך דעם סדר שצ״ם חנכ״ל :

| | פון שעה 6 ביז שעה 7 | פון שעה 7 ביז שעה 8 | פון שעה 8 ביז שעה 9 | פון שעה 9 ביז שעה 10 | פון שעה 10 ביז שעה 11 | פון שעה 11 ביז שעה 12 | פון שעה 12 ביז שעה 1 | פון שעה 1 ביז שעה 2 | פון שעה 2 ביז שעה 3 | פון שעה 3 ביז שעה 4 | פון שעה 4 ביז שעה 5 | פון שעה 5 ביז שעה 6 |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| צו ליל יום א׳ | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים |
| צו ליל יום ב׳ | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב |
| צו ליל יום ג׳ | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק |
| צו ליל יום ד׳ | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה |
| צו ליל יום ה׳ | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי |
| צו ליל יום ו׳ | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה |
| צו ליל שבת קדש | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה |

דער סדר פון זייער בעדינען אין די 12 שעה פון דעם טאג אנאנגע וואך נאך דעם סדר שצ״ם חנכ״ל :

| | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| צו יום א׳ | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי |
| צו יום ב׳ | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה |
| צו יום ג׳ | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה |
| צו יום ד׳ | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים |
| צו יום ה׳ | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב |
| צו יום ו׳ | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק |
| צו יום שבת קדש | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה | כוכב | לבנה | שבתאי | צדק | מאדים | חמה | נוגה |

קעלט און רעגן. און אז דער מולד וועט זיין אין דער שעה ווען צדק טוט זיין פעולה. וועט זיין אהאלבער חודש טריקען און אהאלבער חודש

פַּייכְט. אוּן אַז דֶער מוֹלָד וֶועט זַיין וֶוען מאַדיי״ם אִיז מוֹשֵׁל. וֶועט זַיין אַהַאלְבֶּער חוֹדֶשׁ טְרִיקֶען אוּן אַהַאלְבֶּער חוֹדֶשׁ פַּייכְט. אוּן אַז דֶער מוֹלָד וֶועט זַיין אִין דֶער שָׁעָה וֶוען חמ״ה אִיז מוֹשֵׁל. וֶועט דֶער חוֹדֶשׁ זַיין וַואַרֶעם אוּן טְרִיקֶען וֶוען עֶס אִיז אִין זִימֶער. אוּן וֶוען עֶס אִיז אִין וִוינְטֶער וֶועט דֶער חוֹדֶשׁ זַיין קַאלְט אוּן טְרִיקֶען. אוּן אַז דֶער מוֹלָד וֶועט זַיין וֶוען נוֹג״ה אִיז מוֹשֵׁל. וֶועט זַיין אַפֶּערְטִיל פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ רֶעגִין. אוּן אִין וִוינְטֶער שְׁנֵיי אוּן וִוינְד. אוּן אִין דִיא אִיבְּרִיגֶע טֶעג וֶועלִין זַיין מִיטְלֶע וֶועטֶערוּנְגֶען אוּן דִיא זִין וֶועט שַׁיינֶען. אוּן אַז דֶער מוֹלָד וֶועט זַיין וֶוען כוכ״ב טוּט זַיין פְּעוּלָה. וֶועט דֶער חוֹדֶשׁ זַיין קַאלְט אוּן טְרִיקֶען וּבִפְרַט אִין וִוינְטֶער. אוּן אַז דֶער מוֹלָד וֶועט זַיין אִין דֶער שָׁעָה וֶוען לבנ״ה אִיז מוֹשֵׁל. וֶועט זַיין אַהַאלְבֶּער חוֹדֶשׁ וִוינְד אוּן רֶעגִין. א) אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע טֶעג וֶועט זַיין אַבִּיסִיל וִוינְד אוּן דִי זִין וֶועט שַׁיינֶען:

אַזוֹי אוֹיךְ דָאס עֲנִיוּת אוּן עֲשִׁירוּת פוּן יֶעדֶען מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ אִיהְם אַזוֹי וִוי דָאס מַזָל וָואס עֶר אִיז אִין אִיהְם גֶעבּוֹירֶען. נִיט אָדֶער שְׁלֶעכְט. אַזוֹי וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין מַסֶכֶת שַׁבָּת רַבִּי חֲנִינָא הָאט גִיזָאגְט מזל מחכים מזל מעשיר. דָאס מַזָל מַאכְט קְלִיג אוּן דָאס מַזָל מַאכְט רַייךְ. נָאר וֶוען אֲפִילוּ מֶען אִיז גֶעבּוֹירֶען אִין אַמַזָל וָואס אִיז נִישְׁט גִיט. קֶען דֶער מֶענְטְשׁ דוּרְךְ תְּפִלָּה אוּן צְדָקָה אוּן תַּעֲנִית אוּן תְּשׁוּבָה מְשַׁנֶה זַיין דָאס מַזָל דָם עֶס זָאל זַיין גִיט. וָוארִין אַלֶע זַאכֶען זֶענִין נָאר מִיט דֶעם רְצוֹן פוּן הַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ:

דֶער עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ שְׁרַייבְּט דָאס עֶס אִיז בְּקַבָּלָה פוּן רַבֵּינוּ יהודא החסיד אַז דֶער וָואס עֶס זָאגְט אַיֶעדִין טָאג דִיא דְרַייא פְּסוּקִים. גְלַייךְ אוּן צוּרִיק וֶועט נִיצוֹל פוּן אַיֶעדִי צָרָה:

אַתָּה סֵתֶר לִי מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה. סֶלָה תְּסוֹבְבֵנִי פַלֵּט רָנֵּי תִּצְּרֵנִי מִצַּר לִי סֵתֶר אַתָּה: בטחו בַה׳ עֲדֵי עַד כִּי בְּיָהּ ה׳ צוּר עוֹלָמִים. עוֹלָמִים צוּר ה׳ בְּיָהּ כִּי עַד עֲדֵי בַה׳ בִּטְחוּ. ה׳ עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן ה׳ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם. בַּשָּׁלוֹם עַמּוֹ אֶת יְבָרֵךְ ה׳ יִתֵּן לְעַמּוֹ עֹז ה׳:

---

א) בָּאֵר הַשִׁי״ת קֶען מְשַׁנֶה זַיין דִי צַיִיט נָאךְ זַיין רָצוֹן. וָוארִין עֶר בֶּעשַׁאפְט דֶעם וִוינְט. אוּן דִי כּוֹכָבִים קָאן נִישְׁט אַלַיין זַייעֶר פְּעוּלָה זַייא זֶענִין נָאר וִויא אַשְׁלִיחַ צוּ טָאן דָאס שְׁלִיחוּת פוּן הַשִׁי״ת:

# תם ונשלם שבח לאל בורא עולם

# ספר

# עלה לתרופה

מאת הגה"צ מוה"ר יהושע אלתר ווילדמאן
זצ"ל אב"ד קאנסקיוואליע. והוא מלא
ובדוש עם דינים נחוצים למען דעת האיך
להתנהג בכמה ענינים מידי יום ביומו .

ב"ה

## הקדמה מאת המוציא לאור

ישמחו היראים ויעלזו החסידים בהגלות נגלות להם אור יקר אוצר כל כלי חמדה הקונטרס **עלה לתרופה** מאת הגה"צ מוה"ר יהושע אלתר ווילדמאן זצ"ל אב"ד קאנסקיוואליע. שהי' מפו רסם בצדקתו ויראתו וחיבר כמה ספריםהן בעניני פלפול והן בעניני מוסר ויראת שמים שנתקבלו בתמימות בכל תפוצות יש ראל. והנה הספר הזה הוא מלא וגדוש עם דינים נחוצים ומהם דינים שנעלמו אפי' למופלגי תורה ויראים ובעוה"ר ספה תמה הספר הזה שחשוב ונחוץ לכל יהודי ירא ושלום למען דעת האיך להתנהג בכמה ענינים מידי יום ביומו. לכן נתתי להוציא לאור הספר הנחמד והקדוש הזה לזכות את הרבים ויהי' לתועלת גדול לתופשי התורה והיראים כמו שיראה הקורא בו. וכמו שהוצאתי לאור הספר הק' ואמרו אמן מהמחבר הזה ושם נדפס ג"כ הרבה הסכמות מהגדולים הגאונים דאז וב"ה נתקבל באהבה בין לומדי התורה והיראים כמו כן אקוה שג"כ את הספר הק' הזה יקבלו בחיבה ויהיה זה לתועלת נשמת אבי מורי הרה"ת המפואר מוה"ר ישעיה זאב בה"ר משה אלי' שליט"א שנפטר בחצי ימיו ביום כ"ט חשון תשכ"ב נ"ע. ויה"ר שזכות המחבר יעמוד לנו שנזכה לקיים את כל הדברים הקדושים המובאים בספר הקדוש הזה לעבוד את השי"ת באמת ובתמים ולהטהר ולהתקדש בקדושה של מעלה עד ביאת ב"צ אמן ואמן.

המו"ל ה"ק שלו' יהודה בראס

בעה"י                                    עמ"י עש"ז

# הקדמה

יהי לבי תמים בחקיך למען לא אבוש.
הדריכני בנתיב מצותיך כי בו חפצתי.
ואשתעשע במצותיך אשר אהבתי.
הורני ד' דרך חקיך ואצרנה עקב.

יתברך היוצר וישתבח שם עליון. אשר בעם טהור רצה ובחר בהם והנחיל להם מורשה היא התורה הקדושה. אשר האציל מהודו לעם קדשו. והנחיל לנו תורת אמת על הר סיני. אשר שם היינו כולנו יחד לקבל התורה. כמ"ש (דברים כ"ט י"ד) את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה עמנו עומד היום. ואחז"ל שכל הנשמות שעתידין להבראות הי' שם. הובא בכלי יקר ובאלשיך הקדוש שם. וכתב בס' חסדי אבות להגאון הקדוש רחיד"א זצ"ל על המשנה פ"ג דאבות מ"ח כל השוכח דבר אחד ממשנתו מעלה עליו הכתוב כאילו מתחייב בנפשו. ופי' שם וז"ל אפשר לומר בזה שידוע כי כל אחד קיבל חלקו בתורה בסיני ואם הוא זוכה הוא מוציא לאור את אשר קבלה נשמתו והחידוש ההוא אין אחר יכול לחדשו יען כי הוא חלקו. וע"כ אם זכה וחידש החידוש אשר קבלה נשמתו בה"ס ולא הוציאו לאור ועי"ז אח"כ שכוח מעיקרא והו שאמר התנא כל השוכח דבר אחד „ממשנתו" דייקא מה שהוא קיבל בה"ס ושייך לשורש נשמתו ה"ז מתחייב בנפשו כי אדם אחר אין יכול לחדשו עכ"ל:

לכן לבי עוררני לדשום בעט ועופרת את חידושי מה שחנני ד' והעליתי במצודתי בעוה"י ואף גם את אשר קבלתי ולקטתי מפי סופרים גאוני הדור יהי נועם ה' עליהם ומפי ספרים שונים יקרי המציאות אשר כתבתי לעצמי לזכרון עולם. והנה באתי בעת ג"כ להעלותם על מכבש הדפוס לזכות את הרבים. ואקוה להשי"ת כאשר עזרני בחסדו הגדול זה כמה שנים והוצאתי לאור את ספרי בנין יהושע.

ואודה לד' אשר עזרני עד כה שנתקבל ספרי אף אצל גאוני ישראל וכבר הובא ספרי בנין יהושע בשו"ת רש"ם חלק ג' סי' צ"ז וסיפר לי מכבר איש ת"ח גדול תלמוד רבינו הגדול הגאון הקדוש אדמו"ר מוהר"א מסאבאטשאן זצוקללה"ה. מו"ה אלטר וויינרייך מטאריק עה"ש. איך כאשר כ"ק אדמו"ר פלפל עמו בחכמה במיני' דשמא יחפה. ואמר לו הר' אלטר הנ"ל איזה סברה שם וענה לו כ"ק אדמו"ר זצלה"ה כבר סברתך אמורה בס' בנין יהושע והשיב לו ר' אלטר הנ"ל ברוך שכיונתי. כן הובא ספרי כ"פ בספר טעמי המנהגים השלם ובעוד ספרים. כן אקוה ואתפלל להשי"ת יהא רעוא דאימא מילתא חדתא דתתקבל כאשר אצלי מסודר על כל מסכת גיטין מיוסד על אדני הפלפול וב"ה כאשר הראתיו לגדולי ישראל וענו ואמרו כולם אשר החיבור הזה על מס' גיטין יהי' לתועלת גדול לתופשי התורה ולומדי'. ע"כ באתי בעת לזכות את נשמתי העלובה כי לא ידע האדם את עתו ומה יולד יום. ולהדפיס חידושים יקרים בעזה"י על מס' גיטין דף על דף. וקימתי בנפשאי אשרי מי שבא לכאן ותלמודו „בידו" כלומר מה שכתב „בידו" וע"כ קראתיו בשם עמק יהושע עשה"כ וילן יהושע בעמק ודרשו רז"ל במגילה (דף ג') שלן בעומקה של הלכה. ומחמת שכבר נמצא ספר עמק יהושע מרב האי גאון וצדיק ר' יהושע אייזיק חריף אבד"ק סלאנים זצללה"ה ועוד ראיתי ספר קטן עמק יהושע מגאון קדמון אשר הבאתיו בברכ' יהושע לזאת הוספתי תיבת אחרון ויקרא שמו עמק יהושע אחרון

# הקדמה

**האמנם** זה חנני מדפיס בסוף ספר. קונטרס **עלה לתרופה** עם הרבה הוספות נחוצות שהוספתי בו דברים נחוצים אשר נעלמו אפילו מאנשים מופלגים והצגתים לזכות את הרבים. ופ"א לאחר עטיפתי בטלית שלי שאלתי למופלגים איזה כוונה צריך לכוון בשעת עטיפה ולא היו יודעים מה להשיב לי. ואמרתי להם הלא זה הוא מחבר מפורש בסימן ה' סעיף ח'. יכוין בהתעטפו שציונו הקב"ה להתעטף בו כדי שנזכור כל מצותיו לעשותם. וכן הרבה דברים נחוצים יש מה שנעלמו מהרבה אנשים אפילו למופלגים וידאים. ומהדי במרומים אשר כוונתי לזכות את הרבים בזה. כמו שיראה הרואה. גם תקנתי בו איזה שגיאות ושבושים אשר א"א להרפים כמו שנדפס בהעלה להתרופה הישנה.

**א'** מש"כ בהע"ל הישנה סי' ב' כי מצד הדין מותר לדבר אחר ברכת המפיל וכו' א"כ מותר לדבר ולאכול ולשתות אם הוא נחוץ לכך עכ"ל. הוי ואבוי מאן חשיב ומאן ספין לדחות דברי רבינו משה הרמ"א ז"ל בסימן רל"ט סע"א שכתב שם בפירוש ואין אוכלים ושותים ולא מדברים אחר ק"ש שעל מטתו. הרי זה מבואר להיפך ממה שהוא כתב בהעל"ת הישנה. וכן מה שכתב שם הלאה רק הרמ"א הביא בשם הכלבו והרוקח נהגו שלא לדבר וכו' עיי"ש כי בסח"כ טעה המחבר בזה כי בפירוש סתם הרמ"א דינו ולא כתב נהגו. ומש"כ שם בשם הרב הגאון הקדוש רבינו **חיים מצאנז** שמוטב להפסיק בדיבור כ"פ אחר ברכה המפיל ולא יישן פ"א בלי ברכה. ואולי אמר כן בהתי ספק אצלי. שכוונתו הי' שיותר חמור לישן בלי ברכת המפיל מלהפסיק בדיבור אבל בודאי ח"ו אינו מתיר להפסיק בדיבור נגד דברי רבינו הרמ"א ז"ל כי מאן חשיב ומאן ספין לדחות דברי רבינו הרמ"א ז"ל דאוסר לדבר מה שכל נושאי כליו בש"ע לא התעוררו בזה מאומה.

**עוד** מה שכתב בסי' ז' כשאוכל לאקשן עם באבעליך אם הבאבעליך הם הרוב יברך ב' ברכות. והוא להיפך דעת כל הראשונים והאחרונים כמ"ש אני בפנים שבולם פסקו שאפילו אם החבשיל של המין דגן הם המיעוט יברך רק במ"ס ועל המחי' ולא יברך אלא ברכה אחת וכמבואר כ"ז במשנה ברורה רס"י רי"ב ובביאור הלכה שם דמדחה דעה זו בשתי ידים ורק כמו שכתבתי בפנים יעו"ש.

**לזה** אמרתי כנבר חלצי והקנתי בו את כל השבושים והוספתי בעזהשי"ת דינים וענינים נחוצים לכל איש ישראל. וכל מה שאני הוספתי הצגתי לסימן כוכב כזה * למען שידעו שזהו הוספה שלי. ובע"ה רבים וכן שלמים העתירו כי למהר הדפסתי לזכות את הרבים ואקוה כי זה יהי' בעזהשי"ת לתועלת רב אפילו למופלגי תורה להזכירם הדינים הנזכרים פה.

**ואחרי** כן אבוא לסיים את ספרי בטהרה להרפים קונט"ם **שער הטהרה** למען לזכות את הרבים ולהודיעם את גודל החיוב של הטבילה. מכל גדולי הפוסקים הראשונים ואחרונים והראיתי כי לא לבד מכתא דחסידותא הוא לפנים משורת הדין רק עפ"י דתוה"ק מש"ס וגדולי הפוסקים ראשונים אחרונים וזוה"ק וספרי יראים ראשונים ואחרונים. אשר בטהרה זו של הטבילה מביא לידי קדושה גדולה. והשי"ת יטהר את לבבינו לעבדו באמת ביראה ובאהבה ויקרשנו במצותיו ונזכה לביאה הגואל בב"א.

**נאום** הק' **יהושע אלטר ווילדמאן** אב"ד דפ"ק **קאנסקיוואליא** ולפנים מו"צ בק"ק **ווארשא** ברחוב משארניקאווסקי בעהמ"ח ספר **בנין יהושע** וספר **ברכת יהושע** בלאאמו"ר הרב הגאון הצדיק ר' **אלימלך** אבד"ק **מיזאמש** זצללה"ה. ואח"כ אוה למושב לו בתוכבי ירושלים תוכב"א ושם מנ"כ. נכד הרב הגאון הצדיק המפורסם ר' **צבי** זצללה"ה. שהי' ראבד"ק **ווארשא**, כימי הרב הגאון הצדיק בעל **חמדת שלמה** נכד האי סבא קדישא מלאך אלקים צבאות הרבי ר' **אלימלך מליזענסק** בעהמח"ס **נועם אלימלך**, זצוקללה"ה. ולמעלה בקודש אבותי הרבנים הגאונים הקדושים והצדיקים **הרמ"א והתוי"ט** והבעל **מגלה עמוקות** כלם זצוקללה"ה זי"ע ועכי"א:

**נתברך** לפ"ק פ"ק **קאנסקיוואליא**

# ספר

# עמק יהושע אחרון

## כולל

## ספר

# עלה לתרופה

## עם הוספות נחוצות לכל איש ישראל.

א) **בש"ע** או"ח (סימן נה ס"ב) מצוה לקרא ק"ש כותיקין קודם הנץ החמה, אך לאו כל אדם יוכל לעשות כן, וסכל מקום אף על פי שלא קראה כותיקין יש לו למהר לקרותה כל מה שיוכל. ועיין בבית יוסף (סי' מו) כתב שבכל רגע שיכול להקדים הקריאה שמע חייב להקדים, ומביא הירושלמי שכן היה הבנהג בימיהם אם היה איזה סכה שלא יכלו לקרות ק"ש בברכותיה קודם נץ החמה היו קורין תיכף כשהניחו תפילין כל הג' פרשיות, וכן כתב בהגהת לבושי שרד בסי' נח ס"ב), לכך יזהר מאד כל אדם אחר שבירך ברכת התורה אם כבר הניע זמן קריאת שמע יקרא תיכף כל השלש פרשיות, שמע, והיה אם שמ'ע, ופרשת ציצית, עד אני ה' אלהיכם אמת, ולא סגי בפרשת שמע לבדה, ואפילו מי שרעתו להתפלל תיכף מ"מ נכון הדבר לקרות כל הג' פרשיות תיכף אחר ברכת התורה, שכן כתב המקרש מלך בפרשת בלק (דף קפו) בפי' הרמ"ז וזה לשונו, קבלנו ממורנו האר"י ז"ל, כשאדם ישן בלילה נשמתו מסתלקת ושורה על גופו רוח הטומאה, וכשקם בבקר אפילו יעסוק בתורה ויעשה כמה מצות אין רוח הטומאה סר מרמ"ח אבריו עד שיקרא רמ"ח תיבות הק"ש, שסגולת קריאת שמע שכל תיבה מטנה מפנה רוח הטומאה מאבר אחד, ומי שלא קרא קריאת שמע בעונתה נהפך מן רמ"ח לחרם חס ושלום ותפלתו ותורתו של כל היום אין עולה למעלה, ולכך אפילו רשב"י וחביריו שהיו פטורים מתפלה חייבים בקריאת שמע, שאם לא כן אין תורתו מתקבלת והיה לחרם ח"ו, עד כאן לשון המקרש מלך. אם כן שפיר כתב הש"ע שצריך לקרותה במהרה כל מה שיוכל. * וכן כתב הפר"ח (סי' פו סק"ט) דצריך לקרות כל הג' פרשיות מיד כדי להכיר יציאת מצרים בזמן ק"ש מטעמא דמוכח כש"ם מההיא דרבי בברכות (ינ ע"ב) דקמהדר רבי אשמעתהא דיציאת מצרים להכיר יציאת מצרים בזמנה ופירש"י שם בזמנה בזמן ק"ש:

**ואין** לחוש במה שקורא ק"ש בלא תפילין, כי מה שאמרו רז"ל הקורא ק"ש בלא תפילין כאלו מעיד עדות שקר, דוקא אם אינו מניח תפילין כלל, אבל אם מניח תפילין אחר כך מותר לקרות ק"ש בלא תפילין, וכן אמר הה"ק רבינו יעקב יצחק מלובלין זצלה"ה, והביא ראיה מראמרינן בגמרא הקורא קריאת שמע בלא תפילין כאלו הקריב זבח בלא נסכים, והרי קי"ל המקריב זבח היום מביא נסכים אפילו למחר, כן הכא אם מניח תפילין אחר כך לית לן בה. וכן הסכים הלבוש והרב הגניא בש"ע וכן נהגו כל צדיקי וגאוני הדור לומר מיד כל השלש פרשיות כדברי המקרש מלך והפר"ח הנ"ל:

ב) **אך** דע כי יש ב' זמנים לומר ק"ש, זמן אחד כותיקין, זמן שני עד רביע היום, ולדעת הש"ע וכל האחרונים היינו לפי היום אם ארוך אם קצר, נמצא בימי הקיץ שהיום ארוך י"ח או י"ט שעות, יש כמה ימים שזמן ק"ש הוא עד רבע שעה על זיבען או האלב זיבען, וצריך ליזהר לקום מקודם שעה אחת כדי שיפנה ויטול ידיו ויניח טלית ותפילין ויקרא ק"ש, ואם רואה חבירו ישן חייב להקיצו שיפנה ויקרא ק"ש בזמנו:

ג) **אמנם** יש דעה ג' שבין בקיץ ובין בחורף זמן ק"ש הוא עד זייגער 9 כי הזמן הוא כמו בגן עדן שתמיד היום הוא י"ב שעות ולילה י"ב שעות וכ"ד הפ"י וכ"ד הרב הגה"ק ר' יצחק איזיק ספרין מקאמארנא זצ"ל בספרו עצי עדן על המשניות. * ובספרו אוצר החיים עת"ח בפ' ואתחנן כתב וז"ל שלדעת זאת הסכימו

בל

